STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02727

DERTSEYLUNGEN UN NOVELN

M. Daniel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Yid.
D184
c.1

מ. דאניעל

דערציילונגענ אונ נאָוועלנ

צווייטער באַנד

אוקרמעלוכנאצמינדפאַרלאַג
1935

Бібліографічний опис
цього видання вміщено в
„Літописі Украін. Друку“,
„Картковому репертуарі“
та інших покажчиках
Українськ. Книжк. Палати

א. פ. ק. פּ. ט.
8־טע פּאָליגראַפישע פאַבריק
כאַרקאָוו, „טשערוואָני ריאַדי 25–28

אוקרהויפטליט 3944
באַשט. 1400. טיראַזש 2000
1935

די אקאדעמיע פונ ביאָגראפיעס

(אויסגענוצט נאָטיצנ פונ א מיטאַרבעטער)

„זייענדיק אַרויסגעשטויסנ פונ דער קאָליע און צעוואַרפנדיק זיך איבערנ גאַנצנ פסר״ר, זיינענ די־דאָזיקע געוועזענע מענטשנ זיך פאַנאַנ־דערגעקראָכנ איבער אונדזיריע זאַוואָדנ און פאַב־ריקנ, איבער אונדזערע אַנשטאַלטנ און האַנדל־אָרגאַניזאַציעס, איבער די אונטערנעמונגענ פינעמ אייזנבאַנ און וואַסער־טראַנספּאָרט און דערהויפּט — איבער די קאָלווירטנ און ראַטווירטנ, פאַנאַנדער־געקראָכנ און זיך באַהאַלטנ דאָרט אונטער דער מאַסקע פונ „אַרבעטער“ און „פּויערימ“. דערביי זיינענ אייניקע פונ זיי דורכגעקראָכנ אַפילע אינ פּאַרטיי“ *.

סטאַלינ.

ערשט קאַפּיטל

עטלעכע פונ מײַנע גאָר נאָענטע פרײַנט זײַנענ הײַנט אַוועקגעפאָרנ אינ ווײַטע דערפער, — אַפנ פרילינג־פאַרזיי. פאַר זייער אַוועקפאָרנ האָבנ מיר לאַנג גערעדט וועגנ די לעצטע מיטיילונגענ.

די מיטיילונגענ האָבנ צו מיר אַ מאָדנע זײַטיקע שײַכעס. עטלעכע מאָל האָב איכ איבערגעלייענט דאָס צעטל פאַמי־ליעס, אַלצ געזוכט זייער אַ וויכטיקע פאַמיליע, אַ פאַמיליע, וואָס האָט, נאָכ מײַנ רעכענונג, געדאַרפט זײַנ אינ צעטל, און — ניט געפונענ.

* באַריכט אפנ פאַרייניקטנ פלענומ פונ צ.ק. און צ.ק.ק. אל.ק.פ.(ב.) 7 יאַנוואַר 1932 יאָר „פּראָגרעס פונ לעניניזמ“ נ. 570, 10, רוסישע אויפלאַגע.

און עפּשער:

און עפּשער האָט ער די לעצטע צײַט געלעבט אונטער אַן אַנדער נאָמען. ער בײַט דאָך אַזוי אָפּט די נעמען און באַשעפטיקונג...

אין זיקאָרן שווימט אַרויס אַזוי בולעט די באַגעגעניש:

אין זשיטאָמירער שטאָט־טעאַטער איז מײַנער אַן אָוונט. איך בין שוין מיד פון ריידן און פאָרלייענען און בעט מײַנע פרײַנט מיך פאַרבײַטן.

איצט, ווען די כאַוויירים ריידן, האָב איך אַ מעגלעכ־קייט באַקוקן דעם עולעם:

באַ דער סאַמע טיר שטייט אַ יונגערמאַן אין אַ ברייטער זומערדיקער פּאַנאַמע און געקעסטלטן אנצוג. פונדערווײַטנס, פון פּרעזידיום־טיש זעט מען בלויז, ווי ער שטייט די גאַנצע צײַט אַליין און אָפּגעזונדערט, קוקט ניט אַפּ די רעדנער און עולעם. אָפּט שלעפּט ער אַרויס פון קעשענע אַ העפט, לייגט זי אָבער גלײַך צוריק אַרײַן אין בוזעמקעשענע, און קוקט אָנגעשטרענגט צו מיר, פונקט ווי אַכוצ מיר וואָלט מער קיינער אין זאַל ניט געווען.

ס׳איז קלאָר:

אַ לערער פון א טעכניקום, אָדער גלאַט אַ היגער אײַנוווינער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אָדער אַ פּאָעמע, און פירט מיט זיך אַליין אַ וויקועכ: געבן מיר עס איבער־לייענען און בעטן איבערגעבן אין אַ רעדאַקציע, אָדער ניט?..

אַזוי בין איך דאָך אויך מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאַנען אַן איינזאַמער און פאַרלוירענער צווישן גרויסן עולם, געקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן אַפן פרעזידיום־טיש און געזוכט מיטלען, ווי צו מעלדן די שרייבער, אַז איך האָב צו זיי אַ נאָענטע שייכעס, אַז זיי דאַרפן און מוזן מיך באַמערקן.

איך האָב געטראָפן:

דער יונגערמאַן אין דער זומערדיקער פּאַנאַמע און געקעסטלטן אנצוג האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם ניסאָיען.

אָן טומל, זייטיק, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טריבונע, מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ דינע העפט און אָן ווערטער מיר דערלאַנגט.

איצט, ווען ער איז געשטאַנען נאָענט לעבן מיר, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער איז גאָרניט אַזוי יונג, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט פונדערווייטן:

די הויט אַפן זיינע פּולבלעכע פּאָנעם איז געווען געל און אָפּגעלעבט, אונטער קלוגע פאַרשיקערטע אויגן זיינען געלעגן שווערע קישעלעך, זיינע גראָבע אויסגעקאַשערטע ליפּן זיינען געווען צעשפּאָלטן און צעטריקנט.

— אַ ראָמאַן?

ער האָט שלעכט אַ שמייכל געטאָן, און איך האָב דערזען אַ מויל מיט געלע צעפוילטע ציין.

— ניין. איך פאַרנעם זיך ניט מיט אַזוינע זאַכן... אַכוץ דאָקומענטן און בריוו האָב איך אַפּ מיין לעבן גאָרנישט געשריבן.

— ס'איז אויך ליטעראַטור—האָב איך זיך באַמיט אַרײַנ־פאַלן אין זײַן סקעפּטישן טאָן.

— אָבער מע צאָלט דערפאַר מיט אַן אייגנאַרטיקן האָנאָראַר—האָט ער זיך פּלוצים זויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט.

— אַז איר וועט איבערלייענען, וועט איר פאַרשטיין.

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— קימאַט ווי גאָרניט,—האָט ער פרעך געשמייכלט—דאָ אין דער העפט איז באַשריבן עטלעכע פאַקטן פון מײַן פּרײַנטס לעבן און דענקען. איך זאָג מיט א קיוון דענקען, ווײַל אַ פּראַקטיקער איז ער געווען אַ שלעכטער, קימאַט אַ טויגעניכץ. ווי מע רופט אים?—וועט איר זיך דערוויסן פון די נאָטיצן. איר קאָנט די פאַקטן אָפּדרוקן אַזויווי זיי זײַנען. איר קאָנט פון זיי מאַכן אַ ראָמאַן, פּיעסע, פּאָעמע. מיר גייט עס ווייניק אָן. נאָר איין זאַך וועל איך אײַך שטארק בעטן: — מאַכט ניט צו געדיכט די פאַרבן. מיר נודעט פון די איצטיקע ראָמאַנען: כאַפּן זיי אַרײַן אונדזערן אַ מענטשן—איז ער ניט אַנדערש, ווי אַן אידיאָט, אַמאָרעצ, דעגענעראַט, מענוואָל.

— איר האָט זיך ווו געלערנט, געענדיקט?

— איך האָב געענדיקט די אקאַדעמיע פון מײַן פרײַנט... פאר מיר איז עס גענוג! איבערגענוג... אויב איר ווילט וויסן, פאַרוואָס איך גיב אײַך איבער די נאָטיצן, וועל איך אײַך זאָגן אָפן: איך קלײַב זיך קיין אויסלאַנד. אין א וויסנשאַפטלעכער קאָמאַנדירונג. דער וועג מײַנער

וועט זיין א שווערער. איך וועג קאָנען די נאָטיצן גיין פארלוירן...

— פארוואָס גיט איר זיי ניט איבער אין א רעדאקציע?

— איך גלויב ניט, אז מע וועט זיי דרוקן. איך בין זייער אַ שלעכטער ליטעראַט. אַפילע אין זיבעטן קלאַס האָב איך, ווי אלע אָדעסער גימנאַזיסטן, געטראַכט, אַז פון מיר וועט אַרויס א באוווּסטער שרײַבער... אָדעס איז א שטאָט, ווו עס ווערן געבוירן געניאלע גאַנאָווים אָדער באַוווּסטע שרײַבער. דער קלימאט איז דאָרט אזאַ... אויב איר וועט באשליסן אָפדרוקן מײַנע פאקטן, זאָלט איר באטאָנען, אז איר האָט אויסגענוצט נאָטיצן פון א נאָענטן מיטארבעטער... די לעצטע צײַט האָט מען אַפ מײַן לערער גענומען גיסן שמוץ פון אַלע עמער. יעדער שרײַבערוק, יעדער צײַטונג־שמירער האַלט פאַר זײַן הייליקן כויוו אַרײַנרוקן זײַן טעמפּע פען אין דער נעשאָמע ארײַן... און מיר טוט עס וויי! איך וויל, אז מע זאָל וויסן דעם עמעס וועגן מײַן לערער. אזוינע מענטשן ווערן געבוירן איין מאָל אין אן עפּאָכע! האָט עס אינזינען, ווען איר וועט לייענען די נאָטיצן.

צווייט קאַפּיטל

נײַן. דער יונגערמאַן אין דער זומערדיקער ברייטער פּאנאמע און געקעסטלטן אנצוג האָט קיין שרײַבערישן טאַלאַנט ניט פאַרמאָגט.

פונ די צוואַנציק געדיכט־פאַרשריבענע בלעטלעכ האָט ארויסגעכיכיקעט א שיקערער, געוועזענער אינטעליגענט.

צעריסענע, צעפלאָנטעוטע פאקטנ אונ ניט באדײַטנדיקע אײנצלהײַטנ האָבנ זיכ אויסגעמישט מיט פובליציסטישע ארויסזאָגונגענ פונ זײַנ לערער.

צענדליקער נעמענ אונ אַדרעסנ האָבנ זיכ באוויזנ אפ יעדנ בלעטל אונ געוואָרנ פארשווונדנ אפ די ווײַטערדיקע.

קלײנלעכע מײַסימ האָבנ זיכ געקײטלט אָנ קרימינעלע פארברעכנס אונ פאָשעטע ליגנס וועגנ דער אַקאַדעמיע פונ ביאָגראפיעס.

פריער האָב איכ געטראַכט: די נאָטיצנ אָפדרוקנ אזוי־ווי זיי זײַנענ, אונ שוינ איבערלאָזנ פארנ לײענער די ארבעט פונ אָפטײלנ אונ אויסקלײַבנ די מער וויכטיקערע געשעענישנ.

שפעטער האָב איכ זיכ דערמאָנט, אז דער זשאנר פונ פרעמדע נאָטיצנ איז שוינ זײער אנ אלטער אונ אויסגעפרווטער, אונ אסאַכ פונ די באוווסטע שרײַבער האָבנ אימ באנוצט.

אונ דאָכ... אונ דאָכ איז בא מיר אַפנ שרײַבטיש געלעגנ אַנ עמעסע העפט, עמעסע צוואַנציק זײַטלעכ פאר־שריבענע מיט א קרומענ געדיכטנ קסאַוו פונ בײדע זײַטנ.

אונ איצט, מיט יאָרנ שפעטער, ווענ איכ פארעפנטלעכ די קורצע נאָוועלע וועגנ דער מאָסקווער אַקאַדעמיע, האַלט איכ פאר מײַנ פראָפעסיאָנעלנ כויוו נאָכאַמאָל באַטאָנענ:

די פאקטנ, ווי אויכ די טעזיסנ אונ פובליציסטישע ארויסזאָגונגענ פונ איר שעפער, זײַנענ גענומענ פונ די

נאָטיצן, וואָס מיר האָט איבערגעגעבן דער מיטארבעטער אין זשיטאָמיר. ווי יעדער שרײַבער, האָב איך זיך גענומען דאָס רעכט צו פארוואנדלען די צעוואָרפענע פאקטן אין איין גרעסערער נאָוועלע, און אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון רוסיש־ייִדישן זשאַרגאָן, אין וועלכן די נאָטיצן זײַנען אָנגעשריבן.

דריט קאַפּיטל

„ЗАКАВКАЗПРЕДВИНКУСТПРОМ"

דער יונגערמאן אין דער זומערדיקער פּאַנאַמע און געקעסטלטן אנצוג איז געבליבן שטיין באַם קליינעם בלעכענעם שילדל מיטן לאַנגן יעראָגליפישן אָנשריפט און גענומען הויך שיפרירן: זאַקאַווקאַזער פאָרשטייערשאַפט קוסטארישער ווײַן־פּראָדוקציע.

דערנאָך האָט ער פון דיקן פּאָרטפעל באַקומען א דינינק בלאָקנאָטל, ארײַנגעקוקט, צי דער נומער אין בלאָקנאָט און אַפּן מויער פאלט צונויף, און שוין זיכער אָנגעקלונגען.

לאַנג איז ער געשטאַנען אַפּן גאַניק בא דער פאר־שפּאַרטער טיר און געגעבן אַ מעגלעכקייט די פארבײַגייער באַקוקן זײַן הוילעכ.

קיין גרויסן נײַגער האָט ער באַ קיינעם פון די מאָס־קווער אײַנוווינער ניט אַרויסגערופן: — איינער פון אַסאך מיטעלע ראַטן־אָנגעשטעלטע, וואָס קלינגט אין אַ טיר פון א ראַטן־אנשטאלט נאָך דער ארבעט־צײַט...

די טיר האָט געעפנט א הויכע פולע קוריערשע אין ג׳ ברוינעם קאָרטענעם כאַלאַטל און רויט טיכל:

— וועמען דארפט איר?

— גיט איבער נאַטאַן פעטראָוויטשן, אז מיכאיל פערטשיק איז געקומען.

— פערסיק? — האָט די קוריערשע גוטמוטיק איבערגעפרעגט.

— ניט פערסיק, נאָר פערטשיק.

די קוריערשע איז ניט אוועק. זי איז געשטאַנען האַרט נעבן אַרײַנגעקומענעם, און שמייכלענדיק געקוקט אין זײַנע ניט־געשלאָפענע, פרעגנדיקע אויגן:

— נו, נאָך אלץ מיך ניט דערקענט? ניט גוט. מײַן באַלעבאָס האָט ניט ליב מיטארבעטער, וואָס פארגעדענקען ניט קיין פּנימער. איך וועל ארויפוארפן די קוריערשע, וועט אײַך זײַן גרינגער מיך דערקענען.

זי האָט פלינק אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קאָרטענע כאַלאַטל און רויט טיכל. איצט איז פאר פערטשיקן געשטאַנען א הויכברוסטיקע שיינע פרוי, די בלאָנדע געפארבטע האָר — אין איינציקע געדרייטע לאָקן פארקעמט. אין די אויערן האָבן זיך געוויגט לענגלעכע אוירינגלעך מיט פינקלדיקע פאלשע שטיינער; די וויִעס פון די בלויע אויגן זײַנען געווען אָנגעשמירט און געוואָרפן לאַנגע טונקעלע שאָטנס אַפן אָנגעפּודרעטן פּאָנעם. די ניט־יונגע אויסגעקושטע ליפּן זײַנען געווען אזוי קונציק באַפארבט, אז אַפילע אַ געניטער אין אזוינע זאַכן מאַן האָט געקאָנט מיינען, אז אייגן רויטברויזיק בלוט שפילט אין זיי.

— מאדאם דונײַסקאיא, דאָ?

— וואָס איז ניט אַלצײנס. דאָ... דאָרט... די שטעלע מײַנע איז ניט קײן שווערע... און נאטאן פּעטראָוויטש באציט זיך צו מיר זײער גוט. איך זע אויס ניט שלעכט? עמעס?

זי האָט זיך, ווי א שלעכטע טענצערן, אויסגעדרײט רונדארום, אים באוויזן, אז ניט געקוקט אף איר פולן גוף, איז בא איר שײנ־געטאָקטע פיס און לײַכטע באוועגונגען.

צי מיט א קיוון, צי צופעליק, נאָר זי האָט זיך א גליטש געטאָן און געבליבן קימאט ליגן בא אים אין די אָרעמס.

— מישע, געדענקסט אָדעס? פרײלעכע יאָרן געווען...

ער האָט איר צוגעצויגן צו זיך און גענומען אָן גרויסער באגײַסטערונג קושן אין די פולע אָנגעפּארבטע ליפן.

מאדאם דונײַסקאיא האָט זיך געקושט ניט געײַלט און געשמאק. די אויגן זײַנען דערבײַ געווען אָפן און ערנסט, ווי זי וואָלט געטאָן זײער א פאראנטוואָרטלעכע ארבעט. דערנאָך האָט זי זיך באפרײַט פון זײַנע אָרעמס, באקומען פון כאלאט־קעשענע אַ ווײַס טיכעלע און א קלײן פלעשעלע אָדעקאָלאָן, אָפּגעווישט פון פערטשיקס ליפן די סימאָנים פארב:

— איר זײַט פארטיק. זיצט רויִק.

אלײן איז זי אוועק צום שפיגל, ארויסבאקומען פון א צווײטער קעשענע אַ פארב־בלײַער, אָנגעשמירט איבער אנײַס די ליפן און זײער זאכלעך דערקלערט:

— באַם אַלטן זײַנען געפּערלעכע אויגן. די ליפּן מוזן זײַן פּונקט אַזוי רויט, ווי זיי זײַנען געווען איידער איך בין אַרויס פון צימער. ער האָט אַ הונטישן כוש צו מײַנע זינד. — מע מוז זײַן פּאָרזיכטיק. ווען ער ווייסט פון אַלע מײַנע קאַפּריזן... וואָלט ער מיך שוין לאַנג אַוועקגעהאַר־געט. איין גליק נאָר — ער איז אָפט שיקער און שלאָפט גאַנצענע מעסלעסן בײַ זיך אין צימער. וואַרט, דאַכט זיך, ער איז שוין אופגעשטאַנען. איר האָט מיך פריער ניט געקאָנט... פאַרשטאַנען?

זי האָט שטיל געעפנט די טיר, צוויי מאָל אָנגעקלונגען און הויך געפרעגט:

— וועמען דאַרפט איר? נאַטאַן פּעטראָוויטשן?... גלײַך גיב איך אים איבער.

אין צווייטן צימער איז אַוועק אַ פולבלעכע געהאָרכ־זאַמע קורירשע אין אַ קאָרטענעם כאַלאַט און רויט טיכל.

פערט קאַפּיטל

מיכאַיל פּערטשיק, ווי מיר ווייסן איצט זײַן נאָמען, איז געשטאַנען אין ערשטן צימער און געוואַרט, מע זאָל אים אַרויסגיין רופן. פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָט זיך געהערט אַ שטיל ריידערײַ, וואָס איז אָפט איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ טרוקענעם לאַנגפאַרגייענדיקן הוסט.

אין ערשטן צימער, ווו פּערטשיק האָט געוואַרט, איז אַכוץ טינטערס אָן טינט, הענטלעך אָן פּענעס און אַלטע

צײַטונגען גאָרנישט געווען. בלויז אין איין ווינקל איז געהאַנגען א מוירעדיק־גרויס קינסטלעריש בילד, געמאָלט מיט אייל־פארב. דער אינהאַלט פון בילד:

א פארמורזשעטע מיזראָכישע מויד מיט גראָבע ליטקעס איז געשטאַנען נעבן אַ קופקע ביימלעך און געריסן מיט הילצערנע, ווי געשוואָלענע, פינגער ווײַנטרויבן. נעבן איר נאקעטע פיס איז געשטאַנען א שטרויענער קאָרב, וועלכער איז שוין געווען פול מיט די אָפּגעריסענע ווײַנטרויבן. דער קאָרב איז געווען זייער גענוי געמאָלט, מע האָט געקאָנט איבערציילן יעדער שטרוי, פון וועלכע ער איז אויסגעפלאָכטן. און דאָך האָט אי פונעם קאָרב, אי פון די ווײַנטרויבן געטראָגן א טעמפּע נודנעקייט. די ווײַנטרויבן זײַנען מער געווען ענלעך אַף גרינע, ניטרײַפע אַגרעסן, און אַז מע האָט געקוקט לאַנג, האָט מען דערפילט א מאָדנע זויערקייט אין מויל.

אַ שווערער הוסט האָט זיך ארײַנגעקײַקלט פון צווייטן צימער און פאַרטריבן דעם סקריפּ פון טיר און אָפּהילך פון טריט:

— כהו־כהו־כהו. איר באַטראַכט מײַן עמבלעמע. הויכע קונסט! איך גרייס זיך מיטן בילד. ווער וועט אין דער באָרוועסער מויד מיט די גראָבע ליטקעס און ליימענע הענט ניט אנערקענען קיין דוירעסדיקע פאַרשמיסענע באַטראַטשקע... כהו־כהו־כהי... באַטראַכט איר שמאָלן שטערן מיטן ברעגעדיקן בליק אין די פּראָלעטאַרישע אויגן. אָט־אָט וואַרפט זי אַוועק איר פרידלעכע אַרבעט און נעמט אַ

ביקס און גייט שלאָגן דעם קלאַסנסוינע... דאָס בילד איז געמאָלט געוואָרן לויט מײַן פּאַרטראַכט... דער געניאַלער קינסטלער האָט געהאַט א שווערע אופגאַבע: פאַרייניקן פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג + פּראָדוציר־מאָמענטן + קלאַסנ־האַס. קומט!

נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט זיך פאַרהוסט און בלויז מיט דער האַנט אײַנגעלאַדן דעם גאַסט אין צווייטן צימער.

פּערטשיק האָט שוין פריִער עטלעכע מאָל באַגעגנט נאַטאַן פּעטראָוויטשן און אַלעמאָל האָט אים אַפּדאָסנײַ איבערראַשט זײַן אָפענע צינישקייט, מיט וועלכער ער פלעגט ריידן וועגן געשעענישן און מענטשן.

הײַנט איז דער אַלטער געווען אופגערעגט מער ווי אַלע מאָל. דאָס האָט מען געקאָנט ארויסזען לויטן צע־קנייטשטן שאַרפ פּאָנעם און אָנגעצונדענע שיקער־לעכע אויגן.

ער האָט אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז ווײַן, צע־מישט דעם ווײַן מיט בראָנפן און גענומען זיך פאַר־טיידיקן:

— איר קאָנט טרינקען ווײַן, אָדער בראָנפן. וואָס אײַך געפעלט. איך מוז טרינקען געמישט. אניט ווירקט עס ניט. מיטן טרינקען איז דאָסזעלבע, וואָס מיטן טעאַטער:

אין דער יוגנט האָסטו ליב א ריינע דראמע, אָדער טראַגעדיע, מיט גרויסע ליידן און ראָמאַנטישע העלדן.

ווענ מע ווערט עלטער, הייבט מענ אָנ ליב האָבנ אַ פריילעכע קאָמעדיע, ווו מע ווייַזט דיר, אז די מייַסע איז ניט אזוי ערנסט אונ אכוצ א פריילעכנ געלעכטער איז זי מער גאָרנישט ניט ווערט... איכ געפינ זיכ אינ אזא צושטאנד, ווענ אכוצ א לייַכטע געמישטע קאבארע־פראָגראמ ווירקט אפ מיר גאָרנישט... אַזוי אינ טעאטער, אזוי באמ טרינקענ. פאר אייַער געזונט!

נאטאנ האָט נאָכ ניט באוויזנ אופהייבנ די גלאָז פליסיקייט, ווי הינטער זייַנע פלייצעס איז אויסגעוואקסנ די קוריערשע, ארופגעלייגט די הענט מיט די אָפגעשלייַפטע לאנגע נעגל אפ דער גלאָז אונ מיט א זינגעוודיקער אויסגעצויגענער שטימ גענומענ בעטנ:

— נאטאנ, מע דארפ מער הייַנט ניט טרינקענ. דו פאטערסט דייַנ געזונט. שוינ צוויי טעג, ווי דו הערסט ניט אופ צו טרינקענ. טו עס צוליב מיר, טרינק ניט מער.

איר פולער גופ האָט זיכ געבויגנ אלצ נעענטער, נידעריקער צו נאטאנס פלייצע, געגעבנ אימ פילנ די גאנצע ווייכקייט אונ ווארעמקייט פונ איר קערפער, אָבער די אויגנ האָבנ פונ אונטער זייַנ געבויגענעמ קאָפ געקוקט צו פערטשיקנ, אימ אָנגעזאָגט, אז באלד וועט מענ פונעמ אלטנ פאָטער ווערנ אונ זיי וועלנ בלייַבנ אליינ.

נאטאנ האָט איר גראָב פונ זיכ אָפגעשטויסנ, אופגעשטאנענ פונ אָרט, א ווייַלע געקוקט אינ אירע בלאָע, שטענדיק גיריקע אויגנ, אונ גענומענ ריידנ צו פערטשיקנ, ווי זי וואָלט דערבייַ ניט געווענ:

— איר האָט געזען א צארטקייט און איבערגעגעבנקייט? זי זאָרגט בלויז וועגן מײַן געזונט... איך האָב נאָך אפ מײַן לעבן ניט געזען אזא שטיק פלייש! אַ פרוי זאָל ניט קאָנען זאָגן קיין ליגן, ער זאָל כאָטש אפ רעגע א קלינג טאָג ווי אן עמעס...

זײַן צעקנייטשט פּאָנעם איז פּלוצים פארגאנגען אין בלאָווקייט, די גרויסע פארשיקערטע אויגן האָבן זיך אויסגעלײַטערט, גענומען ברענען מיט האס, און די גראָבע ליפּן האָבן געציטערט פון אופרעגונג:

—גיי צו זיך אין צימער, גיי! אין צוויי שאָ ארום וועל איך זײַן אינגאנצן פארטיק. ווער רייַ איז הײַנט? — אנדרייעווס, באָבראָווס, גאָרעליקס?... בא איר זײַנען די געליבטע פארשריבן לויטן אלפאוויט, ווי בא א גוטן געשעפטפירער... ווארט, ווי איז אײַער פאמיליע? דאכט זיך, פערטשיק. אײַך וועט אויסקומען לאנג ווארטן... מײַן געטרײַע פרוי האָט פײַנט איבערהיפּן, און עפשער צוליב אײַך וועט זי מאכן אן אויסנאם? אַוועק פון מײַנע אויגן!

די פולע קוריערשע איז געשטאנען מיט א געבויגענעם קאָפּ, דאָס פּאָנעם איז בא איר געווען פרום־פארוונדערט, ווי בא א מענטשן, אפ וועמען מע טראכט אויס זינדיקע בילבולים. זי האָט גאָרנישט געענטפערט אפ נאטאנס באליידיקונגען, בלויז א הייב געטאָן אירע רונדע אראָפּגעפאלענע אקסלען און אוועק א שטאָלץ־באליידיקטע אין צווייטן צימער.

נאטאנ האָט איר מיט אָנגעצונדענע אויגנ באַגלייט ביז דער טיר. אנ ווענ די טיר האָט זיכ נאָכ איר פארמאכט, שוינ אַפּאַטיש אונ רויִק פאָרגעזעצט:

— זי ווארט בלויז אפנ מאָמענט, ווענ איכ וועל ווערנ פארטיק. נאָכ א שאָ צוויי דארפ עס דויערנ. דערנאָכ בינ איכ מער ניט קיינ היגער. דער אלקאָהאָל ווירקט אפ יעדנ פארשיידנ. מיכ ווארפט ער אריַינ אינ א טויטנ שלאָפ. איכ דארפ דערגיינ ביז א געוויסנ פונקט. דערנאָכ קאָנט איר מיכ שלעפנ, שלאָגנ, אונטערצינדנ, טאנצנ, שריַיענ — איכ שלאָפ. שלאָפ — איז צו שוואכ געזאָגט. איכ בינ טויט... נו, לאָמיר צוטרעטנ צו דער ארבעט. איר האָט געבראכט אייַער „ווענדונג צום פראָלעטאריאט״. גיט אהער.

פערטשיק האָט אָנ ווערטער ארויסגעשלעפט פונ פאָרטפעל עטלעכע בייגעלעכ פאפיר אונ דערלאנגט נאטאנענ.

נאטאנ האָט פריִער באקוקט דעמ פאפיר, דערנאָכ — דעמ דריבנעמ האנטשריפט אונ אָנגעהויבנ לייענענ.

וואָס לענגער ער האָט געלייענט, אלץ מער שמייכלענדיקע קנייטשעלעכ זיַינענ געבוירנ געוואָרנ ארומ זיַינ גרויס מויל אונ שארפע אויגנ.

פערטשיק האָט זיכ דערמאָנט, ווי ער איז נאָכ אינ די קינדעריאָרנ געווענ אינ א זאָאָלאָגישנ גאָרטנ: אנ אלטע אָפּגעקראָכענע מאלפּע האָט מיט שארפע ציינער געהריזשעט א שטיק הארטנ וויַיסנ צוקער, אונ דאָס פּאָנעמ בא דער מאלפּע איז געווענ פונקט אזוי צופרידנ - צעקנייטשט, ווי איצט בא נאטאנ פעטראָוויטשנ.

פון דער דערמאנונג איז אים געוואָרן לײַכט און פרײַ־
לעך. ער האָט זיך אָנגעגאָסן א פרישע גלאָז ווײַן און
שוין רויִק געוואָרט, נאטאן פעטראָוויטש זאָל ענדיקן לייענען.

נאטאַן פעטראָוויטש האָט איבערגעריסן דאָס לייענען,
אַוועקגעלייגט די בלעטלעך אָן א זײַט און קורץ
פאָרמולירט:

— איר זײַט א קאנדידאט!..

בא פערטשיקן האָט דער אויסגעטרונקענער ווײַן גע־
רוישט אין קאָפּ, און די שמייכלענדיקע מ‍ילפע מיטן שטיק
צוקער אין די שארפע ציינער האָט געטאנצט אין די אויגן:

— אף וואָס א קאנדידאט?

— איר זײַנט א קאנדידאט אף אן אידיאָט — האָט נא־
טאן פעטראָוויטש מיטן זעלבן זאכלעכן טאָן איבערגעכאַ־
זערט. — פאר אווירקלעכן אידיאָט האלט איך א מענ־
טשן, וואָס זאָגט זיי דעם גאנצן עמעס...

פערטשיק האָט נאָך אלץ נאריש געשמייכלט. נאטאן
איז בייז געוואָרן, אופגעשפרונגען פון אָרט און גענומען
אָפּגעהאקט שרײַען:

— יונגערמאן, איר האָט פארשלאָפן צען יאָר! מיט
צען יאָר פריִער, וואָלטן זיי עפשער געגלויבט אין
אײַער פרײַער ביאָגראפישער דיכטונג... איצט האָבן זיי
זיך אויסגעלערנט לייענען צווישן די שורעס... צערײַסט
גיכער אײַער שמירערײַ! זיי וועלן אײַך ניט גלויבן.

בא פערטשיקן האָט זיך די שיקערע פריילעכקייט אויס־
געוועפט. פיר שלאָפלאָזע נעכט זײַנען געשטאנען אין

קאָנ. פיר נעכט האָט ער ווי א פּאָשעטער סטאָליער געהובלט און געטעסעט זייַנ פאַרגאנגענ לעבנ. אלע שאַרפע ווינקלענ און גריבער פארשאָטנ מיט ווערטער, ווי מיט זאמד, און פונויבנ ארופגעצויגנ אזא רויטלעכנ גלאנצ. און איצט וואַקלט זיכ זייַנ אויסגעטראכט לעבנ אינ די בלויע ליפּנ פונעמ אלטנ שיקער. ער איז אויכ אופגעשפּרונגענ פונ אָרט, אָנגעקוקט נאטאנ פּעטראָוויטשנ, ווי א לאנגאָניקנ סוינע, און מיט איינ אָטעמ אויסגעשריענ:

— וואָס דענ זאָל איכ טאָנ? זיי דערציילנ, אז דער טאַטע האָט פאַרמאָגט אַ זאַוואָד, די מאַמע האָט געהאַנדלט מיט קאָנטראַבאַנדע און מיכ האָט מענ אַרויסגעטריבנ פונעמ זיבעטנ קלאַס, ווייַל איכ האָב געשיקערט און פאַרקויפט די גימנאַזיסטנ קאָקאַינ... וואָס דאַרפ איכ טאָנ?

— איר דאַרפט גאָרנישט ניט טאָנ.—איכ האָב אייַכ שוינ עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט ווערנ אַ מיטאַרבעטער פונ מייַנ אַקאַדעמיע. איר בריקעוועט זיכ און מיינט, אַז איר וועט בלייַבנ אינ די רייענ פונ פּראָלעטאַריאַט... אומזיסטע האָפענונגענ. זיי וועלנ אייַכ אַרויסשפּייַענ! אַזאַ, ווי איר זייַט, מיט אייַערע האַלבע ליגנס דאַרפנ זיי אייַכ ניט האָבנ... און איכ דאַרפ האָבנ פייַקע מיטאַרבעטער, און ניט צוליב פּראַקטישער אַרבעט. אַזאַ שפּאַנאַ איז דאָ אינ די הונדערטער... איכ דאַרפ האָבנ מענטשנ, וואָס זאָלנ פאַרשטיינ די אידייע פונ מייַנ אַקאַדעמיע. איכ האָב אייַכ הייַנט אייַנגעלאדנ צו זיכ און וויל מיט אייַכ ערנסט ריידנ. די טירנ פונ מייַנ ווינונג זייַנענ פאַר אַלעמענ פאַר-

שלאָסן. דאָ געפינט זיך מײַן ראַטן־אַנשטאַלט און די קוריערשע. די פּראַקטישע אַרבעט פיר איך אין האָטעל־צימער. אויב מיר װעלן זיך הײַנט צונויפריידן, דאַרפט איר מאָרגן 7 אָװנט זײַן אין האָטעל „ערשטער מײַ״ צימער 46, פרעגן: סטעפּאַן איװאַנאָװיטש לאַפּאָװ (איך לעב דאָרט אונטער דעם נאָמען). מאָרגן דאַרף אַהין קו־מען אַ געװיסער מיטאַרבעטער פון זשאַנדאַרמעריע. איר װעט האָבן די מעגלעכקייט צו זען, װי איך אַליין װעל אַרבעטן אַף א ביאָגראַפיע. איידער איך הייב אײַך אָן דערקלערן די גרונט־פּרינציפּן פון מײַן אַקאַדעמיע, שטעל איך צוויי באַדינגונגען:

מיך איבעררייסן אינמיטן, אויב איך װעל אָנהייבן פּלאָנטערן, װײַל מיר האָבן װייניק צײַט. איך פיל שוין, אַז דאָס פונקטיקל דערנעענטערט זיך, באַלד בין איך ניט קיין היגער.

צװייטנס: אויב איך װעל אינמיטן ריידן אַנשלאָפן װערן, מיך אָן טומל איבערטראָגן אין צװייטן צימער און ניט בלײַבן שלאָפן מיט מײַן װײַב.

נאַטאַן פּעטראָװיטש איז מיט װאַקלענדיקע טריט ארויס אין צװייטן צימער, ארײַנגעטראָגן אַ קעסטל מיט פיר־קאַנטיקע שטיקלעך פּאַפּיר, אַרויסגענומען איינס פון זיי און הויך גענומען לייענען:

אַ קעסטל װײַנטרויבן אָפּגעשיקט אין סאַמאַראַ. אופ־גענומען צפּן סקלאַד אונטערן נומער 92...

װײַטער לוינט ניט לייענען. װיכטיק איז, אַז דער מענטש, װאָס איז מיט מײַן ביאָגראַפיע אַװעקגעפאָרן

אינ סאַמאַראַ, האָט זיכ אײַנגעאָרדנט אַפּ אַ שטעלֿע אונ שיקט גוטע גרוסנ... אויב מע וואַרפט אימ ארויס פונ אַנשטאַלט, האַלט איכ פאַר מײַנ מאָראַלישנ כויוו אימ שאַפנ אַ צווייטע, מער זיכערע ביאָגראַפיע... אויב ער איז אַזאַ שלימאַזל אונ פאַלט דורכ אַ צווייטנ מאָל, שטעל איכ אַפּ אימ אַ ציילעמ אונ האָב מיט אימ מער ניט וואָס צו טאָנ. אַזאַ מענטש איז ניט פייִק אופנעמענ די פּרינציפּנ פונ מײַנ אקאַדעמיע, אונ איז גאָרנישט ניט ווערט...

מיט צוויי יאָר צוריק איז מיר אײַנגעפאַלנ אַ פריילעכע אידייקע: אינ איינעמ אַנ אָנגעזעענעמ אַנשטאַלט האָט געאַרבעט מײַנער אַנ עקזעמפּליאַריק. אָבער ער האָט שוינ פאַרנומענ אַזאַ וויכטיקנ פּאָסט, שוינ געווענ אַזוי באַוואַקסנ מיט פּראָלעטאַרישקייט, אַז ס׳האט פונ אימ אַפּ מײַלנ געטראָגנ מיט זיכערקייט. אונ אינדערעמעסנ האָט ער ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבנ: אַ דווירעסדיקער פּראָלעטאַריער,—אַ געוועזענער אונטערערדינק, העלד פונ בירגער־קריג...

איר זעט, בא מיר אינ ביבליאָטעק געפינענ זיכ אַלע אויסגאַבנ פונ „היסטפּארט“. איכ זאמל אויכ די זיכרוינעס אונ מעמוארנ פונ די אַלטע פּאָליט־קאטערזשאנעס...

באמ שאפנ א מענטשנ א רעוואָליוציאָנערע ביאָגראפיע, דארפ מענ זיכ האלטנ בא די פיר הויפּט־פּרינציפּנ:

... גרינטלעכ דערלערנענ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פונ דער געגנט, ווו דײַנ געשאפענער עקזעמפּליאר האָט קלוימערשט געארבעט.

... די געגנט דארף געהערן צו ליטע, לעטלאנד, פוילן, אלנבאלס, צו א קאנט, וואָס האָט פריער געהערט צו דער רוס. לענדישער אימפעריע און איז איצט פארוואנדלט געווארן אין א זעלבשטענדיקער מעדינע מיט אן אייגענער גרענעצ.

... די שטאָט, ווו ער האָט געארבעט, דארף זיין ניט קיין צענטראלע, נאָר א פארוואָרפענע פראָווינצ.

... דער געשאפענער רעוואָליוציאָנער דארף אין דער פאר־גאנגענהייט זיין א פאָשעטער מאסאָוויק, וועלכע זיינען אין די הונדערטער געווען אין דער באוועגונג, זייערע נעמען זיינען אינערגעצ ניט פארשריבן און קיינער האט זיי ניט פאַרגעדענקט; פארקערטי ער, ווי א זעלנער פון א גרויסער ארמיי, דארף וויסן פינקטלעכ די נעמען און לעבנ־פאסירונגען פון אלע אָנגעזעענע רעוואָליו־ציאָנערע טוער, וואָס האָבן געארבעט אין יענער געגנט.

די פיר הויפט־פרינציפן לייג איך אין גרונט פון א רעוואָליוציאָנערע ביאָגראפיע. פארוואָס איך טו אזוי, וועל איך אייך געניי דערקלערן.

— נאטאן פעטראָוויטש, און וואָס איז באשטאנען די פריילעכע אידייקע?

אָ, איך האָב זיך פארעדט. די אידייע איז באשטאנען אָט אין וואָס:

מיין געשאפענער פארטייער שטעלט צו א פראָיעקט, וועלכער פאָדערט אָרגאניזירן אין מאָסקווע א גרויסן אינסטיטוט אפ צו דערלערנען די צאָל און דעם אינהאלט פון די אנקעטעס, וואָס יעדער בירגער האָט אויסגעפילט פון נאָך אָקטיאבער אָן.

אפן סמאך פון דער אויספאָרשונג, וואָס ער אלייך האָט פריער געהיים דורכגעפירט אין זיין אנשטאלט, האט

זיך ארויסגעוויזן, אז איינער אונ דערזעלבער מיטארבע־טער איז צוויי מאָל געבוירנ געוואָרנ: איינ מאָל—אינ 1870, דאָס צווייטע מאָל—אינ 1875.

באַ א צווייטנ מיטארבעטער איז דער טאטע אינ איינ אנקעטע א טוווע־הענדלער, אינ דער צווייטער—א ליווע־ראנט, אינ דער דריטער—שוינ אנ אָרעמפּויער. אָבער דאָס איז א געוויינלעכע זאכ. אסאכ טשיקאווער איז די מאמ־זיירים־פּראָבלעמ:

א טאָכטער פונ איינעמ א באוווּסטנ קיִעווער פאברי־קאנט, אָנשטאָט גלייך צו ענטפערנ וועגנ איר סאָציאלער אָפּשטאמונג, שרייבט זי א לאנגע פאמיליע־כראָניק, פונ וועלכער ס'דארפ קלאָר ווערנ, אז איר געערטע מאמע האָט אינ דעמ יאָר, ווענ זי איז געבוירנ געוואָרנ, אונ־טערגעלעבט מיט א יונגנ ארבעטער פונעמ טאטנס זאוואָד... ס'גייט א דעטאלע באשרייבונג פונ דער מאמעס ראָמאנ, זי באווייזט מיט זייער פיל פאקטנ, אז זי טראָגט נעבעכ א גאנצ לעבנ א שענדלעכנ שטעמפּל פונ א פאבריקאנטס א טאָכטער, ווענ אינדערעמעסנ פליסט אינ אירע אָדערנ בלוט פונ אנ עמעסנ פּראָלעטאריער...

— נאָטאנ פעטראָוויטש, מיט וואָס האָט זיך געענדיקט דער פּראָעקט מיט די אַנקעטעס?— האָט פּערטשיק אומגע־דולדיק איבערגעריסנ.

— ער איז דורכגעפאלנ — האָט נאָטאנ פעטראָוויטש שוינ אפּאַטיש געענטפערט.— לויט מיינ אידייע שטעלט זיך מיינ געשאַפענער עקזעמפּליאר אינ שפּיצ פונ מאָסקווער

צענטראַלן אינסטיטוט, מײַנע מיטארבעטער פֿאָרן ארויס איבער דער פּראָווינץ און שאַפֿן אין יעדער גובערניאַלער שטאָט אָפּטײלונגען. עשעלאָנען אנקעטעס גײען פֿון אַלע עקן לאַנד קײן מאָסקווע. דער אינסטיטוט וואַקסט זיך פֿאַנאַנדער, פֿאַרנעמט עטלעכע מויערן, לאַגערס, קעלערס. איבערן גאַנצן לאַנד לויפֿט די ידיעה: מע רעווידירט די אַנקעטעס. וועלכער ראַטן־אָנגעשטעלטער האָט פֿאַר די רעוואָליוציע־יאָרן ניט אָנגעפֿלאָנטערט אין די אנקעטעס?

— וואָס וואָלט עס געגעבן אײַער אקאַדעמיע?

— געלט. מע האָט געקאָנט פֿון דער אונטערנעמונג ניט שלעכט פֿאַרדינען. דערהויפּט אין פּראָווינץ. בײַ מיר איז שוין געווען פֿאַרטיק אַ סאָך פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג: ווען דער אינסטיטוט האָט שוין איבער־געקוקט אַלע אנקעטעס, הײבט אָן א באַזונדערע קאָמיסיע באַארבעטן די אַנקעטעס פֿון די אינסטיטוט־מיטארבעטער, דאַן צינדט מען אונטער דעם אינסטיטוט און אַלץ גײט אוועק מיטן רויך.

— פֿאַרוואָס איז די אונטערנעמונג דורכגעפֿאַלן?

— צוליב אַן אדרעס.

— איך פֿאַרשטײ אײַך ניט.

— די נויטיקייט פֿון אַזאַ אינסטיטוט האָט מען געדאַרפֿט מאָטיווירן מיט די אינטערעסן פֿון סטאַטיסטיק... אפֿן סמאַך פֿון דער אויספֿאָרשונג האָט געדארפֿט קלאָר ווערן, וויפֿל אומזיסטע טאָן פּאַפּיר, געלט, צײַט איז אָפּגענומען געוואָרן בײַ יעדן בירגער פֿון לאַנד. אין דער סטאַטיסטישער

הויפּט־פּאַרוואַלטונג איז געזעסן דאָן אונדזוערער א מענטש...
און ער, דער פערד, קריכט מיטן פּראָעקט גלייך אין פּאַר־
טיי־קאָמיטעט... וויל ווערן א העלד! דאָרט האָט מען אים
זייער אופמערקזאַם אויסגעהערט, צוגעזאָגט הילף, און אין א
וואָך ארום אַראָפּגענומען פון דער ארבעט, צוגענומען דעם
פּאַרטיי־בילעט און פאַרענדיקט זיין פאַרביקע ביאָגראַפיע..

— ער' האָט קיינעם ניט פאַרשאַטן?

— אַפּ דעם האָט אים קיין סייכל ניט געקלעקט. אָבער
געננוג וועגן אים. פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ס'אַרבעט
מיין אַקאַדעמיע, זיינען אַסאַך פון מיינע געשאַפענע פּראָ־
לעטאַריער אוועק פון מיר. אַנדערע הייבן אָן פאַרגעסן
זייער פאַרגאַנגענהייט, לעבן זיך איין אין דער נייער פעל
פון מיינע געשאַפענע ביאָגראַפיעס. איך האָב ליב פון
צייט צו צייט באַזוכן אַזעלכע עקזעמפּלאַרן. זיצט זיך אַזאַ
מענטשל ברייט און זיכער אין דער מעלוכע־קרעסלע, דרייט
די שווערע ראָד פון דער רעוואָליוציע... און פּלוצים —
סטאָפּ! א גרוס אייך פון אייער באַשעפער... ער האָט
אייך געבעטן היינט פּונקט 7 אָוונט קומען און האָטעל „ערשטער
מיי", צימער 46, פרעגן — סטעפּאַן איוואַנאָוויטש לאַפּאָוו...

נאָטאָן פּעטראָוויטש האָט זיך הייזעריק פאַנאַנדערגעלאַכט,
פּלוצים דאָס לאַכן איבערגעריסן, זיין הויכע געבויגענע
פיגור האָט זיך א וואַקל געטאָן, דאָס צעקנייטשטע לאַכנדיק
פּאָנעם איז פאַרצויגן געוואָרן מיט א געלקייט, און די
בייזע אויגן האָבן זיך פאַמעלעך פאַרמאַכט. ער איז גע־
בליבן זיצן אַפן שטול א פאַרשטיינטער.

די טיר פונעם זײַטיקן צימער האָט זיך ראַשיק געעפֿנט. די בלאָנדע קריעושע איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צום טיש, דערזען פּערטשיקס דערשראָקן פּנים און זיך הויך פֿאַנאַנדערגעלאַכט:

— וואָס קוקט איר אַף אים, ווי אַף אַ הייליקן. נעמט אים פֿאַר די פּלייצעס, און איך וועל אים נעמען פֿאַר די פֿיס. אָט אַזוי. איצט וועלן מיר אים אַרײַנשלעפּן אין שלאָפֿצימער, און זאָל ער דאָרט דריכנען...

ווען נאַטאַן פּעטראָוויטש איז שוין געלעגן אַ פֿאַנאַנדערגעשפּליעטער אין זײַן שלאָפֿצימער, איז מאַדאַם דונײַסקאַיאַ צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן, מיט איין זופּ אויסגעטרונקען, אָנגענומען פּערטשיקן פֿאַר אַ האַנט און אָן ווערטער, בלויז מיט לאַכנדיקע אויגן אים אַוועקגעפֿירט צו זיך אין צימער...

פֿינפֿט קאַפּיטל

נאַטאַן פּעטראָוויטש איז אין האָטעל „ערשטער מײַ“ געווען פֿאַרמאָלדן, ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ סמאָלענסקן קאָאָפּעראַטיוו.

אַלע האָטעל־דינער האָבן שוין געוווּסט, אַז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש לאַפּאָוו איז זייער אַ וויכטיקער ווירטשאַפֿטלער, אַז ער קויפֿט אויף פֿאַרן סמאָלענסקער טרעסט זייער גרויסע פּאַרטיעס סכוירע און פֿירט ברייטע געשעפֿטן.

פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעטער נאַכט זײַנען צו אים געגאַנגען פֿאַרשיידענע מענטשן. דער צימער איז אַלעמאָל

פון אינעווייניק געווען פארשלאָסן, און די שליסלען פלעגט ער נעמען מיט זיך. אַפן טיש זייַנען געלעגן בלאַנקען און שטעמפלען פון סמאָלענסקער קאָאָפּעראַטיווער פארייניקונג.

נאַטאן פּעטראָוויטשעס אַקאַדעמיע האָט די לעצטע טעג געארבעט מיט פולער אָנלאָדונג.

ס'איז דאן איבערן לאַנד געגאנגען א גרויסע רייניקונג. אין מאָסקווע האָבן זיך צונויפגעקליבן בא עטלעכע טויזנט אויסגערייניקטע אָנגעשטעלטע, זיך גאנצענע טעג געשטופּט אין די קאָרידאָרן פון פּראָקוראָר, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, פון די קאָנטראָל־קאָמיסיעס. אנדערע זייַנען גע־גאנגען מיט לא גע אָנקלאָגעס גלייַך צו קאַלינינען.

יעדער פון זיי האָט מיט זיך געבראכט גאנצענע פּעק פּאפּירן, וועלכע האָבן געדארפט דערווייַזן, אז מע האָט זיי ניט ריכטיק אויסגערייניקט, אז זיי האָבן גרויסע פאר־דינסטן פאר דער רעוואָליוציע...

נאטאן פּעטראָוויטשעס מיטאַרבעטער האָבן אין פארשיי־דענע ווינקלען פון מאָסקווע געשריבן אפּ פארגעלטע אל־טע בויגנס פּאפּיר ביאָגראפיעס, דאָקומענטן, רעקאָמענדא־ציעס, זיי געשטעמפּלט, נומערירט.

די טעקסטן פון די דאָקומענטן און ביאָגראפיעס פלעגט אויס־ארבעטן נאטאן פּעטראָוויטש אליין, און זייַנע מיטאר־בעטער איז בלויז געבליבן די ארבעט פון פארמערן זיי און איבערשרייַבן.

פערטשיקן האָט, קאָנטיק, נאטאן פּעטראָוויטש גע־מערקט פאר א נאָענטן באהעלפער, דערפאר האָט ער אים

דערלויבט בייזיין, ווען ער אליין וועט ארבעטן אפ א ביאָגראפיע.

ווען פערטשיק איז אריין אין האָטעל־צימער, איז שוין באַם טיש געזעסן א הויכער איבערגעוואקסענער מענטש מיט א געגאָלטן קאָפּ, רויטער פארשיקערטער נאָז און אפּאטישע אויגן.

אפן טיש זיינען געשטאנען צוויי פלעשלעך וויין, און נאטאן פּעטראָוויטש איז שוין א שיקערלעכער אומגעגאנגען איבערן האָטעל־צימער און שטיל איינגעטיינעט:

— אזוי... אזוי... גריגאָרי ראדיאָנאָוויטש, ארויסגעוואָרפן, אויסגעריייניקט, אויסגעמעקט פון צעטל לעבעדיקע... וואָס? סע שטייט זיי ניט אָן דער ייכעס — דער טאטע אייערער איז געווען א גאלעך און איר האָט אונטערגעדינט אין זשאנדארמעריע... ווו האָט איר געארבעט די לעצטע צייט? — אין דער טשעליאבינסקער וואלד־פארוואלטונג. אזש אהין זיך דערקליבן. און וויפל צייט האָט איר זיך געדרייט אין דער זשאנדארמעריע?

— ניט געדרייט זיך! נאָר פארנומען א שטעלע פון א ראָטמיסטער, — איז דער שווייגנדיקער נעפּעש פון שטול אופגעשפרונגען און דאָס אפּאטיש פּאָנעם איז צעקרימט געוואָרן פון קאעס.

— כע־כע. איר האָט זיך באליידיקט — האָט אים נאטאן פּעטראָוויטש צוריק ארייַנגעזעצט אין שטול — בא יענער באגעגעניש האָט איר מיר געזאָגט.. נו, גוט, גוט. זאָל זיין א ראָטמיסטער. איר מיינט אוואדע, אז זיי האָבן גרויס

אכטונג פאר אײַער הויכנ טשינ... ווארט. ווי האָבנ מי איבערגעריסנ: דער טאטע איז געווענ א גאלעכ אונ איר האָט געדינט אינ דער זשאנדארמעריע אינ טשינ פונ א ראָטמיסטער... ניט קיינ שלעכטע פארייניקונג. איז, ערשטנס, אַ נײַעמ טאטנ... אינגאנצנ א נײַעמ, ווײַל מיט אזא טאטנ קאָנט איר זיכ גלײַכ לייגנ אינ דר'ערד ארײַנ אונ פראווענ אפ די אייגענע הויצאָעס א לעווײַע. ווײַל די ראטנמאכט וועט אפ אײַכ ניט פאטערנ קיינ איינ קאָפּקע! פארשטאנענ?

— יאָ, א נײַעמ טאטנ, — האָט בייז א ברומ געטאָנ דעמ גאלעכס זונ אונ פארדעכטיק געקוקט, ווי נאטאנ פעטראָוויטש שלעפט ארויס פונ קעסטל א גאנצנ פאק פאפירנ.

דער געוועזענער ראָטמיסטיר האָט מיט זײַנ שיקערנ קאָפּ דאָכ באנומענ, אז ער דא פ פונדאנענ וואָס גיכער אוועקגיינ. ער האט ניט שטארק געגלויבט, אז דער הויכער געבויגענער זאָקנ מיט די שארפע אויגנ אונ מאלפישנ פאָנעמ וועט אימ העלפנ.

שוינ פיר וואָכנ, ווי אָט דער שווײַגנדיקער אַפּאַטישער ראָטמיסטער לעבט אינ מאָסקווע צווישנ מארקהענדלער, נעוועזענע דוואָריאנעס, גאסמוידנ אונ גאנאָווימ. פאר די פיר וואָכנ איז ער זיכ זייער נאָענט צונויפגעגאנגענ מיט פיאָדאָראָווס ווײַב.

פיאָדאָראָוו איז אמאָל געווענ זײַנער א כאווער אונ געדינט מיט אימ אינ איינ פאָלק.

אָבער דאָס איז געווען גאָר, גאָר אמאָל, און קיינער געדענקט עס ניט. איצט לעבט ער מיט זײַן כאַווערס ווײַב אין א ווארעמען אַלקער.

אלע אָוונט ברענגט זי אים א פלאַש בראָנפן און גיט אים זאָט עסן.

מיט נאטאן פעטראָוויטשן האָט ער זיך צונויפגעפּאָרט אין די ערשטע טעג פון זײַן קומען. דאַן איז ער גע־ווען שטארק פארלאָרן, געזוכט מיטלען, ווי נאָכאמאָל אָנ־קומען אפ א שטעלע, און אומגעגאנגען מיט פעק פאפירן איבער די ראטנאנשטאלטן.

אין די פאפירן איז געווען אָנגעשריבן, אז ער איז געווען בלויז א נישטיקער רעגיסטראטער אין דער זשאנ־דאַרמעריע און אין די פעווראל־טעג איז ער, דער איינ־ציקער פון אלע זשאנדארמען, געבליבן אין דעפארטא־מענט, איבערגעגעבן אלע דאָקומענטן אין די הענט פון דער נײַער מאכט, און געהאָלפן אופדעקן די נעמען פון אסאך פראָוואָקאטערס און מיטארבעטער.

אָבער פאר די וואָכן לעבן אין מאָסקווע איז ער גע־וואָרן פויל און אָפּגעלאָזן, גאנצענע טעג געלעגן א האלב־אָנגעטאָנענער אין בעט, געלייענט בילִיקע בראָשורקעס וועגן שווארצער מאגיע און ספּיריטיזם, וועלכע ער פלעגט ספּעציעל קויפן בא איינעם א באקוניסט, און אין די אָוונטן איניינעם מיט זײַן נײַעם ווײַב און אירע פרײַנט געטרונקען שטארקן בראָנפן און דערקלערט, ווי אזוי מע קאָן ריידן מיט טויטע...

נאַטאַן פעטראָוויטש האָט ניט באמערקט, ווי א טעמפע שיקערע סינע זידט אוף אינ געוועזענעמ ראָטמיסטער. ער האָט לאנג געזוכט אינ די פעק פאפירנ, ארויסגעפונענ א קליינ צעטעלע אונ ווי א זיגער דערקלערט:

— עווריקא! געפונענ. פאראנענ פאר אייַך אנ אייַזערנער טאטע, אנ אָרעמער פויער, קימאט א באטראק... מע רופט אימ יעגאָר ג׳יגאָריעוויטש אנטאָנאָוו. אָט א מאזל פונ א מענטשנ! פארגעדענקט דעמ נאָמענ פונ דאָרף: לוזגאיעוו, הינט׳ר אכאנסק.

אַפנ ראָטמיסטער האָבנ זיכ די נעמענ אונ ווערטער געקייַקלט מיט אָפטע איבעררייַסנ, ווייַל נאטאנ פעטראָוויטש פלעגט זיכ פארגיינ אינ א טרוקענעמ הוסט, אונ געדאכט האָט זיכ אימ, אז ניט ער רעדט זיי ארויס, נאָר הוסט זיי א ויס פונ ערגעצ טיפ, טיפ, ווו זיי זייַנענ לאנג בא אימ געלעגנ באגראָבנ.

נאטאנ פעטראָוויטש האָט זיכ מיטנ שטיקל פאפיר אוועקגעשטעלט קעגנ ראָטמיסטער אונ גענומענ מאכנ מיט די הענט, ווי א דיריגענט, ווענ ער פירט אָנ מיט א כאָר:

נאָמענ? — יעגאָר.

פאָטערגאָמענ? — גריגאָריעוויטש.

די פאמיליע בלייַבט דיזעלבע — אנטאָנאָוו.

דאָרף? — לוזגאיעוו.

גובערניע? — פערמער.

דער ראָטמיסטער האָט געקוקט אראָפ, צו די אייגענע פארברודיקטע שטיוול אונ מיט א געפאלענער הייזע-

ריקער שטים איבערגעכאַזערט די פרעמדע נעמען, וואָס דאַרף פון איצט אָן האָבן צו אים אַ נאָענטע שייַכעס.

אין צימער איז געוואָרן שטיל. מיכאל פּערטשיק איז געזעסן אין אַ ווינקל, מיט באַגייַסטערטע אויגן געקוקט אויפן צוקונפטיקן לערער. ער האָט זיך באַמיט כאַפּן יעדן קנייטש און ציטער אין נאַטאַנס פּאָנעם.

אַליין אַ זון פון אָדעסער קאָנטראַבאַנדיסטקע, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַ שול פון לייַכטע אוואַנטיורעס און קליינע פאַרברעכנס, האָט ער גלייַך דערפילט, אַז הייַנט איז פאַר אים אַ היסטאָרישער טאָג... — אַ גרויסער מייַסטער ווייַזט דאָ, אין שטילן האָטעל־צימער, ריינע קונסט, און ווייַל דער אָביעקט, אויף וועלכן ער האָט איצט געאַרבעט, איז געווען אַ שטאַרק טעמפּער, אַלץ נאָך געזעסן אין אָנגעכמורעטער און אַפּאַטישער, איז נאַטאַנס מייַסטערשאַפט געוואַקסן איניינעם מיט די שוועריקייטן.

ער האָט אָנגעגאָסן דרייַ גלעזער ווייַן, הויך אויפגעהויבן זייַן גלאָז און פייַערלעך אויסגעהוסט:

— כהו... כהווו, לאָמיר אויסטרינקען פאַר אייַער צווייטן געבורט! פאַר אייַער נייַער אָפּשטאַמונג! פאַר אייַער באַטראַקישן טאַטן!! איר זייַנט מיר שטאַרק געפעלן. איך האָב ליב שווייַגנדיקע מענטשן. אַזוינע מענטשן טראַכטן אַסאַך און ריידן ווייניק... איך גיב אייַך הייַנט אַן אייַזערנעם טאַטן. ער איז ווערט 500 רובל. באַ אַ צווייטן וואָלט איך ווייניקער ניט גענומען, און אייַך וועט ער

אינגאנצנ קאָסטנ דריי הונדערט קערבלעכ. ווייל איכ האָב ליב קלוגע מענטשנ. אזא שוואכקייט בא מיר... איר דארפט וויסנ, אז דאָס דערפל לוזגאיעוו איז נאָכ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע אוועק מ׳טנ פייער אונ אלע פאפירנ זיינענ אריבער אינ דער געטלעכער קאַנצעליאר׳ע. די הונדערט פויערשע פאמיליעס זיינענ זיכ צעקראָכנ איבערנ לאנד... פלוצימ האָט נאטאנ איבערגעריסנ דאָס ריידנ, געבליבנ שטיינ מיט זיינ גאנצער הייכ קעגנ ראָטמיסטער אונ אָפיציעל געפרעגט:

— בירגער אנטאָנאָוו, ווו זייט איר געבוירנ געוואָרנ?

דער ראָטמיסטער האָט צעטומלט געקוקט אינ זיינע פרעמדע פאַרשנדיקע אויגנ אונ בייז אָפגעהאקט:

— אינ טשעליאבינסק!

— גלאָמפ! איכ האָב אייכ דאָכ דערקלערט, אז גריגאָרי ראדיאָנאָוויטש אנטאָנאָוו, דער זונ פונ א גאלעכ, דער געוועזענער זשאנדארמסקער ראָטמיסטער, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ אינ טשעליאבינסק, עקזיסטירט ניט מער. ער איז פונ היינט אָנ אנ׳לירט. געהארגעט געוואָרנ אינ דער מילכאָמע־צייט... מע האָט אימ דערשאָסנ נאָכ דער רעוואָליוציע. ער איז פארברענט געוואָרנ. איר הערט! ער עקזיסטירט ניט מער. אונ אויב ער עקזיסטירט יאָ, איז ער אייער גרעסטער סוינע... נאָכ אינ 1905 יאָר, נאָכ דער עקזעקוציע בא אייכ אינ דאָרפ, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער ראָטמיסטער אנטאָנאָוו אונ דער פערמער גובערנאטער (בא מיר זיינענ דאָ יעדיעס), האָט

איר אָרגאַניזירט אַ טעראָריסטישן אָנפאַל, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין גובערניע נאָך די כאַישע ווילדטאַטן באַ אייך אין דאָרף... דער ראָטמיסטער אַנ־טאָנאָוו איז אייער אַ בלוטיקער סוינע... פאַרשטאַנען?

און דאָ האַט געטראָפן אַן אומדערוואַרטע זאַך: דער געוועזענער ראָטמיסטער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, געכאַפּט אַ פלאַש און גענומען ווילד שרייען:

— סוואָלאָטש! איך—אַפן גובערנאַטער?! שווייגן! איך— אַפן ראָטמיסטער?! — צעשיסן! אין סיביר! אַפּ טליע! איך וועל אייך וויַיזן שיסן אין גובערנאַטער...

דערנאָך האָט זיך די שיקערע צונג פאַרפּלאָנטערט, די אויגן זיַינען געוואָרן רויט, פאַרלאָפן מיט בלוט, און די פלאַש האָט גענומען שפּרינגען אין זייַנע ווילדגעוואָ־רענע הענט, געזוכט נאַטאַנס קלוגן קאָפּ.

אַפן געשריי זיַינען אָנגעלאָפן די האָטעל־דינער, גע־נומען קלאַפּן אין טיר, אָבער קיינער האָט זיי ניט געענטפערט.

דער אַלטער נאַטאַן פּעטראָוויטש איז אַ פאַרלאָרענער אומגעלאָפן אַרום טיש, געזוכט, מיט וואָס זיך פאַרטיידיקן; צום סאָף געכאַפּט אַ שטול, אים אויפגעהויבן איבערן קאָפּ און אַזוי, מיטן אויפגעהויבענעם שטול, גענומען אָנגרייַפן אַפן ראָטמיסטער. דער ראָטמיסטער איז אָפּגעטראָטן צו דער וואַנט, דאָרט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אַפן אַלטן.

דער טומל הינטער דער טיר איז געוואָרן אַלץ ראַשי־קער, און די קלעפּ אין טיר—שטאַרקער.

מיכאיל פערטשיק איז א רויִקער צום טיש ציגעגאנגען, אָנ ווערטער ארויסגענומענ פונ ראָטמיסטערס האנט די פלאַש, זי אוועקגעשטעלט אונטערנ טיש, דערנאָכ האָט ער זייער העפלעכ באַ נאטאנענ דעם אופגעהויבענעמ שטול צוגענומענ, דעמ שטול אַראָפגעשטעלט, באַפוילנ נאטאנענ זיכ אַפ אימ זעצנ; דעמ פּאַק פּאַפּירנ האָט ער גיכ צו זיכ אינ בּוזעמקעשענע ארײַנגעלייגט, אופגעעפנט די טיר, אינ צימער ארײַנגעלאָזנ בלויז צוויי דינער, די טיר צוריק פארשלאָסנ אונ מיט ווירדע דערקלערט:

— פירט אימ אָנ טומל ארויס פונ האָטעל. ס'איז זייער א פאראנטוואָרטלעכער טוער... א געוועזענער קאַטערזשאַנ... ער האָט צופיל אויסגעטרונקענ אונ אימ דאכט זיכ, אז ער געפינט זיכ איצט אַפ א פארהער אינ זשאַנדארמעריע... איר האָט געהערט, ווי ער האָט געשריִענ — אינ סיבּיר! אַפ טליִע! שיסנ אינ גובערנאטער?.. אַלע מאָל, ווענ ער טרינקט צופיל אויס, הייבּט זיכ אימ אָנ דאַכטנ, אז ער געפינט זיכ נאָכ אלצ אינ די הענט פונ דער צאַריִשער זשאנדארמעריע...

דער געוועזענער ראָטמיסטער איז שטיל געוואָרנ, געקוקט מיט מוטנע אויגנ אַפ פערטשיקנ, אפ נאטאנענ, אפ די צוויי באַדינער אונ ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ מיט זיכ.

פערטשיק האָט אימ צוגעטראָגנ דעמ מאנטל אונ היטל, א מ געהאָלפנ זיכ אָנטאָנ אונ אינ זעלבּנ ווירדיקנ טאָנ פאָרגעזעצט:

— נאטאן פעטראָוויטש, איך וועל גיין אָפּפירן אַהיים דעם כאַווער אַנטאָנאָווו, מע קאָן אים אין אַזאַ צושטאַנד ניט לאָזן אַליין... ס'קאָן מיט אים אין וועג וואָס טרעפן... איר פאַקט דערווייל צונויף די זאכן. צום באַן איז אונדז געבליבן א קאַרגע שאָ, און מיר האָבן נאָך ניט קאָמפּאַסירט די בילעטן...

ער האָט אָנגענומען דעם געוועזענעם ראָטמיס־טער אונטערן אָרעם און זייער העפלעך פון האָטעל אַרויסגעפירט.

נאַטאַן האָט מיט שטאָלץ געקוקט אף זיין נייעם באַהעלפער.

זעקסט קאַפּיטל

ווען אין א שאָ אַרום זיינען אין האָטעל „ערשטער מיי“ געקומען די פאָרשטייער פון מיליציע, איז שוין דאָרט קיינער און גאָרנישט געווען. און זיי האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט יעדיעס וועגן א געוויינלעכן שיקערן סקאַנדאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין צימער נומ. 46.

און מיט צוויי שאָ שפּעטער האָט שוין נאַטאַן פעטראָוויטש אומגעשפּאַנט איבער א ווייכן טעפּיך פון א צווייטן רייכן האָטל־צימער און אופגערעגט געזידלט:

— מענוואַל, אידיאָט. די סלופּעס פון דער זעלבסטהער־שונג... דערטאַפּט א גאַסנמויד, וואָס גיט אים פרעסן...— שוין! באַרויִקט זיך. וואָס דאַרף ער נאָך, דער כאַזער?

א גאַלעכס א זון! א זשאַנדאַרמערסקער ראָטמיסטער! א צעקוועטשעניש, ס'לוינט ניט ריידן וועגן אים...

דער רוקן האָט זיך געבויגן אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ווי א שווערע מאַסע וואָלט אים צו דער ערד געשלעפּט, די קנייטשן אויפן פּאָנעם זיינען געוואָרן אַלץ טיפער, צעדרייטער, און די דיקע אייבערשטע ליפּ איז אָנגעקראָכן אויפן קין, געמאַכט זיין אַלט פּאָנעם אַלץ מער מאַלפּישער.

ווי יעדער גרויסער מייסטער נויטיקט זיך נאָך א דורכפאַל אין טרייסט, אזוי האָט אויך נאַטאַן פּעטראָוויטש געוואַרט, אַז פּערטשיק וועט אים אויפמונטערן און אַרויפוואַרפן די שולד פאַר היינטיקן דורכפאַל אויפן ראָטמיסטער.

אָבער פּערטשיק האָט געשוויגן, מיט שטומער אָפּשיי אויסגעהערט די אָפּגעריסענע זידלערייען און קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

נאַטאַן פּעטראָוויטש איז געבליבן שטיין האַרט נעבן פּערטשיקן, אים בייז אָנגעקוקט און טרוקן געפרעגט:

— יונגערמאַן, איר וועט נאָך לאַנג שווייגן? איך האָב אָן טראַכטן, אַז איר פאַרמאָגט א צונג אין מויל בלויז אויף דרייען שפּייז...

פּערטשיק איז געבליבן זיצן קעגן אים א קאַלטבלוטיקער און רויִקער, און בלויז די פולע ליפּן האָבן א קרומען שמייכל געטאָן:

— איך וועל שווייגן ביז איר וועט ניט אויפהערן ריידן וועגן ראָטמיסטער. די גאַנצע מייסע איז גאָרניש ווערט.

אין לעצטן מאָמענט האָט איר זיך עטוואָס פארלוירן... אָבער בא יעדן גרויסן מײַסטער טרעפן דורכפאַלן, און מע דאַרף זיי גלײַך פארגעסן...

— איר הייבט מיר אָן געפעלן, מיכאַיל. מיר וועלן זײַן פרײַנט, אָבער גאָר נאָענטע פרײַנט. נאָר איידער מיר הייבן אָן צו אַרבעטן אינאיינעם, וויל איך וויסן אײַערע באדינגונגען — איר וועט ארבעטן פון ביאָגראַפיע, אָדער אַפּ פּראָצענטן? מיר דארפן זיך געגנוי דעריידן. איך פאָר הײַנט אוועק אין לענינגראד. איך וויל וויסן אײַערע באדינגונגען.

— נאטאן פעטראָוויטש, איר האָט א טאָעס געהאט. מיכאַיל פערטשיק האָט ביז דער מילכאָמע פארמאָגט פער־ציק טויזנט רובל. אין דער צײַט פון דער מילכאָמע בין איך געשטאנען נאָענט צו דער אינטענדאנטסטווע. מײַן פארמעגן איז אויסגעוואקסן באַ אַ האַלב מיליאָן... ווען ס׳טרעפט ניט די רעוואָלוציע, וואָלט איך איצט שוין פארמאָגט איבער א מיליאָן, אויב ניט מער. מיכאַיל פער־טשיקן אינטערעסירט די אידייע פון דער אקאדעמיע און ניט די פּראָצענטן. קלאָר?

— וואָס ווילט איר?

— איך וויל וויסן, צוליב וואָס האָט איר אָרגאניזירט די אַקאַדעמיע? און ניט נאָר מײַסעס וועגן אן אינסטיטוט פון אנקעטעס, — דאָס לאָזט פאר א צווייטן...

— גוט. נאָך מײַן קומען פון לענינגראַד, וועל איך אײַך דערקלערן.

— הײנט, אָדער מיר געזעגענען זיך. פּאַר אַ פֿלעשל װײַן און אַ צימער אין אַ סאָװעטישן האָטעל ריזיקירט ניט מיכאיל פּערטשיק מיטן קאָפּ. פֿאַרשטאַנען?

נאַטאַן פּעטראָװיטש האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט װידער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן װײכן טעפּיך פֿון האָטעל־צימער. אָבער די טריט זײַנע איצט געװען פֿאַרטראַכטע, ניט זיכערע, איבערגעגעבן דעם גאַנצן װאָקל פֿון זײער באַלעבאָס.

— זאַכאַר יאַקאָװליעװיטש!

דער אַלטער איז געבליבן שטײן פּאַראַליזירט אינמיטן צימער, גלײַך װי פּערטשיק װאָלט אים מיט די צװײ נעמען איבערן קאָפּ דערלאַנגט.

און פּערטשיק האָט הױך געלאַכט. פּערטשיק איז פֿון שטול אױפֿגעשטאַנען, זײַן װײכע האַנט צום אַ׳טנ ז פנ דער פּלײצע אַרופֿגעלײגט און שטיל גענומען רײדן:

— זאַכאַר יאַקאָװליעװיטש, אײַך װונדערט, װאָס איך האָב אײַך אָנגערופֿן מיט אײַער עמעסן נאָמען. ס׳איז אַ קלײניקײט. גלײַך װי מיר װעלן אַרױסגײן פֿון האָטעל, װעלן מיר בײדע פֿאַרגעסן, אַז אײַער עמעסע פֿאַמיליע איז װינאָקוראָװ און ניט לאַפּאָװ; אַז ביז דער איבערקערעניש זײַנט איר אין פּעטערבורג געװען אַ באַװוסטער געשװױרענער אַדװאָקאַט און געװען נאָענט צום יוסטיץ־מיניסטער... מיר װעלן אױך פֿאַרגעסן, אַז איר זײַט פֿאַר די לעצטע יאָרן געפֿאָרן צװײ מאָל אין אױסלאַנד, אײן מאָל אין װאַרשע, און אײן מאָל אין פּאַריז, און בײדע מאָל מיט

גאָרנישט זיך אומגעקערט צוריק.. עפּשער אײַך זאָגן די דאַטעס? איר זײַנט איבעראַשט? ס'איז אַ פּאַשעטע זאַך: איידער איך בין צו אײַך געקומען, האָב איך צונויפגעקליבן אייניקע יעדיִעס. נו, איצט, גלויב איך, וועלן מיר קאָנען ריידן ווי אַלטע פרײַנט.

נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט זיך באַפרײַט פון פּערטשיקס האַנט, זיך שטאָלץ אויסגעגלײַכט און מיט אַ געמאַכטער טעאַטראַלער רויִקייט געמאָלדן:

— איך האָב די ערע צו זען בײַ זיך אין צימער אַ באַרשטייער פון פּראָלעטאַרישן געזעץ. זייער אנגענעם. ווהין? — איך בין גרייט.

דערנאָך האָט ער זיך אַ מידער אַראָפּגעזעצט אַפן שטול און שוין שווער אַרויסגעשטאַמלט:

— אָבער ווער האָט מיר פאַראַטן? ווער?

— צוליב וואָס אזוינע שרעקלעכע ווערטער — „פאַראַטן", „פּראָלעטאַרישער געזעץ"? קיינער האָט אײַך ניט פאַראַטן. און מיכאַיל פּערטשיק קאָן פון דעם פּראָלעטאַרישן געריכט באַקומען בלויז איין אויפגאַבע — זיך אָפּטראָגן אַפּ יענער וועלט. אַ רײַזע ניט קיין באַקוועמע און מע קאָן איר אָפּלייגן אַפּ שפּעטער... צוליב געוויסע צוועקן האָב איך געדאַרפט וויסן, ווער איר זײַט און וואָס איר טוט. איצט וויל איך אַרבעטן מיט אײַך. די באַדינגונגען בלײַבן די אַלטע: איר דאַרפט אָפּן דערקלערן די פּרינציפּן פון אײַער אַרבעט, אָדער פון אַקאַדעמיע, ווי איר רופט זי... באַרויִקט זיך און הייבט אָן דערציילן.

בײַ נאַטאַן פּעטראָוויטשן איז דאָס פּאָנעם געוואָרן פֿאַרצויגן מיט גלײַכגילט, און די ווערטער פֿון די בלווילעכע ליפּן זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿויל און פּעכיק, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געוואָרגן.

— אין דער נאַכט, ווען איך האָב אַרויסבאַגלייט קערענסקין פֿון פּעטערבורג און געזען, ווי בײַ אונדזער רוסישן „ראָביספּיערן" טרייסלען זיך די קני פֿון שרעק און ער קאָן ניט וואַרפֿן קיין איין אַרמיי קעגן די באָלשעוויקעס, שוין דאַן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז מיט געווער אין די הענט וועלן מיר זיי ניט באַזיגן.

— ניט דאָס, ניט דאָס, נאַטאַן פּעטראָוויטש. איך דאַרף ניט האָבן קיין היסטאָרישן אַרײַנפֿיר. מיר האָבן זייער ווייניק צײַט. דער באַן אויף לענינגראַד גייט אָפּ אין צוויי שאָ אַרום.

נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט פּלוצים אָפּ זיך דערפֿילט אַ באַלעבאָס, וואָס באַפֿעלט, פֿאָדערט און וועקט זײַן אָפּגעשוואַכטן ווילן. און מאָדנע:

דער אַלטער אויסגעפּרוווטער נאַטאַן האָט זיך ניט גע־ווערט. אַ לאַנגאָניקע פֿאַרטריבענע בענקשאַפֿט נאָך אַ באַלעבאָס, וועלכן ער האָט די אַלע יאָרן געזוכט אין פֿאַרבאַנד, אין ווארשע, אין פֿראַנקרײַך, האָט זיך איצט פֿאַרקערפּערט אין דעם יונגן, קאַלטבלוטיקן פּערטשיקן, און אַלץ, וואָס ער האָט שוין אין דעם אָוונט געטאָן, איז געווען בלויז אַ פֿאַרלאַנג צו געווינען און געפֿעלן זײַן דעם אויסגעבענקטן און געפֿונענעם באַלעבאָס...

ער איז צוגעגאַנגענ צומ טישקעסטל, אַרויסבאַקומענ אַ פּעקל פּאַפּיר, געפֿונענ צווישנ זיי אַ לאַנגנ פּריוואַטנ ליבע־בריוו אונ פֿײַערלעכ דערקלערט:

— מײַנ יונגער פֿרײַנט, אינ דעמ אומשולדיקנ בריוו איז פֿאַרשריבנ דער גורל פֿונ די באַזיגטע קלאַסנ אינ דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע. דערווײַל ווייסנ וועגנ דעמ צוויי מענטשנ אינ פֿאַרבאַנד, דרײַ מענטשנ אינ אויסלאַנד. איר וועט זײַנ דער זעקסטער מענטש אַפֿנ גאַנצנ ערדקײַלעכ — איר פֿאַרשטייט, אַפֿ דער גאַנצער וועלט, — וואָס וועט זיכ הײַנט דערוויסנ וועגנ מײַנע טעזיסנ. ווענ די קומענדיקע פֿאָרשער וועלנ אָנשרײַבנ די געשיכטע פֿונ דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלנ מײַנע טעזיסנ ווערנ אָנערקענט פֿאַרנ מאַניפֿעסט פֿונ די באַזיגטע.

— לייענט, נאַטאַנ פּעטראָוויטש, מיר האָבנ ווייניק צײַט.

— פֿאַרשרײַבט, איר האָט אַנ אייגענעמ שיפֿר, אַ ניט וועל איכ אײַכ געבנ מײַנעמ.

— איכ האָב אַנ אייגענעמ.

ערשטער פּונקט:

... אַלע קלאַסנ, שיכטנ אונ איינציקע אינדיווידוומס, וואָס זײַנענ דורכ דער רעוואָלוציע באַזיגט געוואָרנ, האָבנ רעכט אַפֿ ווײַטערדיקער עקזיסטענצ.

צווייטער פּונקט:

... בלײַבנדיק פֿאָרשטייער פֿונ די פֿריערדיקע הערשנדיקע קלאַסנ מוזנ זיי אונטערגייב.

דריטער פונקט:

... דער איינציקער מיטל, ווי זיכ פארהיטנ באַ זער פּראָ־לעטאַרישער דיקטאַטור — איז אָפּשײנדנ פונ זיכ די פריערדיקע הויט און אַרופציענ אַפ זיכ די הויט פונ הערשנדיקנ קלאַס — פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

פערטער פונקט:

... קעדיי דער פּראָצעס פונ צופּאַסנ זיכ צו די נייע באַדינ־גונגענ זאָל זײַנ גרינגער, — דאַרפנ די פאָרשטייער פונ די באַזיגטע קלאַסנ פארגעסנ אָנ זייער אָפּשטאַמונג, פארגאַנגענ־הייט, געוווינהייטנ, נאָמענ, טאַטע־מאַמע און אַ צווייט מאָל געבוירנ ווערנ.

פינפטער פונקט:

... די אַקאַדעמיע שטעלט זיכ די אויפגאַבע באַשאַפנ אַר־בעטער, פויערימ, רעוואָליוציאָנערנ, געיאָגטע, געליטענע פונ די פריערדיקע הערשער.

זעקסטער פונקט:

... יעדער נייגעשאַפענער אַרבעטער, אָדער פויער, גייט מיט פעסטע טריט אַרײַנ אינ נייעמ לעבנ, לייגט זיכ דאָרט פאַנאַנדער ברייט און זיכער און פאָדערט אינ נאָמענ פונ פּראָלעטאַריאַט זײַנע פארדינטע רעכט.

זיבעטער פונקט:

... אינ דער קאָנקורענצ, וואָס וועט אנטשטײנ צווישנ די עמעסע פּראָלעטאַריער און די אַקאַדעמיע־פּראָלעטאַריער, וועלנ זיגנ די לעצטע, ווײַל זיי פאַרמאָגנ אַחוצ פּראָלעטאַרי־שער אָפּשטאַמונג, וואָס די אַקאַדעמיע וועט זיי געבנ, נאָכ אַ געערשטנע קולטור און בילדונג. אַחוצ דעמ זײַנענ זיי פרעכער און דרייסטער, ווײַל אינ זייערע אָדערנ באַוויזט בלוט פונ דוירעס הערשער.

אַכטער פונקט:

... אין פאַרלויף פון 20-15 יאָר וועלן די אַקאַדעמיע־פּראָלעטאַריער אַריינדרינגען אין פּאָליטיק, ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור און אַזוי אַרום ווערן די באַלעבאַטים פון לעבן.

ניינטער פונקט:

... בענעגייע די געבוירענע פּראָלעטאַריער דאַרפן די אַקאַדעמיע־פּראָלעטאַריער פירן א פּאָליטיק פון אסימיליאַציע, זיי אָנשטעקן מיט זייערע געוווינהייטן, געשמאַקן, אַרט לעבן און דענקען, און אַזוי אַרום גרייטן פון זיי אַ קאַדער באַהעלפער.

צענטער פונקט:

... בעייס אַ מילכאָמע שטעלן זיך די אַקאַדעמיע־פּראָלעטאַריער, ווי אויך די אַסימילירטע אָפּ דער זייט פון די אייראָפּעישע אַרמייען און העלפן מיט אופשטעלן די אינדיווידואַליסטישע סיסטעם.

עלפטער פונקט:

... די אַקאַדעמיע האַלט די גאַנצע צייט א פאַרבינדונג מיט אירע געשאַפענע פּראָלעטאַריער און לאָזט זיי ניט פאַרגעסן אין זייער געוועזענער פאַרגאַנגענהייט. יעדער אַקאַדעמיסט דאַרף שטענדיק פילן, אַז זיין אָרט אין נייעם לעבן איז אַ צייטווייליקס און ניט זיכערס, און ער מוז העלפן צעשטערן די סיסטעם, וועלכע צווינגט אים זיך אויסבאַהאַלטן אונטער א פרעמדער הויט.

נאַטאַן פעטראָוויטש האָט נאָך א ווײַלע געהאַלטן אין האַנט דעם בריוו, זיך צוגעהערט צום אָפּהילך פון די אייגענע ווערטער און שוין מיט א געבראָכענער שטים צוגעגעבן:

— יעדער זשורנאַליסט, יעדער גלאָמפּ, וואָס זאָגט זיי צו אין די כאַדאָשים אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד, אָדער אומברענגען אַן עלעקטרישע סטאַנציע, האָט בײַ זיי מערער צוטרוי און באַקומט סובסידיע. און בײַ מיר אין די הענט ליגט די רעטונג פון די באַזיגטע קלאַסן און איך דאַרף זיך פאַרנעמען מיט שרײַבן ביאָגראַפיעס, קעדײַ באַקומען 300 רובל. דעגענעראַטן! זיי פאַרשטייען ניט, אַז מײַנע טעזיסן וועלן אין דער צוקונפט ווערן אַנערקענט פאַר אַ געניאַלן דאָקומענט. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך רייד אַזויפיל. שוין צוויי יאָר האָב איך מײַן מאַניפעסט ניט געלייענט... די קליינלעכע פּראַקטישע אַרבעט עסט מיך אויף, כּוץ דעם טרינק איך צופיל...

נאַטאַן פּעטראָוויטש איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, שוין זייער וואָכעדיק צונויפגעלייגט דעם בריוו, אים צוריק פאַרוקט אין קעסטל צווישן אַנדערע פּאַפּירן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אים איז אין דער רעגע אַלצײנס, וואָס פּערטשיק וועט אים ענטפערן.

שוין פינף מאָל האָט ער פּונקט מיט אַזאַ פײַערלעכן טאָן, פּונקט מיט אַזאַ הויכן ריטאָרישן אַרײַנפיר פאָרגע־לייענט זײַנע טעזיסן, און אַלע מאָל האָט מען זײַן פּלאַן אַנערקענט פאַר אַ פּאַסיוון און לאַנגדויערנדיקן און אים אָפּגעזאָגט סובסידירן. אַנשטאָט אָנצונעמען זײַנע טעזיסן, ווי אַ רעטונג פאַר די באַזיגטע קלאַסן, און אים באַ־גלייטן ווי אַ גרויסן דענקער און פּאָליטישן טוער, האָט מען אים גאָר פאָרגעלייגט פּראַקטישע קליינלעכע אַרבעט...

די ארבעט איז געווען זייער ענלעך אף שפּיאָנאזש און שעדי־קעריי — מיט אופּרייסן, אוואַריעס, שווינדל, און זיינע גע־ניאלע טעזיסן האָט מען דערביי פאַרגעסן, צום סאָף שמו־עס האָט מען זיין אקאַדעמיע אָנגערופן פּאָשעט „ביוראָ פון דאָקומענטן" און געקוקט אף איר, ווי אף א מיטל איינצוואָרדענען אייגענע מענטשן אין נויטיקע אנשטאלטן...

— מיר וועלן אויסטרינקען ? !

פּערטשיקן האָט פאַרווונדערט דער גיכער איבערגאַנג פון פּייערלעכקייט צום געוויינלעכן ציניזם און אפּאַטיע.

— נאָטאַן פּעטראָוויטש, איך טרינק פאַר אונדזער גע־מיינזאַמער ארבעט. איך בלייב ארבעטן מיט אייך. אין אייערע טעזיסן ליגט מער סייכל, ווי אין אלע פלוידעריי־ען, וואָס איך האָב געהערט ביז איצט. פון היינט אָן זייט איר מיין לערער, און אייער אקאַדעמיע — מיין פּראָ־גראַם. גיט א האַנט!

דער אלטער האָט פון אָנהויב געמיינט, אַז פּערטשיק שפּאַסט פון אים. אָבער בײַ פּערטשיקן איז דאָס פּאָנעם געווען ערנסט און זיינע גרויסע קאַרע אויגן האָבן גע־קוקט אף אים מיט פּייערלעכער באַגייסטערונג. ער איז פאַר פרייד אופגעשפּרונגען פון אָרט, צעפּליוסקעט אפן טיש די גלאָז וויין, און מיט פאַרשפּרייטע הענט גע־וואָרפן זיך קושן.

פּערטשיק האָט אויסגעמיטן זיינע נאַסע בלוילעכע ליפּן און בלויז אים פעסט געדריקט די ביינערדיקע הענט.

— איצט דאַרפן מיר זיך פאַנאַנדערגיין.

די פראַזע האָט אין האָטעל־צימער דורכגעקלונגען ווי א באַפעל.

נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט מיט א הינטישער באַגײַסטע־רונג געקוקט אויף זײַן נײַעם באַלעבאָס און גיך זיך גע־נומען אַנטאָן.

ווען נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז בײַ זײַן ווײַב אין צימער געווען איינער פון אירע געליבטע, און די טיר פון אינעווייניק איז געווען פאַרשלאָסן.

נאַטאַן פּעטראָוויטש האָט זייער פּאָרזיכטיק און שטיל פאַרנומען די נויטיקע פּאַפּירן און זאַכן, פּונקט אַזוי שטיל אַרויס פון שטוב, צוגעגאַנגען צו א מיליציאָנער און אים געמאָלדן, אַז אין מויער נומ. 17, דירע 6 גע־פינט זיך א געהיימער שאַנדהײַזל, און די באַלעבאָסטע פאַר־נעמט זיך מיט פּראָסטיטוציע און נעמט אַלע אָוונט אויף געסט. . .

זיבעטע קאַפּיטל

אין דעם בריוו, וועלכן פּערטשיק האָט צוגעלייגט צו די נאָטיצן, דערקלערט ער, אַז דאָס לעצטע מאָל האָט ער נאַטאַן פּעטראָוויטשן געטראָפן אויף איינער א פאַרוואָרפע־נער באַנסטאַנציע.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין א פויערשן אָפּגעטראָגע־נעם פּעלצל, אויף די פיס — הויכע וואַליקעס, אויפן קאָפּ — א

שעפּסענע האָריקע פּאַפּאַכע. פֿונ אונטער זײַנ רויטער פֿאַרשיקערטער נאָז האָבנ ארויסגעהאַנגענ לאַנגע צוגעקלעפּ־טע וואָנצעס, די גראָע ברעמענ זײַנענ געווענ אָפּגע־פֿאַרבט אַפֿ שוואַרצ.

— לערער, ווהינ פֿאָרט איר?

— אינ דאָרפֿ. אַפֿ אַרבעט.

— אונ מאָסקווע?

— אינ מאָסקווע איז איצט ניטאָ וואָס צוטאָנ. איכ רעכנ די באַזע פֿונ דער אַקאַדעמיע איבערטראָגנ אינ דאָרפֿ. אויב איר ווילט זיכ אומקערנ צו דער אַרבעט, קאָנט איר נאָכ הײַנט ארויספֿאָרנ אַפֿנ ראַיאָנ... איכ קאָנ אײַכ גלײַכ געבנ אַ קאָמאַנדירונג.. איכ אַרבעט איצט אינ דער קאָאָפּעראַציע. דעמ גורל פֿונ דער רעוואָלוציע באַשטימט איצט דאָס דאָרפֿ.—

— ניינ. לערער, איכ האָב צעריסנ מיט דער אַקאַדע־מיע אַפֿ שטענדיק. איכ פֿאָר די טעג אינ רומעניע, פֿונ דאָרט—אינ פֿראַנקרײַכ.

— אַפֿ אַרבעט?

— ניינ. האַנדלענ. פּאָשעט עפֿענענ אַ קלייטל אונ ער־לעכ האַנדלענ ביז די פֿראַנצויזישע באָלשעוויקעס וועלנ ניט דורכפֿירנ די נאַציאָנאַליזאַציע פֿונ פּריוואַטנ האַנדל...

— איר שפּאַסט?

— איכ רייד ערנסט, נאַטאַנ פּעטראָוויטש. אויב איר ווילט, לאָמיר פֿאָרנ אינײנעמ... דאָ וועט גאָרנישט ניט זײַנ.

נאַטאנ פּעטראָוויטש האָט געוואָלט וואָס ענטפּערנ, אָבער דער באַנ האָט אימ אַוועקגעטראָגנ אינ דער ריכטונג פונ אוקראינע.

* * *

אפ דעמ אָרט רײַסנ זיכ די נאָטיצנ פּאקטיש אָפּ, אונ ווײַטער גייענ שוינ באַנאַלע, פּסיכאָלאָגישע אנאליזנ פונ פּערטשיקס געמיטצושטאַנד. די נאָטיצנ הערנ איפּ צו אָטעמענ מיט האַנדלונג אונ פאקטנ אונ דרייענ זיכ אינ אַנ ענגנ קרײַז פונ פּערטשיקס איבערלעבונגענ פאר זײַנ רײַסנ מיט דער אקאדעמיע.

פאַר דער צײַט, וואָס איכ האָב געארבעט אַפּ די נאָטיצנ, בינ איכ ספּעציעל געפאָרנ אינ מאָסקווע אונ לענינגראד, אלצ געוואָלט דערוויסנ זיכ דעמ ווײַטערדיקנ גורל פונ דער אייגנארטיקער אקאַדעמיע אונ איר באשאַפער.

בא מיר איז געווענ ארויסגעשריבנ צענדליקער נעמענ אונ אדרעסנ פונ די געשאַפענע פּראָלעטאריער — אונ אלע האָבנ זיי זיכ ארויסגעוויזנ פאַר פאלשע אונ פּיקטיווע.

קאָנטיק, אז פּערטשיק האָט צוליב פּראָפעסיאָנעלער עטיק מיט א קיוונ פארפּלאָנטערט די נעמענ פונ די געשאַפענע פּראָלעטאריער אונ זייערע אדרעסנ. צוליב דער סיבע בינ איכ געצווונגענ איבערײַסנ די טשיקאַווע דערציילונג אונ וואַרטנ, ביזוואַנענ אונדזערע צײַטונגענ וועלנ

מעלדנ וועגנ ווײַטערדיקנ גורל פונ דער אקאַדעמיע אונ איר באַשאפער. אויב ווער פונ די לייענער ווייסט, ווּ ס׳געפינט זיכ איצט נאַטאַנ פעטראָוויטש, אָדער ווער ניט איז פונ זײַנע געשאַפענע פּראָלעטאריער, בעט איכ זייער מיר וועגנ דעמ אָנשרײַבנ אונ מיר גיבנ א מעגלעכקייט ענדיקנ די נאָוועלע...

כאַרקאָוו, 34—1933.

אינ דער צייט פונ דער פאַרטיי רייניקונג

דעם אָנדענק פון פארשטאָרבענעם דיכטער
מוישע לייב האלפערין.

דער סאָף פון אַ יונגער ליבע

איך האָב זי נאָך ניט פאַרגעסן. ס׳זײַנען דאָך שוין אַוועק אזויפיל יאָרן און איך קאָן אײַך נאָך איצט גענוי באַשרײַבן, ווי אזוי בא איר איז געווען פארפלאָכטן די האָר אין יענער לעצטער נאַכט.

איך געדענק אַפילע דעם קאָליר פון די שפּילקעס און דעם גלאנץ פון אירע גרויסע צעלאָכעסדיקע אויגן, ווען זי האָט פאַרלאָזט דעם וואגאָן.

איך האָב איר שטארק ליב געהאט. אזוי שטארק ליבט מען איין מאָל אין לעבן, גאָר אין די יונגע יאָרן, ווען יעדער דריק פון האַנט, גלעט פון בליק און פרײַנטלעכ וואָרט פילט דיך אָן מיט אַ מעשוגענער פרייד און יינגלשן שטאָלץ; ווען ס׳דאכט זיך, אַז נאָר מיט דיר אַליין האָט פּאַסירט אַזאַ גרויס ניטגעהערט גליק.

איך בין געווען שטאָלץ, וואָס גראָד מיך האָט זי פון אַלע פערצן אַרבעטער אויסגעקליבן און ליב באַקומען.

ווי עמעסע קאָנספּיראַטערס האָבן מיר אונדזער ליבע אויסגעבאַהאַלטן אין פאַרוואָרפענע זײַטיקע געסלעך, אין די שטאָט־בולווארן און הינטער־שטאָטישע וועלדלעך.

דרײַצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן צו איר טאַטן אין ווארשטאַט.

זי איז געווען מיט א יאָר עלטער און שוין דאן געגאַנגען אין פערטן קלאַס גימנאזיע.

זי האָט געטראָגן ווײַסינקע שמאָלע קעלנערלעך און לאַנגע ברוינע קליידלעך. די לאַנגע קליידלעך האָבן איר געמאַכט עלטער און שטאָלצער.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען קיינער איז אינדערהיים ניט געווען, האָט זי גאָר נאָענט צוגעדריקט מײַן קאָפּ צו זיך, און מיט א געהיימניספולע שטים פאַרטרויט, אז פונקט אַזאַ ליבע, ווי בײַ אונדז, איז שוין מיט אסאך יאָרן צוריק פאָרגעקומען אין דײַטשלאַנד. דאָרט, אין דײַטשלאַנד, האָט אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען מוזיקאַנט ליב באַקומען דעם פּרעזידענטס זון. דער פרעזידענט איז געווען קעגן זייער ליבע און האָט פאַרמיעסט דעם מוזיקאנטס טאָכטער אין די אויגן פון זײַן זון. קעדיי אָפּטאָן דעם פאָטער דעם טיראַן, האָבן זיי זיך ביידע געסאַמט...

זי האָט מיך שטאַרק געבעטן, איך זאָל איר פון איצט אָן רופן ליזע. אַזוי האָט געהייסן דעם מוזיקאַנטס

טאָכטער. דער נאָמען פון מײַן געליבטער איז גע־
ווען ראָכל.

מיר איז ניט געפעלן געוואָרן דער טרויעריקער סאָף פון דער אַמאָליקער דײַטשישער ליבע. איך האָב איר פאָרגעלייגט אָפּוואַרטן דרײַ יאָר. פאַר דער צײַט וועל איך זיך אויסלערנען מאַכן זעלבשטענדיק א שטיקל אַרבעט. דאַן וועלן מיר אַנטלויפן אין ריגע, דאָרט דינ־גען אַ באַזונדערן צימער. איך וועל פאַרדינען אַכט רובל אַ וואָך, זי וועט אָפּ מײַן פאַרדינסט ענדיקן דעם אוניווערסיטעט און ווערן אַ דאָקטער...

אַנטלאָפן זײַנען מיר מיט צוויי יאָר שפּעטער.

דער פראָנט האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נעענטער, נעענ־טער צו אונדזער שטאָט.

באַנאַכט האָט מען געמוזט אויסלעשן די פײַערן, און די שטאָט איז דערטרונקען געוואָרן אין פינצטערניש.

באַטאָג זײַנען נידעריק איבער אונדזערע קעפּ אומגעפלויגן דײַטשישע אַעראָפּלאַנען און געוואָרפן באָמ־בעס. די באָמבעס האָבן געזוכט דעם שטאַב פון דער רוסישער אַרמיי, געפונען אונדזער הויף און דערהאַר־געט מײַנע בעסטע צוויי כאַוויירים.

פאַר עטלעכע טעג איז די שטאָט פאַרוואַלגערט גע־וואָרן מיט פאַרווונדעטע סאָלדאַטן, וואָס מע האָט גע־בראַכט פון פראָנט; מיט געזונטע סאָלדאַטן, וואָס מע האָט געטריבן אָפן פראָנט; מיט טויזנטער היימלאָזע, ארויס־געשיקטע פון די בײַפראָנט־שטעט.

אָנגעפּאָרענע אָפיצערן האָבן געשיקערט אין די שמו־ציקע האָטעלן, אין די סאך געהיימע שענקלעך, וואָס מע האָט ספּעציעל פאַר זיי אין יענע טעג געעפנט.

ראָכלס כאַווערטעס האָבן פאַרוואָרפן די ביכער און העפטן, אויסגעטאָן די לאַנגע באַשיידענע קליידער, אומגעפּאָרן מיט די אָנגעקומענע אָפיצערן אין שטאַב־אווטאָמאָבילן און געדונגענע פאַעטאָנען.

איצט זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן אין קורצע שרײַענדיקע קליידלעך מיט טיפע אויסשניטן. און די פּענעמער האָבן אזוי נאריש־צופרידן געשמייכלט, פּונקט ווי בא גאס־יאַטלעך, וועלכע אַ פריילעכער פּורמאַן דערלויבט „אונטערפאָרן".

די שטאָט איז מעשוגע געוואָרן.

גאַנצע גאַסן האָבן פאר עטלעכע שאָ פאַרפאַקט דרײַסיק, פּערציק יאָר לעבן אין האָרעוואַניע און געלאָפן צום וואָקזאל.

און ראָכלס עלטערן האָבן ניט געוואָלט לויפן. ראָכלס עלטערן איז שווער געווען זיך שיידן מיט די בײַכיקע בופעטן, איבערגעטריקנטע אַלמערס, מיט די סאך ווייכע פּערענעס און קישנס.

זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם אייגענעם צווייגאָרנדיקן מויער אַפן ראָג פון אָפיצערסקע־גאַס און די גוטע מיליטערישע באַשטעלונגען.

מיר זײַנען אַנטלאָפן אַליין, אָן קיינעמס וויסן. מיר האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר היימלאָזע פון דער שטאָט סו־

וואלק, באַ וועמען מע האָט ארויסגעגאַנוועט די דאָקו־מענטן, און איינעם מיט אַן עשאַלאָן דווינסקער היימ־לאָזע אַנטלאָפן פון דער שטאָט.

אין אומבאַקאַנטן וועג האָבן מיר פונדערהיים פאַרכאַפט:

דרײַסיק־פינף יאָר.

מיר — זיבעצן.

איר — אַכצן.

צוויי קליינע פעקלעך זאַכן.

צוועלף זילבערנע רובלס.

אַ שטאַרקע יוגנטלעכע ליבע.

מער האָבן מיר גאָרניט פאַרמאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין די ערשטע וואָכן איז געווען שטאַרק טשיקאַווע. פאַר אַ קורצער צײַט זײַנען מיר אויסגעוועזן אין אַסאַך אומ־באַקאַנטע שטעט און געגנטן.

אַלע שטעט זײַנען ענלעך אײנע אױף די אַנדערע. אין יעדער שטאָט איז דאָ אַ קאָמיטעט פאַר היימלאָזע און געליטענע פון דער מילכאָמע. דאָרט, אין קאָמיטעט, גיט מען אַ שטיק שוואַרצן, רויען ברויט, אַ וואַסערדיקן זופּ, אין וועלכן ס׳שווימען אום איינציקע בלאָע פּערל־גרײַפּלעך, און אַן אָרדער צו פאָרן ווײַטער.

לאַנג אין אַ שטאָט האַלט מען אונדז ניט: אַ טאָג, צוויי, אַמהעכסטן — דרײַ.

מיר נעכטיקן אין די וואַגאָנעס, אױף די וואָקזאַלן, אין ייִדישע באָטעמעדראָשים און רוסישע באָגאַדעלניעס.

די ערשטע צײַט, גלײַך ווי מע האָט אונדז ארויסגע־טריבן פון סוואלק, פּאָנעוועזש, קאָוונע, דווינסק, — פון די אײַנגעזעסענע און איצט אָפּגעבערנטע היימען — האָט מען אונדז זייער ווארעם באַגעגנט.

אַף יעדער סטאַנציע זײַנען געשטאַנען לאַנגע טישן, געדעקטע מיט ווײַסע בויגנס פּאַפּיר. פעטלײַביקע דאמען, אויסגעפּוצטע אין שווארצע זײַדענע קליידער, ארומגע־בונדענע מיט קורצינקע ווײַסע פארטעכלעך, האָבן מיט פאַרזאָרגטע פּענעמער אומגעשמײַעט צווישן די היימ־לאָזע, געטיילט ווייצענע בולקעס מיט פּוטער און פּעטן וורשט.

זייערע טעכטער האָבן אונדז געגלעט איבער די שמור־ציקע, לאַנג ניט־געוואשענע קעפּ, זיך נאָכגעפרעגט, פון־וואַנען מיר לויפן און מיט וואָס מיר האָבן זיך אײַנ־דערהיים באשעפטיקט, און הויך געקרעכצט, קעדיי די יונגע סטודענטן און גווירישע זינדלעך זאָלן זען און הערן, וואָסערע גוטע הערצער זיי פאַרמאָגן, און ווי נאָענט זיי שטייען צום פאָלק.

אונדזער וואגאָן־שכיינע — פראדקע — אַ נידעריק פּעט ווײַבל, מיט ברענענדיקע שווארצע אויגלעך, פלעגט פיר־פינף מאָל אַף אַ סטאַנציע באַקומען עסן און געטײַנעט, אַז קיין גרינגערע און בעסערע פּראָפעסיע, ווי זײַן אַ „בעזשענקע", איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ.

אינדערהיים האָט זי זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן בישטיקע בראָנפן, מיט אופקויפן קליינע גראָשנדיקע גע־

נייוועס און מיט געבן אייצעס קליינשטעטלדיקע מוידן, וואָס זײַנען זיך פֿאַרגאַנגענע אין טראָגן.

פֿאַר די דרײַ וואָכן היימלאָזיקייט איז דאָס פּאָנעם באַ איר געוואָרן רונד און פֿאַרברענט, די קישעלעך אונטער די אויגן — אַסאַך קלענער; זי האָט זיך מאַמעש געשמאָלצן אין אַ צופֿרידענער רויִקער זאטקייט.

אין די קאָמיטעטן האָט זי געשריגן העכער פֿאַר אַלעמען, געפּאָדערט וואגאָנעס און עסנווארג מיט אזאַ האָזע, פּינקט ווי ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש אליין וואָלט איר באַשטימט פֿאַרן הויפּט־קאמאנדיר איבער אַלע היימלאָזע.

און ראָכל שעמט זיך אָפּ די סטאַנציעס בעטן עסן.

ראָכל שטייט אין אַ זײַט, קוקט צו, ווי פּראדקע דרייט זיך אַרום די אויסגעפּוצטע דאַמען, בעט, זידלט, באַקומט, דאנקט און בעט ווידער...

מע נעמט ראָכלען אָן פֿאַר איינע פֿון די רײַכע טעכטער, וואָס טיילן די היימלאָזע די ווײַסע בולקעס מיט ווורשט. ווען מע דערוויסט זיך, אַז ראָכל איז אויך אַ „בעזשענקע" און שלעפּט זיך שוין באַ דרײַ וואָכן מיטן עשאַלאָן היימלאָזע, קלײַבט זיך ארום איר די רײַכע שטודירנדיקע יוגנט, מע רעדט מיט איר, ווי מיט אַ גלײַכער, און ניט איינמאָל האָט מען איר שוין פֿאָרגעלייגט פֿארלאָזן דעם עשאַלאָן און אַראָפּקריכן אין אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיקער שטאָט. מע זאָגט איר צו פּריוואטע אורעָקן און געבן אַ מעגלעכקייט ווײַטער שטודירן...

Worcester Free Public Library

אָבער, אז ראָכל דערקלערט, אַז זי פּאָרט ניט אַליינ און מע דערוויסט זיכ, אז דער כאָסנ איז א פּאָשעטער שטעפער, וואָס האָט געאַרבעט בא איר טאַטנ אינ וואר־שטאַט — הייבט מענ זיכ אָנ איינציקווייַז אָפּרוקנ, פּונקט ווי פונ איר וואָלט טראָגנ מיט געפאַר.

אַ הונגעריקע און באַליידיקטע קערט זיכ ראָכל אום אינ וואַגאָנ.

אינ וואגאָנ איז טונקל, ברודיק און ביז מעשוגאַעס אומעטיק.

די ערשטע טעג האָבנ זיכ אַרום איר געדרייט צוויי קאָוונער באָכערימ, וואָס האָבנ אַרויסגעפירט פונ דער היימ אַנ אינטעליגענטישנ אויסזעג, גאָלדענע פּענסנע אַפּ בלייכע עקסטערנישע נעזער און צו טוצ פּאַפּי־רענע קראַגעלעכ.

די קאָוונער באָכערימ האָבנ געקאָנט אַפּ אויסנווייניק גאַנצ פּרוגנ און געהאַלטנ אינ איינ אייַנריידנ ראָכלענ, אַז בא איר איז א ביבלישע שיינקייט.

אפּ אַ וואָקזאַל פונ איינעמ א פּארוואָרפנ שטעטל האָבנ זיי זיכ פּלוצימ פאַרליבט אינ צוויי פּאַרזעסענע באַלעבאַ־טישע מוידנ און זיכ אַראָפּגעכאַפּט אינ שטעטל כאַסענע האָבנ. און אינ פינפ טעג ארומ זייַנענ זיי שוינ געלאָפנ פונ שטעטל איניינעמ מיט זייערע געליבטע ווייַבער און זיכ שטיל, אַפּ אַנ אינטעליגענטישנ אויפנ געשאָלטנ און געזידלט, פּונקט ווי זיי וואָלטנ שוינ פּופצנ יאָר געלעבט איניינעמ.

ניט באמערקט איז אָנגעפאַלנ האַרבסט. אינ וואגאָנ איז געוואָרנ קאַלט אונ נאָכ ברודיקער ווי פריִער. אַ געדיכטע קלעפּיקע בלאָטע האָט זיכ געשפּרייט פונ ביידע זײַטנ ליניע.

אַ דריבנער רעגנ האָט געקלאַפּט אינ די פענצטער אונ דאַכ, געקלאַפּט גאַנצע מעסלעסנ. אונ אלעמענ האָט זיכ געדאכט, אַז ס'איז גאָר קיינמאָל קיינ זונ ניט געוועזנ, אַז שטענדיק אונ אלעמאָל איז דער הימל באדעקט מיט שווערע גראָע וואָלקנס, די ערד — מיט קלעפּיקער בלאָטע, אונ מיר גופא זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אונ אויסגעוואקסנ אינ קאלטנ, ברודיקנ וואגאָנ.

די אויסגעפּוצטע דאמענ זײַנענ מיד געוואָרנ אונדז האָדעווענ מיט ווײַסע בולקעס אונ פּעטנ ווורשט.

אונדזער צאָל איז געוואקסנ אומגעהויער גיכ. נאָכ סוּוואלק, פאָנעוועזש, קאָוונע איז געקומענ דווינסק, דראָע, באָרי־סאָוו. פונ אומעטומ מוז מענ אונדז ארויסטרײַבנ, ווײַל מיר גיבנ אויס אַלע מיליטערישע סוידעס די דײַטשנ... מיר פארסאַמענ די ברונעמס אונ שיסנ פונ די בוידעמס אונ פענצטער אינ רוקנ פונ די אָפּטרעטנדיקע אַרמייענ. ווײַל נאָר צוליב אונדז לײַדט די העלדישע רוסישע ארמיי מאַ־פאָלעס אַפנ פראָנט.

אַזוי האָבנ געלייענט אינ די שווארצמעִשע צײַטונגענ די צוויי קאָוונער יונגעלײַט, וואָס האָבנ ארויסגעפירט פונ דער־היימ דעמ אינטעליגענטישנ אויסזענ אונ פאפירענע קראגעלעכ.

אינ די ציִעניסטישע צײַטונגענ האָט מענ געשריבנ פונקט פארקערט. דאָרט האָט מענ דערציילט, אַז איינער

אַ יידישער דאנטיסט שטעלט איין דאס לעבן פאַר דעם הייס־געליבטן פאָטערלאַנד... ווארפט זיך מיט די הוילע הענט אַפן סוינע, און ווייזט ארויס גרויסע העלדישקייטן...

פראדקע פלעגט נאָכן לייענען די צייטונגען אומלויפן איבערן עשאַלאָן און שרייען, אז ס'איז אַ ליגן, אַלץ, וואָס מע שרייבט אין די צייטונגען, איז איין גרויסער ליגן. דאָס טראכטן אויס די קאָמיטעטשיקעס. זיי ווילן, אַז די ווייסע בולקעס און ווורשט זאָלן בלייבן אין קאָמיטעט — טראַכטן זיי אויס אַפ אונדז העלדיש־קייטן...

איצט טייַנעט זי שוין ניט, אַז זיין א „בעזשענקע" איז זייער א גרינגע פראָפעסיע. גלייך מיט אונדז עסט זי אַפ די סטאַנציעס די שטיקער שווארץ ניטדערבאַקענעם ברויט, דעם וואַסערדיקן זופּ און שעלט אַלץ און אַלעמען.

אונדזער עשאַלאָן שטייט אָפּ גאַנצע מעסלעסן אַפ פאַרוואָרפענע זייטיקע ליניעס. מ'פאַרגעסט אים צוריגלען צו די אָפּפאָרנדיקע באַנען.

מיר גייען קיינעם ניט אָן.

מיר שלעפן זיך איבער אומבאקאנטע וועגן, פאַרביי פרעמדע שטעט און דערפער — הונגעריקע, פאַרגעסענע און שטארק, שטאַרק ברודיקע.

מע האָט אונדז פיינט.

מיט אונדזערע רויטע, ניטדערשלאָפענע אויגן, צע־שפּאַלטענע, פאַרטריקנטע ליפּן, פארוואקסענע, אויסגעדארטע פּנעמער — דערמאָנען מיר דעם ווייטן פראָנט.

מיר זיינען אַליין שטיקער פראָנט און איידעס פון גרויסע מאפּאָלעס.

ווער ס'האָט געלט, פאַרלאָזט דעם היימלאָזן עשאַלאָן און פאָרט אפן אייגענעם באראָט אין טיפ רוסלאנד. קיינער גלויבט מער ניט אין די אויסגעפוצטע דאמען און זייער קאָמיטעט.

איינע פראדקע נאָר זיצט אין ווינקל פון פוסטלעכן, קאַלטן וואגאָן, לייגט איבער פון איין זאק אין צווייטן די שטיקער פארדארט ברויט, די עטלעכע שמאַטקעס, און האָפט נאָך אלץ, אז אין קאָמיטעט וועט פאָרקומען א רעוויזיע... נאָך דער רעוויזיע וועט מען אונדז ווידער אָנהייבן געבן ווייסע בולקעס מיט פוטער און ווורשט.

פאַר פראדקען איז דער קאָמיטעט פאַר די היימלאָזע דער העכסטער מאכט־אָרגאַן אין רוסלאַנד.

ראָכל האָט אופגעהערט לייענען.

ראָכל האָט אופגעהערט ריידן וועגן אונדזער ליכטיקער צוקונפט און שטארקער ליבע.

זי בענקט נאָך דער שטוביקער פארצעלייענער וואנע, נאָכן בלאנקענדיקן ראָיאל און שול־כאוועריטעס.

זי שטייט אָפּ גאַנצענע טעג באַם פענצטער, קוקט אפן פאַרעגנטן, ברודיקן דרויסן און שווייגט. זעלטן־ווען רעדט זי אויס עטלעכע געציילטע ווערטער, זיינען די ווערטער בייזע, מאָנענדיקע, פונקט ווי איך בין שולדיק, וואָס מיר דרייען זיך שוין העכער פינף וואָכן אין א פארקישעפטן קרייז.

מע שלעפּט אונדז פֿון אײן שטאָט אין אַ צווײטער און דערנאָך צוריק אין דערזעלבער שטאָט, וווּ מיר זײַנען נאָרוואָס געווען.

מיר קאָנען זיך ניט ארויסרײַסן פֿון פראָנט־פּאַס. דער פראָנט יאָגט אונדז אריבער, פארצוימט אונדז דעם וועג מיט עשאַלאָנען סאָלדאַטן, פערד, סנאריאדן, פּראָוויאנט.

אין די פארבײַפאָרנדיקע שטעט לאָזט מען אונדז ניט אַראָפּ. ס׳איז דאָ א שטרענגער באַפעל פֿון ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן אונדז טרײַבן אין טיף רוסלאַנד, — אין טאמבאָווער, פערימער, טשעליאבינסקער גובערניעס, אָבער דער וועג אהין איז פאַרשטעלט, און קעדיי דורכרײַסן די פארצוימונג, האָט פראדקע אויסגעטראכט א מאָדנע מיטל:

זי שיקט צום עשאַלאָן־באפולמעכטיקטן ראָכלען.

די ערשטע צײַט בין איך געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ראָכל איז אַזאַ גערעטענע, וואָס פֿון איר ריידן מיטן באַפולמעכטיקטן איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון אַ גאַנצן עשאַלאָן היימלאָזע.

אָבער גאָר גיך האָב איך באַמערקט, אז אין ראָכלען איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. זי ליגט שוין מער ניט גאַנצענע טעג אַפן האַרטן באַנק, זי קוקט ניט מער אין פאַרעגנטן דרויסן, זי וויינט ניט און האָט צו מיר קיין טײַנעס ניט.

איצט פאַרברענגט זי זייער אַסאַך צײַט באַם קלייִנעם צעשפּאָלטענעם שפּיגעלע. פראַדקע האָט אַפּ איינער אַ

סטאַנציע באַקומען אַ בילּיק קעסטעלּ פּודער און לּערנט ראָכלּען די קונסט פון מאַכן שענער דאָס פּאָנעם.

די קונסט איז, קאָנטיק, ניט קיין שטארק שווערע, און ראָכלּ פּירט שוין גענוג די וואַטקע איבער דער נאָז, באַקן און רונדן קין. דערנאָך נעצט זי אײַן אַ פינגער אין שפּײַעכץ און גלעט מיט אים די געדיכטע, שוואַרצע ברעמען און וויִעס — זיי זאָלן גלאַנצן שטאַרקער.

די האָר פאַרפלּעכט זי איצט אין צוויי לאַנגע גראָבע צעפּ און פאַרוואַרפט זיי איבער די פּלייצעס — פּאָרויס. די צעפּ לייגן זיך שווער אָפּ איר הויכער ברוסט און פאַלן נידעריקער פון גורט. דאָס מאַכט איר אַ קינדיש־נאַיוו, אַ ווײַבלעכ־רײַפּ.

פאַר דער צײַט, וואָס מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון־דערהיים, איז זי געוואָרן אַסאַך שענער און וווּקסיקער, ווי זי איז געווען. אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן העפקערדיקע פרייליכע פײַערלעך, און די ליפּן זײַנען שטענדיק פריש און צונטער רויט, ווײַל זי באַלעקט זיי די גאַנצע צײַט מיטן שפּיץ צונג, ווי אַ קעצל... די פּלייצעס זײַנען באַ איר רונדע, ברייטע און שטענדיק נאָקעטע. דאָס קלייד האַלט זיך ניט אָפּ די פּלייצעס, גליטשט זיך אַראָפּ זייער נידעריק. דאָס טרעפט פונקט דאַן, ווען באָריס איסאַקאָוויטש, דער נײַער באַפּולמעכ־טיקטער, קומט אַרײַן צו אונדז אין וואַגאָן איבערשרײַבן די היימלאָזע, אָדער אָנזאָגן, אַז אינגיכן וועלן מיר באַקומען אַ פאַראָוויק און זיך לאָזן ווײַטער אין וועג.

ער האָט זייער אָפּט אָנגעהויבן איבערשרײַבן די הימלאָזע... עס טראָגט פונ אים מיט גוטנ אָדעקאָלאָנ, מיט זאטקייט אונ מאכט. ער איז שטענדיק ריינ געראַזירט א״נ אויסגעפּוצט אינ א מיליטערישנ פרענטש־קאָסטיום. די כאָליאַוועס פונ זיינע הויכע שטיוול זײַנענ פונ גוטנ לאַק, אונ ווענ ער זעצט זיכ אונ פארלייגט א פוס אפ א פוס, זעט זיכ אינ זיי זײַנ פּאָנעם, ווי אינ א שפּיגל.

מיכ באמערקט ער ניט, ער רעדט נאָר צו ראָכלענ אונ צו די הימלאָזע.

איכ האָב אים פײַנט. מײַנ סינע צו אים איז אנ אלטע, נאָכ פונדערהיים.

זײַנ טאטע האָט פארמאָגט א דרײַגאָרנדיקנ מויער אפנ אלטנ מארק, אונ צוויי גרויסע ווײַנקעלערס.

אלע טאָג פלעגנ פּאָרקומענ געשלעגנ צווישנ די אויסגעפּוצטע, זאטע רעאַליסטנ מיט די אָפּגעריסענע, הונגעריקע טאלמעטוירעניקעס. מיר פלעגנ זיכ שלאָגנ מיט שטיקער אײַז, מיט שטיינער, מיט שטעקנס אונ הוילע הענט. אָבער דאָס איז געווענ אמאָל, ווענ באָריס איז נאָכ געווענ א רעאליסט, אונ איכ — א טאלמעטוירע־ניִנגל.

איצט איז ער דער באפולמעכטיקטער איבערנ עשאלאָנ הימלאָזע, גייט אָנגעטאָנ אינ א מיליטערישנ אנצוג, פּאָרט אינ א באזונדערנ ווייכנ וואגאָנ אונ כאַווערט זיכ מיט נאטשאלסטווע.

אין די אָוונטן זײַנען די פענצטער פון װײכן װאַ־
גאָן פאַרהאַנגען, און ס'טראָגט זיך פונדאָרט א שיקע־
רער געלעכטער, הײזעריקער געזאַנג און גרימפּלערײַ
פון א מאַנדאָלינע.

גאָר אָפּט װערט א יונגע בעזשענקע פאַרפאַלן אפּ א
גאַנצער נאַכט.

זי קערט זיך אום פאַרטאָג א מידע און אויסגעשעפּטע.
מיט שטילע געניײַװישע טריט שלײַכט זי זיך אַרײַן
אין װאַגאָן, דערשלעפּט זיך צו איר באַנק און שלאָפט
אײַן, װי נאָך א שװערער ארבעט.

א גאַנצן טאָג שליאָנדערט זי זיך ארום איבערן װאַגאָן
מיט בלאָע טיפע רונדן אונטער די אויגן, מיט סימאָנים
פון צײנער אפּן האַלדז און פלײצעס, און שעמט זיך
װײַזן דאָס פּאָנעם.

נאָר גלײַך, װי ס'קומט דער אָוונט, און פון װײכן
װאַגאָן דערטראָגט זיך אהער א פרײלעכער געזאַנג און
גרימפּלערײַ פון א מאַנדאָלינע, כאַפּט ארום זער יונגער
בעזשענקע אַן אומרויִקײט. זי געפינט זיך קײן אָרט ניט
אין קאַלטן, טונקעלן װאַגאָן און גײט אַלײן אװעק צו
באָריסן אפּ א גאַנצער נאַכט.

נאָך עטלעכע אַזעלכע נעכט הערט זי זיך אויף שעמען.

זי ליגט גאַנצענע טעג א פרײלעך־צעכראַסטעטע, פרעסט
גוטן שאָקאָלאַד און דערצײלט די עלטערע בעזשענקעס
װעגן די פאַרבראַכטע נעכט. מע הערט איר אָנגעשטרענגט
און מיט קינע אין די אויגן.

זי וואקסט פּלוצים אויס אין אַ העלר, און אַלע זוכן איר פריינטשאַפט. אַלעמען דאַכט זיך, אַז ס'איז א גרויס גליק כאַטש עטלעכע נעכט פארברענגען אין א ליכטיקן, ווארעמען וואגאָן, ווו מע עסט פליישיקע קאָטלעטן, מע טרינקט שטארקן וויין, און מע קושט זיך מיט ריין־געראַזירטע אינטעליגענטישע מענער...

איינעם מיט באָריסן פארברענגט דאָרט די נעכט דער נאטשאלניק פון דער קליינער, פארוואָרפענער סטאנציע, ווו מיר שטייען שוין העכער א וואָך.

ער איז א שמאָלפּלייציק, דארינק נעפּעשל, מיט א קורץ פאריסן נעזל, פון וואָס זיינע איינגעשרומפּנ פּענעמל זעט אויס פויגלש־פארשארפט און אָפּשטויסנד. קאָנטיק, אז מע האָט אפּ אים אין לעבן זייער אסאך געשריִען, און עפּשער אויך געשלאָגן. דערפאר איז ער אזוי הינטיש־צופרידן, וואָס ער קאָן איצט אומבאשטראָפט שרייען אפּ די היימלאָזע, טרינקען אומזיסטן וויין און איבערפירן יונגע בעזשענקעס.

איינע א בעזשענקע האָט דערציילט, אז שיקערערהייט, האָט ער זיך מוידע געווען, אז שוין העכער דריי יאָר, ווי ער האָט ניט געהאט קיין פרוי. די סאמע מיִעסטע דאָ אפּ דער סטאנציע האָט ניט געוואָלט מיט אים לעבן, און איצט האָט ער אלע נאכט א נייע. ער בארימט זיך, אז ער וועט אוועקשיקן א דאנק־טעלעגראמע קאָלינ ניקאָלייעוויטשן — אין נאָמען פון אלע באנ־נא־טשאַלניקעס...

דער צווייטער, ווער ס'האָט אָנגעפירט מיטנ עשאלאָנ הײמלאָזע אונ אינ ווענמענס הענט ס'איז געלעגנ אונדזער גוירל, איז געווענ א ריזיקער, ברייטפלייציקער נעפעש, מיט א שווארצער פירקאנטיקער באָרד, א הויכער בויכ, ווי בא א טראָגעדיקער, אונ גוטמוטיקע לאכנדיקע אויגנ.

ער איז געווענ דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געוווּסט, ווי ס'זענ אויס די שטעט, אינ וועלכע מיר פאָרנ אונ ווו מיר וועלנ דארפנ לעבנ.

ביז דער מילכאָמע האָט ער געהאנדלט מיט מעל, געטריבנ גרויסע בארזשעס ברוּט איבער וואָלגע אונ קאמע.

ער האָט ניט געוואָלט גייג אפ מילכאָמע.

ער האָט וועגנ דעם אָפנ דערציילט:

— אפ מילכאָמע — האָט ער געטײַנעט, — גייענ אָפיצערנ, גענעראַלנ, סאלדאטנ — מענטשנ, וועמענס פראָפעסיע איז זיכ שלאָגנ... אָדער נאראָנים... איכ בינ א מענטש א ציווילער אונ ארבעט אינ „טיל”.

וואָס ער האָט געטאָנ אינ „טיל” אונ וואָס פאר א שײַכעס ער האָט געהאַט צומ עשאלאָנ הײמלאָזע — איז קיינעמ ניט געווענ באוווּסט. עפעס האָט ער געפירט מיט זיכ בלאנקענ אונ שטעמפלענ פונ איינעמ אנ אנשטאַלט. אונ צוויי מאָל א וואָכ פלעגט ער שיקנ אהינ טעלעגראמעס מיט איינעמ אונ דעמזעלבנ אינהאלט:

„При активном вмешательстве представителя союза „земств и городов“ Юрия Игнатьевича Борышкина

удалось эшелон беженцев продвинуть дальше в тыл и обеспечить продуктами.

ער האָט שטארק ליב געהאט יונגע כאזיירימלעכ אינ כריינ. דאָס איז געווענ זיינ באליבט מייכל. אפ יעדער גרעסערער סטאנציע האָט ער אונדז געשיקט אינ די דערבייִקע דערפער זוכנ כאזיירימלעכ, אונ דאָס ברייט באוואקסנ פּאָנעם האָט אָנגעהויבנ שיינענ,ווענ ער פלעגט דערהערנ דאָס קוויטשערײַ פונעם כאזערל.

די יונגע בעזשענקעס האָבנ גערנ מיט אים פארבראכט די נעכט, ווייל ער איז געווענ געזונט, אָפּגעגעסנ, פּאָ-טערלעכ צוגעלאָזט אונ, דערהויפּט, ניט געקארגט קיינ געלט אפ קליינע מאטאָנעס...

ראָכל גייט ניט צו זיי אינ וואַגאָנ.

ראָכל באגעגנט זיכ מיט באָריסנ אינ וואָקזאַל-בופעט, אפ די ליניעס, אינ דערבייִקנ וועלדל.

פונ שיקרעס זיינענ בא באָריסנ די אויגנ שטענדיק רויט, די הויט אפנ פּאָנעם — קראנקלעכ-געל, די ליפּנ — דיקע, פליישיקע אונ שטענדיק גיריקע. ער איז העכער פונ מיר מיט א גאַנצנ קאָפּ. אָבער בא מיר זיינענ ברייטערע פּלייצעס אונ שטאַרקערע פויסטנ. ניט איינמאָל האָב איכ שוינ געטראכט צוגיינ צו באָריסנ אונ אים אָנהייבנ שלאָגנ פאר אלעמענ אינ די אויגנ.

ראָכל האָט באקומענ א שלעכטנ גאַנג.

ווענ זי שפּאַצירט מיט באָריסנ, הענגט זי קימאט אפ זיינ אָרעמ, ווי איר וואָלט שווער געווענ גיינ אפ

די אייגענע פּיס. דער קאָפּ אירער איז נאָענט צוגע־
בויגן צו באָריס באַק, און די שטים איז אַן אויסגע־
צויגענע און זינגעוודיקע, ווי זי וואָלט זיך פּעסטען פאַר
דער מאַמען.

ווען איך גיי צו, רײַסט זיך גלײַך אָפּ דער געשפּרעך,
און באָריס פאַרלאָזט אונדז, פּונקט ווי מײַן נאָענטקייט און
ליבע צו ראָכלען באַליידיקט אים.

מיר גייען שווײַגעוודיקע און באַרויִגעזע צוריק אין
וואַגאָן און האָבן ניט וועגן וואָס צו ריידן.

אָפּט באַפאַלט מיר אַ שטאַרקער פאַרלאַנג, צופאַלן צו
ראָכלס פיס, איר קושן, בעטן, זי זאָל ניט ליב באַקו־
מען באָריסן, זי זאָל אַזוי אָפּט מיט אים ניט שפּאַצירן אין
וועלדל און ניט קוקן אַף אים מיט אַזוינע גוטע לאַכנ־
דיקע אויגן. אין שלאָפּלאָזע נעכט ווערן בײַ מיר גע־
בוירן זייער אַסאַך צערטלעכע ווערטער, געבעט, טײַנעס
און דראָונגען. אָבער, ווען איך דערזע, ווי ראָכל שטייט
בײַם צעבראָכענעם שפּיגעלע, פּודרעט זיך, קעמט זיך
און וואַרט אָנגעשטרענגט באָריס זאָל קומען, ווערט אין
מיר געבוירן אַ ווייטיקדיקער פאַרדראָס צעמישט מיט
אַ יינגלשן שטאָלץ:

„ניין, בעסער דעם קאָפּ צעשפּאָלטן אָן די ליניעס —
און גאָרנישט בעטן".

אַזוי האָבן זיך געצויגן פאַר מיר פינצטערע טעג
און שלאָפּלאָזע נעכט, ביז ס'איז געקומען די נאַכט, וועגן
וועלכער איך האָב אײַך אָנגעהויבן דערציילן.

ס'האָט שוין געמוזט זײַן שטאַרק שפּעט, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערהערט א שטיל ריידערײַ.

— ביסט אַ נאַר, ראָכעלע... אָבער גאָר א גרויסער נאַר. קיין ערלעכע מיידלעך זײַנען גאָר אַף דער וועלט ניטאָ... נאָר פאַרזעעניש, אַף ווען א באָכער וויל ניט קוקן, דערטראָגן זייער פארקוואַרטע ערלעכקייט ביז דער כופּע, אָדער בלײַבן זיצן אַלטע מוידן.

— און יאַקאָוו?

— איך זאָג דען, זאָלסט ניט ליב האָבן יאקאָוון — ווערט פראדקעס שטים נאָך שטילער און צוגעשטיקטער — ליב יאַקאָוון וויפל דײַן האַרץ גלוסט... אָפילע ער איז פאַר דיר אזוי א פּאָר, ווי איך בין א גובערנאַטער. נאָר גאָרנישט, אין וועג קומט אַזאַ מאַנצבל אויך צונוץ... אָבער מע דארף האָבן סייכל. ווען איך פאַרמאָג דײַן שיינקייט, וואָלט איך אין גאָלד געגאַנגען, אַף די הענט וואָלט מען מיך געטראָגן, אין קאַרעטעס וואָלט איך געפאָרן... אז דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאר אַן אייגנס דו פאַרמאָגסט...

— אויך מיר אַן אייגנס — א בעזשענקע מיט צוויי אויסגעקראָכענע קליידלעך און א פּאָר צעריסענע טופליעס...

איך הער זיך אײַן אין ראָכלס שטים און דערקאָן זי ניט. עפּעס א ליגנערישע, פרעמדע, און ווי זי וואָלט זיך בעטן, פראדקע זאָל ווײַטער ריידן.

פראדקע לאָזט זיך לאנג ניט בעטן:

— אז דו ביסט א ווילדע, אַן עמעסע ווילדע. דו קאָנסט דאָך מיט א מוזשטשינע ניט ריידן. איך האָב

הײַנט געהערט, ווי דו האָסט גערעדט מיטן נאַטשאַלניק, און די גאַנצע צײַט מוירע געהאַט, אַז ער וועט דיך אַרויסטרײַבן...

— ווי אַנדערש דאַרף מען ריידן? — פאַרשטייט ניט ראָכל.

— אַז מע רעדט מיט אַ מוזשטשינע — ווערט פּראַד־קעס שטים נאָך שטילער און צוגעשטיקטער — דאַרף מען אים קוקן גלײַך אין די אויגן, און ניט נאָר קוקן, דאָס קאָן אַ בעהיימע אויך... מיט די אויגן דאַרף מען קושן, גלעטן, אַרומנעמען, צוזאָגן... נאַרעלע, וואָס קאָסט עס דיר. ביז דרײַסיק יאָר דאַרף אַ שיינע פרוי האַנאָע האָבן פון לעבן... דערנאָך הייבט מען אָן גיין אין ווײַבערשן שולכל און מע וויינט אַז די יונגע זינד... וואָס האָסטו מוירע... ווערסט בלײַבן אָן אַ מאַן? אַ מאַן איז ווי אַ קרענק — פריִער אָדער שפּעטער כאַפּט מען אים...

פּראַדקע האָט איר לעקציע ניט פאַרענדיקט.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון מײַן באַנק און מיט פאַרדריקטע פויסטן איר גענומען שלאָגן אין קאָפּ. פּראַד־קע האָט פון שרעק און איבעראַשונג פאַרגעסן שרײַען. ווען זי איז געקומען צו זיך, בין איך שוין געלעגן אָפּ מײַן אָרט און פונדאָרט אַרויסגעכריפּעט:

— פּראַדקע, איך וועל אײַך מאַכן דעם טויט, אויב מיט ראָכלען...

איך האָב מײַן דראָונג ניט פאַרענדיקט. מיר איז גע־וואָרן ענג אין האַלדז, ספּאַזמעס האָבן דערוואָרגן די

ווײַטערדיקע ווערטער. קעדײַ זיך ניט צעוויינען, האָב איך זיך גיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, אַרײַנגערוקט אין מויל אַ שטיק קאָלדרע און געשטומט.

איך האָב דײַטלעך געהערט, ווי ראָכל איז פון אָרט אופגעשטאַנען, באַקומענ וואַסער, דעם האַנטעך אײַנ־געגעצט, אים צוגעלייגט צו פּראַדקעס צעשלאָגענעם קאָפּ.

פּראַדקע האָט איבערגעטריבן הויך געקרעכצט, און ראָכל האָט מיט צערטלעכע ווערטער זי באַרויִקט.

דערנאָך איז ראָכל צוגעגאַנגען צו מײַן באַנק, מיך גראָב אויסגעדרייט צו זיך און מיט אַ מאָדנער רויִקייט אַרויסגעזאָגט:

Ты безграмотный хам!..

מער האָט זי גאָרנישט ניט געזאָגט. עטלעכע סעקונדעס, און עפּשער רעגעס, איז זי אַ שווײַגנדיקע געשטאַנען קעגן מיר. אין איר בליק איז געווען בלויז סינע און פאַראַכטונג.

— ראָכל!!

זי האָט ניט געוואָלט הערן, זי האָט גיך אָנגעוואָרפן דעם מאַנטל אָפּ די פּלייצעס און גענומען אַרויסגיין. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון באַנק און איר אָנגעיאָגט אָפּ די טרעפּלעך. זי האָט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און שטרענג באַפוילן:

— יאַקאָוו, גיי אָפּ דײַן אָרט! ס'ועט גאָרניט העלפן. איך האָב דיך מער ניט ליב...

די ווערטער זײַנען פון אירע ליפּן אַראָפּ אַזוי טרוקן און לײַכט, פּונקט ווי זי וואָלט זיי שוין פון לאַנג

געקאָנט אַפּ אויסנווייניק און נאָר געוואַרט אַפּ אַ גע־לעגנהייט זיי אַרויסזאָגן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ניט דאָס שלאָגן פּראַדקען איז שולדיק... איך בין געבליבן שטיין בײַ דער וואַגאָן־טיר, זיך אײַנגעהערט, ווי ראָכלס גיכע לויפנדיקע טריט שליאָפּען איבער דער צעגעצטער ליימיקער ערד, ווערן אַלץ ווײַטער, שטילער, דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון אַ געעפנטער און פאַרמאַכטער טיר, און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

איך האָב זיך אומגעקערט אין וואַגאָן.

פּראַדקע האָט נאָך אַלץ הויך געקרעכצט און געשאָלטן.

אין דרויסן איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער. איך האָב זיך געלייגט אַפּ מײַן האַרטן באַנק, דעם קאָפּ אַרײַנגערוקט אין פענצטער און געוואַרט אַפּ ראָכלען.

זי איז געקומען פאַרטאָג.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט אין יענער שלאָפלאָזער נאַכט, איז מיר איצט שווער צו דערציילן. מיר איז דאַן אינגאַנצן געווען זיבעצן יאָר, און ראָכל איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס איך האָב ליב באַקומען. פאַר די דרײַ יאָר, וואָס ס'האָט זיך געצויגן אונדזער ליבע, איז ראָכל אַרײַן אין מײַן בלוט, און דעם ווייטיק פון איר אוועקגיין, האָב איך געפילט מאַמעש פיזיש, ווי מע וואָלט מיר אַ פוס אָדער אַ האַנט אָפּגעשניטן.

אָבער אין דער ערשטער רגע, ווען איך האָב זי דערזען, האָב איך פאַרגעסן אָן ווייטיק. מיך האָט פאַר־

וואַנדערט, וואָס דאָס פּנים און פיגור בײַ ראָכלען האָט זיך מיט גאָרניט געענדערט, פונקט ווי ס׳וואָלט ניט פאָרגעקומען עטוואָס וויכטיקס און אויסערגעוויינלעכס...

ווי אַלע טעג, איז זי צוגעגאַנגען צו איר באַנק, אַ ווײַלע געזעסן פאַרטראַכט, דערנאָך פויל אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַ ברייטן געגעצ געטאָן און זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן איז זי ביז שפּעט, דעם קאָפּ טיף פאַרנורעט אין קישן.

ווען זי איז אויפגעשטאַנען, איז אין וואַגאָן שוין געווען טונקל און פּוסטלעך. די היימלאָזע האָבן זיך אומגעשלעפּט איבער די דערבײַיִקע דערפלעך, געזוכט, ווו צו קויפן עסנוואַרג.

ראָכל האָט לאַנג געצויגן די פאַרשלאָפענע גלידער, דערנאָך אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן פּוסטן וואַגאָן. זי האָט אומגעשפּאַנט מיט הילכיקע פעסטע טריט און אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט עמעצן אָדער זיך אַליין איבערצײַגן, אַז זי איז גערעכט.

— נו, וואָס שווײַגסטו — איז זי פּלוצים געבליבן שטיין האַרט נעבן מיר — שרײַ, שלאָג, מאָן, — אָדער דו האָסט מיך מער ניט ליב?..

אַ גרויסע עלנטקייט האָט געוויייט פון אירע ווערטער, אַרום איז פראָנט, הונגער, זנוס, און מיר זײַנען אַליין אין אַ קאַלטן טונקעלן וואַגאָן, וואָס שטייט שוין העכער אַ וואָך אַף אַ פאַרוואָרפענער סטאַנציע, ווער ווייסט, וויפל ווייַטער פון אַ שטאָט, און מײַן איינציקער באַו־

טיק נאָענטער פרײַנט שטייט קעגן מיר, ווי א פרעמ־
דער, און באַליידיקט זיך אַליין.

— ראָכל, לאָמיר פארלאָזן דעם פארשאָלטענעם עשא־
לאָן, צופוס דערגיין צו א שטאָט און אָנהייבן לעבן,
ווי מענטשן. איך קאָן אַרבעטן...

איך האב גערעדט גיך און היציק, די געדאנקען
זײַנען געשפרונגען אין מידן, באַליידיקטן מויעך. מיר
האָט זיך אין דער רעגע געוואָלט טאָן עפּעס גרויסעס
און אויסערגעוויינלעכס, אזוינס, וואָס מענטשן טוען
נאָר אין שיינע ביכער.

ראָכל האט טרוקן איבערגעריסן:

— איך וועל מיט דיר אינערגעץ ניט גיין. אומעטום
איז דאָס זעלבע. גאנץ רוסלאנד — זאגט באָריס — איז
איין גרויסער פובליטשנער דאָם, און ווער עס פארשטייט
עס ניט, וועט מוזן אונטערגיין...

זי האָט גאָר נאָענט צוגערוקט איר פּאָנעם צו מיר,
א האנט אף מײַן פלייצע ארופגעלייגט און שטיל פאָרגעלייגט:

— ווילסט, יאקאָוו, וועלן מיר הײַנטיקע נאכט שלאָפן
אינאיינעם, ווי מאן און ווײַב. איצט מעג איך שוין...

זי האט געוואָרט אַף אן ענטפער.

אַ באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף די שכיינישע לי־
ניעס, אַ באַן מיט זייער אסאך ליכט. אין אונדזער
וואגאָן איז פון דער פרעמדער ליכט געוואָרן גאָר העל,
און איך האב פלוצים דערזען, אַז דער האלדז בא
ראָכלען איז באדעקט מיט בלויע צייכנס פון די נעכ־

טיקע קושנ, אונטער די אויגנ — טיפע טונקעלע רייפנ, אונ פונ מויל הערט זיכ א געדוכ פונ ביליקנ בראנפנ. אזא בראנפנ האב איכ זעלטנ געטרונקענ מיט די דער־וואקסענע ארבעטער אינ שמוציקע שענקענ...

— גיי אוועק פונ מיר.

— גוט.

זי האט גיכ צונויפגעקליבנ אירע זאכנ אונ שוינ פארנ אוועקגיינ ארויסרופעריש געזאגט:

— יאקאוו, דו ביסט א נאר. איצט איז מילכאמע. איצט דארפנ מענ ארייַנכאפנ א נאכט, א טאג, ווער ווייסט וואס מארגנ וועט זייַנ...

אפ מארגנ איז געווענ אט וואס:

באריס, אינ דער ארומרינגלונג פונ זייַנע באהעלפער, איז געשטאנענ אפ די טרעפלעכ פונ ווייכנ וואגאנ אונ געטיילט די היימלאזע קאנסערווג:

אפ זעקס מענטשנ — איינ קעסטל.

באריס האט די קעסטלעכ אונטערגעווארפנ הויכ אינ־דערלופטנ, ווי מע טוט עס, ווענ מע רייצט זיכ מיט היימישע הינט, איידער מע ווארפט זיי א ביינ.

ארומ באריסנ — א מאכנע אפגעריסענע ברודיקע היימ־לאזע. זיי קוקנ מיט הונגעריקע, גיריקע אויגנ, ווי די בלעכענע קעסטלעכ פליִענ הויכ איבער זייערע קעפ, פינקלענ אפ דער זונ. אינ די קעסטלעכ איז באהאלטנ עמעסע פלייש מיט בעבלעכ. זיי פילנ דעמ טאמ אינ די פארטריקנטע מייַלער. דערפאר ווערט בא יעדנ

פאַל פון א קעסטל א ווילדע שטופעריַי, געשריי, געשלעג.

די היימלאָזע שריַיען מיט א קיוון איבערגעטריבן הויך, זידלען זיך מיט מאָדנע צוגעטראַכטע קלאָלעס; זיי ווייסן, אז דאס פארוויַילט די דריַי שמייכלענדיקע פארזאָרגער, און מע וועט אפּ אַזאַ אויפן קאָנען אויס־בעטלען עטלעכע איבעריקע קעסטלעך...

ניט באַזערקט האָב איך אופגעהויבן א שטיין, דער שטיין איז געווען א פירעקיקער און שאַרפער, זייער ענלעך אפּ א האַק.

איך האב זיך דורכגעשמופט צווישן דער מאכנע שריַיענדיקע היימלאָזע, זיך געשטעלט קעגן דער גרופּע פארזאָרגער, און מיט אלע קויכעס א שליַידער געטאָן דעם שטיין. איך האב געצילט ריכטיק. דער שטיין איז געפלויגן אין קאָפּ. אבער אין דער לעצטער רעגע האט אים באָריס באמערקט און פארשטעלט דעם קאפּ מיט א קעסטל קאנסערוון. דער שטיין האָט געטראָפן אין קעסטל, א הויכן קלונג געטאָן, און אפּגעשפּרונגען אין א זיַיט.

באָריס האָט פון שרעק ארויסגעוואָרפן דאס בלעכענע קעסטל פון האנט און זיך אראָפּגעזעצט אפּ די טרעפּ־לעך. איך האב אופגעהויבן א צווייטן שטיין און גע־וואָלט איבערכאַזערן, אבער מיך האָבן ארומגערינגלט די היימלאָזע אין אַנגען קריַיז, געהאלטן פעסט פאר די הענט און אלע מיטאמאָל געבעטן, איך זאָל זיי ניט

מאכן אומגליקלעך... אַז צוליב מיר וועט מען זיי אַלעמען אַרעסטירן און פאַרטרײַבן אָפּן פּראָנט.

— לאָזט אָפּ! ווערט ער פאַרברענט.

זיי האבן מיך אָפּגעלאָזט.

מיט פאַרוווּנדערטע דערשראָקענע אויגן האבן זיי געוואַרט, וואָס איך וועל ווײַטער טאָן.

איך האָב גאָרנישט געטאָן.

איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צום דרײַלינג. באַריס איז נאָך אַלץ געזעסן אַ בלייכער אָפּ די טרעפּלעך, גע־קוקט מיט פּוסטע אויגן אָפּ דער צעבלוטיקטער האַנט, אָפּ מיר, און ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. דער ברייט־פּלייציקער, באַוואַקסענער מעל־קרעמער, וואָס האָט אַלע וואָך געקלאַפּט טעלעגראַמעס, האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ רעוואָלווער. אָבער די גרויסע הענט מיט די קורצע פינגער האָבן שטאַרק געציטערט, לאַנג געזוכט דעם פאַרהיטער און ניט געפונען. ער האט פאַרן רעוואָלווער, קאָנטיק, מוירע געהאַט, און איז געווען שטאַרק צופרידן, ווען די היימלאָזע האָבן אופגעהויבן אַ שטאַרקן געוואַלד און אים געצוווּנגען דעם רעוואָל־ווער צוריק באַהאַלטן אין קעשענע. ווען ס'איז שטיל געוואָרן, האָב איך מיט איין אָטעם אויסגעשריִען:

— פאַרפוילטע הינט! מיר וועלן אײַך אײַנציקווײַז דערווערגן.

איך האָב זיך געקליבן זייער אַסאַך ריידן, זיי זאָגן, אַז זיי גאַנווענען, שיקערן און האבן פאַרוואַנדלט דעם עשאַלאָן אין אַ שאַנד־הײַזל.

אָבער אין דער רעגע איז ראָכל אַרויס פון ווייכנ וואַגאָנ, דערזענ, ווי בּאַ בּאָריסנ בּלוטיקט די האנט, אימ געגומענ פארבּינדנ מיט א ווײַסינק טיכעלע, אפ מיר האָט זי אפילע ניט געקוקט.

איך האָבּ זיך גיך געזעגנט מיט די היימלאָזע אונ צופוס אוועק צו א צווייטער סטאנציע. ווענ איך בּינ שוינ געווענ ווײַט פונ זיי, עטלעכע מינוט גאַנג, האָבּ איך זיך אומגעקוקט אונ דערזענ, ווי דער נאטשאלניק מיטנ הינטיש־פּאריסענעמ נעזל ווײַזט מיט אַנ אויסגע־שטרעקטער האנט אינ מײַנ ריכטונג, דערציילט עפּעס אונ לאַכט פונ זײַנ אייגענער דערציילונג.

דער בּרייטפּלייציקער מעל־קרעמער ווארפט ווידער די קאָנסערוונ אינדערלופטנ, די היימלאָזע שטופּנ זיך אונ שרײַענ.

בּאָריס אונ ראָכל זײַנען צווישנ זיי ניט געווענ.

אלופּקע — כארקאוו.
יונ־אווגוסט — 1934 יאר.

א ט אָ ט ע

(נ אָ ו ע ל ע)

שטייט אַ וואַנט א געלע, ציגלנע. פון דרויסן—באַקלעפּט מיט שרייַענדיקע, פאַרביקע אַפישן, באהאנגען מיט אלט-פארזשאווערטע שילדן.

איז די וואנט שוין פון יאָרן און צייַט געוווינט צו בייזע הארבסטיקע ווינטן, צו גלי און היץ פון לאנגע זומערדיקע טעג. פארנעמט זי גלייַכגילטיק אייַליקן געלאָפּ פון שווערע טראַמווייַען, טריט פון פארנומענע פארבייַגייער, פייַפעריי פון ווייכע אַווטאָמאָבילן—הערט און שטומט אין ציגלנעם שווייַגן.

פארמאָגט אַ וואנט אסאך טירן און פענצטער. נאָר טירן פון שטאָטישע דידעס זייַנען אויסגעקערט מיט די צורעס צו אַ לאנגן פינצטערן קאָרידאָר. און פענצטער קוקן אין גאס בלינד און מיט אראָפּגעלאָזטע געדיכטע גאַרדינען,—פארשטעלן און באהאלטן אין קליינע צימערלעך פארפלאָנטערטע קנייַלעכלעך ווי און פרייד.

בין איך היינט א גאנצע נאכט אָפּגעשטאנען בא דער אלטער ציגלנער וואנט, ווי א שווארצער ארבעטער שווער און אקשאָנעסדיק געריסן ציגל נאָך ציגל, שטיין נאָך שטיין, ביז ווייטיק אופגעעפנט מייַנע אויגן און דערזען:

אַ קליינער צימער פון שכיינים און נייגער מיט פיר פאַנערנע ווענט אָפּגעצאמט.

אין די פאַנערנע ווענט:

א יונגע פרוי מיט אויגן, וואָס האָבן צאַר פון ניט אויסגעלעבטער יוגנט אין די שווארצאפלען באַהאַלטן; א גראָבער בופעט, וואָס האָט געהאָפּט שטוביקע כפיי־צים און געמיטלעכקייט אין זיך טראָגן און איז גע־בליבן שטיין פאַרגעסן מיט צוויי איינזאַמע גלעזער און פונקט אזויפיל טעלער; א ברייט בעט, וואָס האָט מיט ניקלנע גלידער, מיט ווייכע קישנס געבענקט נאָך פרייד; א שרייבטיש מיט א פירקאנטיקן טינטער, אין וועלכן געפייגערטע פליגן זיינען כאַדאָשימלאנג רויק געלעגן, און א קינדס א בעטעלע, ווו דער פינפיאָריקער מיי־קע האט פארדראָסיק געמאָנט:

— מאמע, פארוואָס קומט דער טאטע ניט צו פאָרן?

— ער וועט אינגיכן קומען, קינד מיינס.

— און פארוואָס איז ער פון אונדז אוועקגעפאָרן?

— ווייל... ווייל... שלאָף איין. ס'איז שפּעט.

— און מיר איז אומעטיק אָן דעם טאטן.

— מייקע, ווייסט וואָס, פארמאַך די אויגלעך, און איך וועל דיר דערציילן א שיין מייסעלע...

— מיט א רויטארמייער, יאָ?

— מיט א רויטארמייער.

— מאמע, מיין טאטע איז א שטארקער, איאָ? ער קאָן אויסהארגענען מיט איין האנט אלע בורזשויען!

— יאָ, ער איז אַ שטאַרקער.

— און פאַרוואָס האָב איך אים קיינמאָל ניט געזען?

— דו ביסט נאָך געווען גאָר אַ קליינינקער, ווען דער טאַטע איז אין דײַטשלאַנד אַוועקגעפאָרן.

— און פאַרוואָס האָט ער מיך ניט מיטגענומען?

— אין דײַטשלאַנד לאָזט מען קיין קליינע קינדער ניט אַרײַן.

— און פאַרוואָס האָט ער דיך ניט מיטגענומען?

— ווײַל... ווײַל... שלאָף אײַן. ס'איז שוין זייער שפּעט...

די מוטער האָט איר בלאָנדן קאָפּ נידעריקער, נעענטער צו מייקען אַראָפּגעבויגן. מייקע האָט זי פעסט אַרום האַלדז אַרומגענומען און אַזוי צוגעטוליעט און אַרומגענומען אײַנגעשלאָפן.

אין קליינעם צימערל איז געוואָרן ציִענדיק־שטיל. דער עלעקטרישער לאָמפּ האָט די געלע פאַסן שײַן איבערן קינדס בעטעלע פאַרשפּרייט, זיך געשפּילט מיט אומרויִקע שאָטנס אויף דער וואַנט, און די פאַנערנע ווענט האָבן שטום געבענקט נאָך פאַרשווונדענע מאַנצבלשע טריט.

נאָך פאַרשווונדענע מאַנצבלשע טריט האָבן שוין יאָרנלאַנג דאָ ניט געקלאַפּט. שוין העכער פיר יאָר, ווי דינע ווענט קוקן אויף צוויי קעפּ, וואָס טוליען זיך אין לאַנגע ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, טוליען זיך אין איינזאַמקייט, אין פאַרלאָזנקייט און דערציילן זיך מײַסעס וועגן אַ טאַטן, וואָס לעבט ערגעץ ווײַט, ווײַט אין אַ לאַנד דײַטשלאַנד.

און הינטער דער פאַנערנער וואַנט, אין צווייטן שכיי־נישן צימער, האָט פּאַשקע לאַנג אַ ווייטיק אין זיך גע־טראָגן און היינט אים הויך ארויסגעשריען:

— דאָס הינטישע בלוט האָט זיך אין דיר צעקאָכט! אַ טויטע וועסטו מיך פריער פון שטוב ארויסטראָגן, דערנאָך וועסטו זיך צונויפגיין מיט וועמען דו ווילסט!... ער וועט מיר צאָלן! איך בין ניט קיין גאסנמויד, וועמען מע זאָגט צו אַלע כוידעש צאָלן סכירעס און מע גייט שטיל אוועק!.. בא פּאַשקען זיינען די שוואַרצע האָר צעפּאַלן אין איינציקע פּאַסמעס, געהאַנגען לאָקנווייז אי־בערן אופגערעגטן פּנים, און אין די יונגע אויגן האָבן זיך וואָלפישע פייערלעך אָנגעצונדן. זי איז אימ־פעטדיק פון בעט אַראָפּגעשפרונגען, מיט עטלעכע טריט צו דער טיר דערלאָפן, געבליבן שטיין מיט הענט אָפּ דער טיר פאַרשפּרייט.

איר קורצער פעסט־געבויטער קערפער האָט איצט מיט אַלע גלידער געפילט, אַז ער דאַרף זיך פאַרטיידיקן, ער איז געוואָרן שטייף און אָנגעצויגן, און באָרוועסע פיס האָבן זיך אַזוי פעסט און זיכער אין הילצערנעם דיל איינגעקלאַמערט, ווי זיי וואָלטן אַריינגעוואַקסן אין הארטן האָלץ. אַזוי מוז שטיין אַ יונגער ציירק־שלעגער, ווען ער גייט דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין געשלעג.

דער מאַן אירער, נאָך גאָר אַ יונגער, מיט צוויי מיל־כאָמע־שראַמען אָפּן שטערן, איז געשטאַנען פאַרלוירן באַם טיש, געדרייט אומבאַהאָלפן דאָס היטל, ווי דאָס

היטל וואָלט שולדיק געווענ אינ פּאשקעס געשרייענ, אונ די ליפּנ האָבנ שטיל אונ שוינ נישט זיכער געשטאַמלט:

— דו וועסט מיכ מיט גוואלד ניט האלטנ... פאַר וואנקענ וועל איכ צאָלנ... וויפל ס׳קומט פאַר וואַנקענ וועל איכ צאָלנ...

פּאשקע האָט די טיר פארלאָזט, מיט צעפלאָנטערטע פיס צום טיש געקומענ, דערלאנגט א פּראל אפּ דער ערד אונ אָפּגעריסנ ארויסגעכליפּעט:

— דמיטרושקע, טײַערער! איכ וויל ניט!... איכ דארפ ניט קיינ געצאָלט... עס טוט וויי... דמיטרושקע...

דמיטרי איז געווענ יונג אונ האָט שטארק מוירע געהאט פאר ווײַבערשע טרערנ. דמיטרי האָט געטראַכט, אז ס׳איז זייער פּאָשעט אונ גרינג פונ פּאשקענ אוועקגיינ, פּונקט אזוי גרינג אונ פּאָשעט, ווי ער איז זיכ מיט איר צונויפגעגאנגענ. איצט איז זי געלעגנ א צעשויבערטע אונ פארוויינטע פאר זײַנע פיס, ווי א בלינד קעצל, אונ געמאָנט ליבע אונ נאָענטקייט...

ראכמאָנעס, צעמישט מיט באהאַלטענער גיַיווע, וואָס פּאשקע לאָזט אימ פונ זיכ ניט אוועק, וויקלט זיכ ארומ זײַנע פיס—האט אימ געמאכט ווייכ אונ נאָכגעביק. ער האט זײַנ היטל אָנ א זײַט פארוואָרפנ, גענומענ גלעטנ צערטלעכ אירע האָר אונ מיט א פארשטיקט קאָל געבעטנ:

— פּאשקע, מע דארפ ניט. פּאשקע, שטיי אופ... איכ גיי אינ ערגעצ ניט אוועק...

דער פינפיאָריקער וואנקע האָט זיכ פונ שלאָפ אופ־געכאפט, דערזענ, ווי זײַנ מאמע וויקלט זיכ ארומ

דמיטריס פיס, טוליעט זיך אלץ נעענטער, פעסטער, און געגומענע אייפערזיכטיק שרייען:

— מאמע, קום צו מיר! מאמע, קוש נישט דעם טאטקען—ער איז א שלעכטער, מאמע, קום...

אינעם צווייטן צימער האט די בלאָנדע מאמע, בא וועמען אויגן האָבן צאַר פון גיט־אויסגעלעבטער יוגנט באהאלטן, מייקעס הענטלעך פון ארום האלדז אָפּגעוויקלט. מייקע האָט מיטן גאנצן אײַנגעדרעמלטן גוף א ציטער געטאָן, דערפילט דורך דעם ערשטן שלאָף א פארשווונ־דענע מאמישע ווארעמקייט, די פיסלעך נעענטער אונ־טערן הערצל צוגעצויגן, און קינדערשע ליפּעלעך האָבן זיך ברויגעזדיק צעקנייטשט.

די מוטער איז געבליבן שטיין איבער מייקען געבויגן, געקוקט מיט טרוקענע אויגן אף זיין אומרויקן שלאָף, געטראכט, אז ס'איז שוין באלד פיר יאָר, ווי זי פלאנצט אין אים איין א שטארקע ליבע צו א טאטן, וואָס לעבט ערגעץ ווייט, ווייט, אין א לאנד דייטשלאנד, צו א טאטן, וועלכן ער האט קיינמאָל ניט געזען און וועט מינאס־טאמ קיינמאָל ניט זען...

אינעם אײַנגעדרעמלטן צימער, אינאָנהויב נאכט האט מייקעס מוטער באמערקט, אז דער פּאָרטפעל אפן טיש איז אויסגעוואקסן מוירעדיק גרויס, געלעגן אזא טויטער, שווערער, געל־הארבסטיקער און פרעמדער. אין זיינע לעדערנע קנייטשן זיינען געלעגן פער־ציק רובל.

די פּערציק רובל האָט הײַנט צוגעשיקט מײַקעס טאַטע פֿאַר אַ פֿאַרגאַנגענעם אויסגעלעבטן כוידעש.

שוין אַסאַך פּערציקרובלדיקע כאַדאָשים איז פֿאַר מײַקעס מוטער אַוועק. און אַלע מאָל דערמאָנען זיי אַזוי בלוטיק שאַרף, אַזוי טרוקן־אויסגערעכנט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דאָ, אין פֿאַנערנע ווענט, געלעבט אַ יונגער טאַטע, וואָס האָט אַ לעבעדיקן צובונד פֿאַרביטן אויף קאַלטע פּערציקרובלדיקע גריסן...

„וואָרט, און וואָס וועט זײַן, אַז איך וועל צוגיין צום שרײַבטיש, באַקומען פֿונעם לעדערנעם פּאָרטפֿעל די פּערציק רובל און צערײַסן אויף אַסאַך קלײנינקע שטיקעלעך? — ס׳וועט גאָרנישט ניט זײַן... אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט זיי געוויס אַ שמאַטע־קלײַבער געפֿינען אין הויפֿישן מיסטקאַסטן, צוריק צונויפֿקלעפּן שטיקל צו שטיקל, ברעקל צו ברעקל און זיך פֿרייען מיט דער געפֿונענער מעציע.

די פּערציק רובל, מײַקעס אַלימענטן, האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן ברוינעם דיל. די מוטער האָט דעם פּאָרטפֿעל צוריק אויפֿן טיש אַוועקגעלייגט און רויִק אַוועק צום פֿענצטער.

אַ וואַנט־לועך האָט אויווערבאָטלדיק אײַנגערעדט, אַז איצט איז אָנהויב פֿרילינג, אַז הינטער דער גרויסער שטײנערנער שטאָט ליגן שוין פֿעלדער גרין און אויפֿגעבליט. אָבער דער לועך האָט שוין אַ גאַנצן כוידעש געזאָגט אַ ליגן.

אין די שטאָטישע רינשטאָקן, אפֿן שטיינערנעם ברוק איז געלעגן אַ שווארצער ברודיקער שניי, געלעגן זיכער און איינגעגעסן, און א הימל אפֿ קוימענס פֿון מויערן איז אויך געהאנגען א ברודיקער, וואָלקנדיקער, אָן איין זוניקן פּאס.

אייליקע טראַמווייען האָבן עלעקטרישע פֿונקען איבער נאסע דראָטן געטריבן, געשלעפּט זיך איבער פֿארגאָסענע ליניעס, אויסגעזונע פּארוויינטע און ניט געוואשענע, ווי גאסן־קינדער בא פּעך־קעסלען. פֿארבײַגייער האָבן צעקרימטע הארבסטיקע צורעס אין אָנגעשטעלטע קאָלנערס גע־נורעט, געבענקט, וואָס גיכער צו זײַן אין אווארעמען צימער, אין שטוביקע פֿיר ווענט.

מייקעס מאמען איז שווער געוואָרן ווײַטער בלײַבן מיט דער שטוביקער שטילקייט, מיט איינגעשלאָפֿענעם קינד, מיט די צעריסענע פּערציק רובל אפֿן דיל.

זי איז פֿונעם פֿענצטער, פֿונעם רעגנדיקן דרויסן אַוועק, מיט שטילע טריט אומגעגאנגען איבערן קליינעם צימער. פּלוצים איז זי צוגעגאנגען צו דער ציגלנער וואנט, צום אויער צוגעטראָגן דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל און אָפּ־געריסן קורץ געבעטן: 21 — 50 — 5.

— ס׳רעדט ראָכל גינזבורג!

לאנג איז ראָכל אָפּגעשטאנען מיטן אויער צום טעלע־פֿאָן־טרײַבל געווענדט, אלץ געוואָלט דערהערן ווײַטע, אָפּגער׳סענע קלאנגען, אָבער דאָס טרײַבל איז געווען קאלט און שטום — קיין איין מענטשלעך וואָרט צו איר ניט געבראכט.

ראָכל האָט גוט געוווּסט, אז איצט, אינ האלבער נאכט, איז אינ אנשטאלט, ווו זי פארברענגט גאנצע טעג בא פעקלעכ פאפירנ, קיינער ניטאָ; אז צימערנ זײַנענ איצט פוסט אונ פארלאָזנ, אונ נאָר גרויסע, גרינע טישנ קוקנ מיט שווארצע טינט־פלעקנ אפ דער סטעליע.

ראָכל האָט עס גוט געוווּסט, אונ דאָכ פונעם טרײַבל ניט אוועק. נאָכאמאָל, נאָכאמאָל געבעטנ דעם פארגעדענקטנ נומער פונעם אייגענעם פוסטנ אנשטאלט; געהאָפט, אז עמעצער וועט איר געשריי דערהערנ אונ ענטפערנ. איר געבעט האָט זיכ געטראָגנ איבער נאסע, פארעגנטע טעלעפאָנ־דראָטנ, איבער דער טומלדיקער שטאָט, זיכ צעשאָטנ הייזעריק אינ די סאכ צימערנ פונ אנשטאלט.

א שוימער האָט אינ דורכגאנג געדרעמלט, דערהערט א גרילצנדיקנ געשריי פונעם טעלעפאָנ, איז ער פונ זײַנ אָרט אופגעשטאנענ אונ אוועק מיט בייזע טריט צום שרײַענדיקנ טעלעפאָנ.

ראָכל האָט זײַנ שטימ דערקאָנט. א שטימ א שוימערשע, נאכטישע, טעמפע. ראָכל האָט דאָס טרײַבל צוריק אופגעהאנגענ, ווײַל זי האָט ניט געוווּסט, וואָס בא אימ פרעגנ אונ וואָס מיט אימ ריידנ, געבליבנ זיצנ בא דער דרויסיקער וואנט.

אינ צווייטנ צימער איז געוואָרנ אלצ רויִקער. אנ אָפּגעריסענע כליפעריי איז אריבער אינ א שטילער פרייד. פאשקע האָט מיט א יוגנטלעכנ ברענ, מיט א לאנג שוינ ניט געוועזענער לײַכטקייט געהאלדזט דמיטרינ אונ הארציק געטײַנעט:

— עמעס, דמיטרי, איך בין ניט קיין שטאָלצע! בעטל, ווי א שלעפּערקע, ליבע... ארייַנגעפאלן, הא? — מיט די נעגל זיך אייַנגעקלאמערט אונ האלט...

— אונ דו האָסט געמיינט, איך וועל האנדלען, ווי די שכיינע אונדזערע, ווי ראכילקע... איך בין געווען דער־ביַי, ווען איר מאנ איז פון איר אוועק. הערסט! אזוי איידל, שטיל, אזוי פרייַנטלעך האָט זי אים צו דער טיר באגלייט, גלייַך ווי ער וואָלט אינ ווייַטע לענדער נאָך מאטאָנעס פאר איר פאָרן... איך געדענק אירע לעצטע ווערטער: „לעב גליקלעך. איך מאָן פון דיר גאָרניט".

— פו — צעקוועטשעניש! — דערנאָך א גאנצע נאַכט מיט אַ טאָג געוואָיעט, ווי א געשלאָגענער הונט... אַ שטאָלצע איז זי? — אַ צעקוועטשעניש. אונ איך וויל ניט זייַנ אַזאַ! מיר, אַז ס׳טוט ווייי — שרייַ א כ, מאָן איך...

הינטער פענצטער פונ צוויי צימערנ האָט געהוליעט אַ פינצטערע נאַכט, אָפּגעגאַנגענ מיטנ לעצטנ פאַרשפעטיקטנ שניי, מיט רעגנ.

עלעקטרישע לאָמפּנ האָבנ טונקל געפינקלט אינ אַס־פאַלט פונ ליידיקע טראָטואַרנ. איינציקע פאַרבייַגייער האָבנ זיך געשאַרט פאַזע די ווענט, זיך אויסגעבאַהאַלטנ הינטער טויערנ, געשטאַנענ קופּקעסווייַז אינ טיפע דורכגאַנגענ. פאַרשפעטיקטע גאַס־הענדלערקעס האָבנ ליידיקע שטרויענע קערב אַפ די קעפּ אָנגעטאָן, געלאָפנ אונטערנ שלאַקסרעגנ מיט הויכ פאַריסענע קליידער, הילכיק געלאַכט אונ אָנגעפּלט די גאַס מיט פריילעכנ געפילדער.

ביז שפּעט־נאַכט איז ראָכל באַם פענצטער, באַם פאַרעגנטן דרויסן אָפּגעשטאַנען, געקוקט, ווי ס'פאַרשווינדן פאַר־הינטער די טויערן די לעצטע פאַרבײַגייער, ווי טראַמווײַען ווערן אַלץ זעלטענער און ליידיקער.

אַן איינזאַמער פאַעטאָן איז לאַנג געשטאַנען מיט אַן אופגעהויבענער בויד. דאָס פערד האָט זיין נאַסן אויסגעווייקטן קאָפּ געהאַלטן אַראָפּ צו דער ערד געבויגן. איינצלנע טראָפּנס וואַסער זײַנען פון זײַנע שיטערע האָר גערונען, גערונען מיט דערזעלבער פאַמעלעכקייט און רעגל־מעסיקייט, ווי פון אַן אײַנגעפאלענעם הילצערנעם דאַך.

דאָס פערד האָט מיט גלײַכגילטיקע אויגן געקוקט אין הוילן דרויסן, פּלוצים באַנומען, אַז אין אַזאַ נאַכט וועט אים קיינער ניט דינגען, באַנומען, אַז דער באַלעבאָס שלאָפט געשמאַק פאַרנורעט אין בויד, און האָט אַוועק־געשפּאַנט ניט געײַלט אין שטאָט, אין נאַכט אַרײַן.

הינטערן פענצטער איז געוואָרן טויט־פּוסט. בלעכענע דעכער האָבן איצט געבלאַנקט, ווי פאַרהויכטע שפּיגלען אין בּיליקע טיי־הײַזער. ראָכל איז אַלץ געשטאַנען דעם קאָפּ אין פײַכטער שויב אַרײַנגערוקט, געקוקט מיט ליידיקע אויגן אין הוילער כוישעכדיקער נאַכט, אַ נאַכט, וואָס דערציילט וועגן זעלבסטמאָרד, וועגן פינצטערן געשריי פון קעץ אַף בוידעמער, אַ נאַכט, וואָס מיט יעדן נײַעם טראָפּן וואַסער אַף שויב כאַזערט זי איבער:

אלע דײַנע באַטאָגיקע פרײַנט און כאַווײרים זײַנען איצט פאַרטאָן אין אייגענע היימישע פרייד און זאָרג; דו מיט

דײַן קינד ביסט איצט פאַרגעסן הינטער דער ציגלנער וואַנט, און קײנער טראַכט ניט װעגן אײַך.

און דער אײנציקער בלוטיקער פרײַנט, וועמען דו האָסט דײַן מײדלשן, לאַנג געכאָוועטן טרוים נאָך גליק און נאָ־ענטקײט פאַרטרויעט, איז אַזוי גיך און פּלוצים אַוועק, איבערגעלאָזט אַ מאָנענדיק קינד און אַ שאַרפן פאַרדראָס פאַר אַ פאַרשפּילטער יוגנט..

אין אַזאַ פּאַסקודנער נאַכט האָט זיך ראָכלען פאַר־וואָלט אָנשרײַבן אַ בריוו איר אַלטער מאַמען, וואָס לעבט ערגעץ ווײַט אין אַ ווײַסרוסיש שטעטל, איר דערצײלן... נאָר וואָס צו דערצײלן דער מאַמען האָט זי ניט געהאַט, ווײַל פּאַשקע הינטער דער וואַנט האָט אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָכטן און געשפּינען פאַרגאַנגענע שוימיקע יאָרן, ווי זי וואָלט די הײַנטיקע שווערקײט געוואָלט אין פרישן קוואַל פון זײער ערשטער באַגעגעניש דערטרינקען.

קלאַפּט זיך דאָס נײַנצנטע יאָר אָפּ דער דינער פאַנער־נער וואַנט, פלאַטערט מיט שלאַכטן, מיט פראָנטן, מיט הונגער, — און צווישן הונגער און שלאַכטן, אין די פעלדן פון יענעם יאָר, זײער שיקערע, זאָרגלאָזע, העפקערדיקע ליבע. — וואָרט, ווו האָט עס געטראָפן?

און בײדע לאַכן, און בײדע האָבן פאַרגעסן, אָפּ וועלכער סטאַנציע, אין וועלכער שטאָט זײ האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן. באַגעגנט און צונויפגעוואַקסן, און שוין באַנאַנד זיך אומגעטראָגן איבער שטעט און קאַנטן פון אויפגעשטאַנענעם לאַנד.

— געדענקסט?

— איך געדענק!

ראָכל הערט מיט א פּאַרטײַעטן אָטעם פּאַשקעס פרײַדיקע באַגעגעניש, און ראָכלען הייבט זיך אָן דוכטן, אַז ניט פּאַשקע הינטער דער וואַנט דערציילט עס, נאָר זי, ראָכל, האָט זיך אָן איר ערשטער באַגעגעניש מיט מייקעס טאַטן דערמאָנט.

פּאַשקע פלעכט ווײַטער די קייט פון זייער זאָרגלאָזער יוגנטלעכער ליבע. און ביידע הויבן אָן טראַכטן, אַז שולדיק אין אַלץ איז דער שווערער אַלמער מיט די עטלעכע קליידער, דער טריומאָ־שפּיגל, דער טיש, וואָס שטייט ווי אײַנגעוואַקסן מיט די פיס אין טעפּיך פון דיל, די ווייכע שולן, די פיר ווענט, די קיך — דאָס אַלץ, וואָס מאַכט אַזוי שווער און לאַנגווײַליק זייער צוזאַמענלעבן.

און ביידן הייבט זיך אָן דאַכטן:

אַז מע דאַרף אַרויסוואַרפן צוריק די אַלע שווערע זאַכן, זיך אַרויסרײַסן פון הינטער דער ציגלנער וואַנט און זיך ווידער אָנהייבן וואַלגערן אין טעפּלושקעס, אַף סטאַנציעס פון אומבאַקאַנטע שטעט און געגנטן.

דאָס נײַנצנטע יאָר שטאַרבט אָפּ אַף דער דינער פאַנערנער וואַנט, אין דרויסן גיסט נאָך אַלץ אַ רעגן, צעמישט מיט שניי און האָגל. וואַנקע האָט זיך אין וויגעלע אַף דער אַנדערער זײַט איבערגעקערט. פּאַשקע און דמיטרי זײַנען צופרידן אײַנגעשלאָפן, ווי דער אָפּשײַן פון די פריערדיקע יאָרן וואָלט זיי ווידער נאָענט און פאַרליבט געמאַכט.

מייקע רעדט פון שלאָף. באַגעגנט אין קינדערשן כאָלעם זײַן ווײַטן טאַטן, פאַרפלאָנטערט דעם טאַטן אין אַ רויטן, קאָלירטן לופטבאַלאָן, אין צאַצקעס, און שלאָפט אײַן.

ראָכל הערט זיך אײַן אין מייקעס צעפּלאָנטערטע ווערטער, אויגן ווערן בײַ איר טריקענער און בייזער. זי גייט מיט שווערע, געמאָסטענע טריט אַוועק פונעם פענצטער, פונעם נאַסן דרויסן, באקומט פונעם פּאָרטפעל אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און בלײַבט זיצן פאַרטראַכט בײַם טיש.

גראָער פאַרטאָג האָט ראָכלען געפונען אַלץ זיצנדיק בײַם טיש. רינגען אונטער בלאָע אויגן זײַנען געוואָרן טיפער און בולעטער, און א שטערן האָט צוויי טיפע קנייטשן אין דער שלאָפלאָזער נאַכט געבוירן.

אַ ווײַסער בויגן פּאַפּיר האָט מיט קרומע, צעדרייטע אויסיעס דערציילט, אז אין דער הײַנטיקער נאַכט האָט ראָכל פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַן אומזין און אַ פאַרברעכן ווײַטער כאָוּוען אין מייקען אַ בענקשאַפט און אַ טרוים נאָך אַ טאַטן, וואָס וועט קיינמאָל ניט איבערטרעטן די שוועל פון זייער צימער...

מייקעס טאטע איז אין הײַנטיקער נאכט, אין קרומע אויסיעס, אין ציטערדיקע פינגער געהארגעט געוואָרן. געטראָפן האָט עס אזוי:

„אָנהויב פרילינג, ערשטער מײַ איז אין יענעם ווײַטן לאַנד געווען. ארבעטער - פאָרשטעט האָבן פון אלע ווינקלען און פארוואָרפענע עקן צום קייזערלעכן פלאַץ געשטראָמט. פאָרויס פון איינער א מאכנע איז מייקעס טאטע

געגאנגען, געטראָגן אַפּ קעפּ פון כאווירים א פּלאטער־דיקע פאָן.

א שווערער אײַזענער קאַנטשיק האָט אים אין שלייפ געטראָפן. די האנט האָט א וואקל געטאָן, און די פאָן איז א צעריסענע געבליבן ליגן בא די פיס. פיר הענט האָבן אים פון דר׳ערד אופגעהויבן. צוויי שאָ האָט דאָס הארץ געקלאפּט. אין די לעצטע צוויי שאָ האָט ער א לעצטן גרוס זײַן זון און ווײַב געהייסן איבערגעבן".

ראָכל האָט דאָס אָנגעשריבענע הויך גענומען לייענען. ווערטער זײַנען אין גראָען פרימאָרגן, אין אײַנגעשלאָפענעם צימער געפאלן טרוקן, ווי אָפּגעזעגטע קלעצער.

זי האָט דאָס לייענען אינמיטן אָפּגעריסן. א קרומער שמייכל האָט זיך איבער בלייכע ליפּן אויסגעלייגט. זי איז פון שטול אופגעשטאנען, גענומען גיך אומשפאנען איבערן צימער, געטראכט, מיט וואָס פאר א נאָמען אונטערשרײַבן דעם מאנס לעצטן בריוו...

ראָכל איז א ווײַלע געשטאנען בא מייקעס וויגעלע, געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אפּ זײַן רויִקן שלאָף. לאנגע וויִעס האָבן געוואָרפן טונקעלע שאָטנס אפּ זײַנע בלייכע בעקלעך, דאָס מויל איז געווען בא אים פעסט פארמאכט, און נאָר קינדערשע ליפּן האָבן אין אראָפּגעלאָזענע ווינקלען באהאלטן א שלעכטן ברוגעז...

ראָכל האָט איר בלאָנדן קאָפּ צו אים אראָפּגעבויגן און גענומען שטיל און אײַנטאָניק איבערכאזערן:

— קינד מײַנס, — דער טאַטע איז געהארגעט!

אירע ווערטער האָבן זיך געקלאפט אָן דער גראָבער ציגלנער וואנט, ארומגעבלוינדזשעט אפ פײַכטע שויבן, געבליבן ליגן אפ דרערד איגיינעמ מיט די פעכציק צעריסענע רובל...

זי איז פונעמ קינדס וויגעלע אוועק. מיט גיכע, אָפגעריסענע באוועגונגענ דעמ מאנס בריוו אינ א קאָנווערט ארײַנגעלייגט. אפנ קאָנווערט אָנג׳שריבנ איר אייגענעמ שטוביקנ אדרעס אונ א לעצטנ שטריכ אונטער דער הײַניקער שלאָפלאָזער נאַכט אונטערגעפירט:

זאָל מײַנ זונ וואקסנ מיט א שטאָלצנ געדאנק, אז זײַנ טאטע איז געהארגעט געוואָרנ אינ שלאכט...

הינטערנ פענצטער איז אופגעגאנגענ א נײַער טאָג א טאָג מיט א שמאָלנ פאס זונ אפנ ראנד. ראָכל האָט לאנג דעמ מידנ, ניט-געשלאָפענעמ קאָפ אונטער א קאלטנ שטראָמ וואסער געהאלטנ, צעגאָסנ ארומ זיכ זילבערנע קײַקעלעכ וואסער, אונ פלוצימ דערפילט, אז זי האָט א שווערע לאסט פונ די פלייצעס אראָפגעוואָרפנ, — אז פונ הײַנט אָנ אונ ווײַטער וועט זי שוינ מער ניט דארפנ זאָגנ קיינ ליגנס איר קינד.

מיט א טאָג שפעטער איז מייקע מיט א פארכאפטנ אָטעמ, מיט פינקלדיקע אויגנ אינ שטוב ארײַנגעלאָפנ אונ מיט אלע זײַנע קינדערשע קויכעס אויסגעשריִענ:

— א בריוו פונעמ טאטנ, מאמע!..

ראָכל האָט מיט ציטערדיקע ליפנ געלייענט די קרומע אויסיעס.

מייקע איז געשטאַנען אַ פרײדיקער, מיט ברייט־צעפּנטע אויגלעך געקוקט דער מאַמען אין מויל אַרייַן און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס בּאַ דער מאַמען איז אַזאַ אומעטיק פּאָנעם.

צום סאָף שוין, ווען ראָכל האָט שוין געלייענט די לעצטע שורעס, ערשטן דאַן, האָט מייקע פאַרשטאַנען, אַז די בּורזשויען האָבּן זייַן טאַטן אין דעם ווייַטן לאַנד געהאַרגעט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ כליפּעדיקן, אָפּגעריסענעם געוויין.

און דער טאַטע זייַנער האָט רויִק געלעבּט אַף דער צווייטער גאַס,—פינף מינוט גאַנג פון אים...

א פרוי מיט א שראַם אַפּ דער האַנט...

(נאָוועלע)

Дама с собачкой ...
Чехов.
Дама с камелиями ...
Дюма.

ביין. זי איז געווען ניט קיין שיינע,—א נידעריקע, פולבלעכע, מיט אַ ברייט קירגיזיש פּאָנעם און שמאָלע שאַרפע אויגן.

בלויז האָר האָט זי געהאַט ברוינע, קופּערנע און געדיכטע. ווען די דאָרעמ־זון פלעגט זיך אַרייַנכאַפּן אין אירע געדיכטע פּאַסמעס האָר, האָט זיך געדוכט, אַז דער קאָפּ ברענט מיט גאָלדענע פייַערן.

זי האָט אויסגעמיַידט באַקאַנטשאַפט.

אין די אָוונטן פלעגט זי אַוועקגיין אין דערבייַיקן גרויסן פּאַרק, דאָרטן אָפּזיצן גאַנצענע שאָען.

אין סאַנאַטאָריע־בוך איז געווען פאַרשריבן:

האַנע מיקאָלייעוונע גרושענקאָ
29 יאָר. געקומען פון קיעוו.
אוקראַינקע, א פּאַרטייִשע.
א טעאַטראַלער אַרבעטער.

די אַלע סימאָנים האָבן קיין וווּנדער און פראַגעס ניט אַרויסגערופן. אַפילע אין איר אויסגעמאַטערט פּאָנעם האָט

דאָס לעבן אָפּגעזעצט אסאך מער, ווי צוואנציק ניין יאָר. אָבער מיר האָבן זיך שוין פונלאנג אויסגעלערנט ציילן יאָרן ניט לויט די קנייטשן און פארב פון הויט. געוווּנדערט האָט, וואָס די איינגעהאלטענע באשיידענע פרוי ארבעט אין טעאטער. וואָס טוט זי דאָרט? צי דען אַן ארטיסטן? — ניין, אין איר אופירונג, אין איר אויסערלעכן אויסזען איז גאָרנישט געווען טיפּישעס פאר דער פּראָפעסיע.

אָבער אף מיין פראגע האָב איך באקומען א מאָדנעם ענטפער:

— וואָס איז אייך ניט אלציינס, צי איך בין אין טעאטער א קוריער, אן ארטיסטן, אָדער גאָר א רעזשיסאָר... אָט בין איך מיט אייך שוין העכער א וואָך באקאנט, און קיינמאָל ניט געפ עגט, מיט וואָס איר באשעפטיקט זיך...

— פארוואָס, איך וועל גערן ענטפערן.

— ניין, ניין, מע דארף ניט.

זי האָט א ווײַלע נאָכגעטראכט און צוגעגעבן:

— ס'זיינען דאָ מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס אין זייערע פּראָפעסיעס. גלייך ווי דו דערוויסט זיך, מיט וואָס אַזאַ מענטש באַשעפטיקט זיך, פארלירסטו צו אים דעם נייגער. איידער ער הייבט נאָך אָן דערציילן, שטעלסטו זיך שוין אליין פאָר דריי פערטל, און אמאָל אלע הונדערט פּראָצענט פון זיין לעבן... און פאר דער צווייטער קאטעגאָריע מענטשן איז די פּראָפעסיע זייער אָפט א צופעליקע, און ניט זי באשטימט זייער ווערט און אינהאלט...

בײַ א האָלבער שאָ זײַנען מיר געזעסן שװײַגנדיק, גע־
קוקט אין בלױען דערעמדיקן הימל, װאָס האָט זיך גע־
שפּרײט הױך איבער אונדזערע קעפּ און דערטרונקען גע־
װאָרן אין פּונקט אַזאַ בלױען רױִקן יאַם. װען ניט די
עטלעכע קײנע שיפעלעך, װאָס האָבן זיך געשװאַרצט אױפן
האָריזאָנט, װאָלט זיך געדוכט, אַז דער הימל און יאַם
האָבן פאַרגעסן אָן זײערע גרענעצן, זיך צונױפגעגאָסן
אינײנעם און אַרומגענומענערהײט אײַנגעשלאָפן.

פאַר דער האַלבער שאָ שװײַגן איז פאַר אונדז בײדן
קלאָר געװאָרן, אַז מיר װעלן װערן נאָענטע פרײַנט. איך
האָב איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט און װי אַן אַלטן
באַװער געפרעגט:

— האַינע, איר זײַט שטאַרק מיד?

— יאָ, שטאַרק מיד. איך בין שױן זעקס כאַדאָשים
אין פאַרבאַנד און קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך.

— איר זײַט דען געקומען פון אױסלאַנד?

— ריכטיק — אַנטלאָפן...

— איר זײַט געװען פאַרמישפּעט?

— נײן. איך האָב זיך ניט דערװאַרט אױפן פּראָצעס...
איך בין אין טפיסע קראַנק געװאָרן. דער „מאָפּר" האָט
מיך אַרױסגענומען אױף אָרװעס. דערנאָך בין איך אַנט־
לאָפן.

— איר זײַט אַ צײַט געזעסן? אײך האָט געװאַרט אַ
האַרבע שראָף? דערצײלט גענױער.

— נײן, איך װיל איצט װעגן דעם ניט רײדן.

מיר האָבן געקוקט אין דער העלער בלויקייט, וואָס האָט אונדז ארומגעוויקלט פון אַלע זייטן מיט אַ דורכזיכטיקער שטילקייט, און געצווונגענע פאַרגעסן, אַז גאָר ניט ווייַט געפינען זיך גרויסע פאַרוויכעטע שטעט, שטעט מיט דעפּינזיוועס, טפּיסעס, פאַרמישפּעטע צום טויט. אָפּט האָט זיך געדוכט, אַז די פרוי, מיטן ברייטן קירגיזיש פּאָנעם און שמאָלע אויגן טראַכט אויס, אַז זי איז גאָר ניט לאַנג געווען איינע פון יענע פאַרמישפּעטע.

דער סאַנאַטאָריע־גלאָק האָט פּלוצים גראָב צעריסן די בלאָע שטילקייט. האַינע איז אַ דערשראָקענע אופגעשפּרונגען, אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און דאָס פּאָנעם איז געוואָרן שטארק בלייך.

— וואָס איז מיט אייך? פון וואָס האָט איר זיך דערשראָקן... מע רופט צו מיטעק.

זי האָט זיך באהערשט:

— די נערוון זיינען נאָך אַלץ צעשרויפט, איר ווייסט, אַ מענטש, וואָס זיצט עטלעכע מאָל אין טפּיסע, הייבט אָן אַנדערש אופנעמען דעם הימל, די זון, מענטשן. און אפילע אזא נארישקייט, ווי דאָס געקלאַנג פון סאנאטאָריע־גלאָק, רופט אַרויס טפּיסע־אַסאָציאַציעס... קומט, מיר וועלן פארזאמען מיטעק.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען מיר שוין געווען גוטע כאוויירים און זייער פיל צייט פארבראכט אינאיינעם. זי האָט ליב געהאט ארומשפּאַצירן אין די בערג, שפּאצירן באַם ברעג יאם, פארקלייבן זיך אין עק פארק.

די קאַווקאַזער זון האָט אויסגעבערענט פון איר פּנים די מידקייט. דער יאַם און שטילקייט האָט ביסלעכווייַז באַרויִקט אירע קראַנקע נערוון. איצט האָט זי אָפּטער פרייַלעך געלאַכט און גערן דערציילט וועגן לעבן אין אויסלאַנד.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך באַמיט אַרופירן דעם שמועס אַף איר לעצטן אַרעסט, אָבער אַלעמאָל האָט זי איבערגעריסן מייַנע פּראַגעס מיט זייַטיקע רייד און גאָרניט דערציילט.

אין איינעם אַן אָוונט בין איך געזעסן בייַ איר אין צימער. די סאַנאַטאָריע-אייַנוווינער זייַנען אַוועק קוקן אַ פאַרעלטערטן קינאָ-פילם, וועלכן זיי האָבן שוין געוויס מיט יאָרן צוריק געזען אין די גרויסע שטעט. אָבער אינדרויסן האָט געגאָסן אַ שווערער רעגן און געצווונגען זוכן פאַרגעניגנס אונטער אַ דאַך.

האַינע איז אין דעם אָוונט געווען גוט געשטימט און זייער בייז געלאַכט פון מייַנע מיידלשע אינטעליגענטישע הענט. דערבייַ האָט זי מיר באַוויזן, אַז בייַ איר זייַנען די הענט ברייטע, פּויערשע, מיט פאַרהאַרטעוועטע דלאָניעס, ווי פון לעדער. יאָ, זי האָט רעכט געהאַט לאַכן. בייַ איר זייַנען די הענט ווירקלעך געווען אַסאַך שטאַרקער און מענערישער, ווי בייַ מיר.

אָבער מיך האָט פאַרוווּנדערט ניט די פאָרם און האַרטקייט פון די הענט, נאָר אַ מאָדנער דרייַעקיקער שראַם, וואָס האָט זיך געפונען העכער פון דער דלאָניע, אַף דער לינקער האַנט—דאָרט, וווּ עס קומען זיך צונויף די

אָדערן, און ווי דאָקטוירים זוכן געוויינלעך דעם פּולס. דער שראַם איז געווען ניט קיין אַלטער און, קאַנטיק, ניט לאַנג פאַרוואַקסן געוואָרן.

— דערציילט, פונוואַנען קומט צו אײַך דער שראַם? איר האָט זיך מיט וועמען געשלאָגן... און פאַרוואָס האָט ער אַזאַ מאָדנעם אויסזען? פונקט ווי עמעצער וואָלט אים מיט א קיוון אויסגעשניטן...

איך האָב אים אַליין אויסגעשניטן — האָט זי רויִק געענטפערט.

— איך פאַרשטיי ניט.

זי איז אוועק צום פענצטער און עטלעכע מינוט דאָרט געשטאַנען, דעם קאָפּ אַרײַנגערוקט אין שויב. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געגאָסן א קאַוקאַזער רעגן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ניט בלויז דער פאַרכמאַרעטער הימל באַפרײַט זיך פון דער נאַסער שווערקייט, וואָס שלעפּט אים צו דער ערד; געדאַכט האָט זיך, אַז אַלץ: — די ערד, די בערג, די הײַזער און וועלדער — ווילן מער ניט שלעפּן אָפּ זיך דעם יאָך פון גליווער און האַרטקייט, ווילן נאָכאַמאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אוראַלטער פליסיקייט און פאַרדעקן די וועלט מיט טיפע וואַסערן.

האַינע איז מיט פאַרטראַכטע טריט אוועק פון פענצטער און אַלץ נאָך געשוויגן.

— פאַרוואָס דערציילט איר ניט?

— איך זוך אַן אָנהויב. איך האָב ביז איצט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט.

— פאַרוואָס?

— ווען א מענטש דערציילט וועגן זיך און וועגן איבערגעטראָגענע לײדן, איז, ווי באַשיידן ער זאָל ניט זײַן, פֿאַלט ער דאָך אַרײַן אין באַרימעריי, און א צווייטן ווײַזט אויס, אז ער מאָנט בא אים עפּעס...

— איך וועל אזוי ניט טראַכטן... איר האָט שוין כאַראָטע ?

— ניין. איך וועל אײַך דערציילן. מיך מאַטערן די לעצטע נעכט טפיסע־כאַלוימעס, און איך מוז פֿאַר עמעצן אַלץ אַרויסריידן...

זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום פענצטער, א ווײַלע זיך אײַנגעהערט אין שווערן פאַלן פֿון שלאַקסרעגן און אָנגעהויבן דערציילן פֿון מיטן, פּונקט ווי אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר דעם, איז מיר שוין באַוווּסט.

...אויב איר האָט ווען־ניט־איז געהערט צו א פאַרטיי און געאַרבעט אומלעגאַל, מוזט איר וויסן, וואָס ס'באַטײַט א פּלוצימדיקער דורכפאַל פֿון פאַרטיי־קאָמיטעט.

דער דורכפאַל איז געקומען אומגעריכט און האָט אין איין נאַכט צוגענומען פֿון אונדז זעקס כאַווײרים. מיט די אַרעסטן האָט, קאָנטיק, אָנגעפירט א געניטער פּראָוואָקאַטער, א מענטש, ווער מע האָט זייער אַסאַך געטרויט, אָבער ווער דאָס איז — איז געבליבן ניט באַוווּסט.

א שרעקלעכע ניט זיכערקייט האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע. די נאָענסטע כאַווײרים זײַנען געוואָרן פאַרפרעמדט, געגומען קוקן איינער אפן צווייטן מיט כשאַד און אומצוטרוי. וויכטיקע באַשלוסן זײַנען געוואָרן אָנגענומען דורך דרײַ־פיר אויסגעפּרוווטע כאַווײרים,

און אז די אַרעסטנ האָבנ זיך ניט אָפּגעשטעלט, איז די שרעק דערגאנגענ אזוי ווײַט, אז יעדערער האָט געהאַנדלט סעפּעראַט און געהיימ, ניט צופרידנ זיך מיט קיינעמ, ווײַל יעדער האָט אָנגעטרויט בלויז זיך...

עטלעכע נאָענטע כאווירימ האָבנ מיך געראָטנ גלײַך פארלאָזנ לעמבערג און אוועקפאָרנ אינ ווארשע. איך בינ שוינ עטלעכע מאָל געווענ אינ די הענט פונ דער דיפענזיווע, און דאָס מאָל האָט מיך דערוואַרט פונ זעקס ביז צוועלף יאָר טפיסע... פארוואָס האָב איך זיי ניט געפאָלגט? פארוואָס בינ איך גלײַך ניט אָפּגעפאָרנ?—צוליב א נארישקייט. אינ לעמבערג האָט שוינ עטלעכע יאָר עקזיסטירט אנ ארבעטער-טעאטער. גראַד אינ די טעג, ווענ עס האָבנ זיך אָנגעהויבנ די ארעסטנ דאַרפ דער ארבעטער-טעאטער אופירנ א נײַע פּיעסע.

— אַ נארישקייט, ניט ריכטיק?

— יאָ, פאַר אײַך איז עס א קלייניקייט, אָבער פאר מיר איז עס געווענ א גרויסע געשעעניש. זעקס כאַדאָשימ האָב איך טאָג און נאכט געארבעט אפּ דער שטעלונג. אָנ געלט, אָנ א שטענדיקער געבײַדע, אָנ פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרנ, אונטער דער שטענדיקער שרעק, אז גלײַך פונ דער רעפּיטיציע וועט מענ דיך אוועקפירנ אינ טפיסע... מיר איז געווענ שווער אוועקוואַרפנ די ארבעט—דרײַ טעג פאר דער פּרעמיערע, ניט זענ, ווי אזוי דער ארבעטער-עולעמ וועט אופנעמענ אונדזער פאָרשטעלונג.

אינגאַנצן דרײַ טעג...

איך האָב באַשטימט איבערוואַרטן די פּרעמיערע און גלײַך פון טעאַטער פאָרן צום וואָקזאַל.

אין אָוונט פון דער פּרעמיערע, אויפן וועג אין טעאַטער איז צו מיר צוגעשטאַנען א נעפּעש און פאָרגעלייגט באַגלייטן. איך האָב אים גראָב אָפּגעענטפערט און געבעטן מיך לאָזן צורו. צוליב קוראַזש האָב איך אפילע געדראָט מיט א פּאָליציימאַן... ער האָט שלעכט א שמייכל געטאָן און פרעך געבעטן זיך ניט באַאומרויִקן. א פּאָליציימאַן וועט ער אליין צורופן... נאָר אויב איך וויל, קאָנען מיר אָן דער הילף פון א פּאָליציימאַן זיך זעצן אין אַוטאָ און פאָרן אין דעפּענזיווע... אָדער איך וויל גיין צופוס? דער וועג איז דאָך מיר באַקאַנט...

איך וועל אייך ניט איבערגעבן אלע זײַנע כאָכמעס, וועלכע ער האָט, קאָנטיק, צוגעגרייט פון פריִער און, מיינסטאַמ, שוין איבערגעכאַזערט צענדליקער מאָל, ווי עס טוען עס ניט קיין קלוגע פּראָפעסאָרן אויף זייערע אומעטיקע לעקציעס...

אין דעפּענזיווע האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן צוויי מעסלעס, פעסטגעשטעלט ווער איך בין און אָפּגעשיקט אין דער באַוווּסטער לוצקער טפּיסע.

די לוצקער טפּיסע איז אַרומגעצוימט פון אלע זײַטן מיט הויכע, גראָבע ווענט; הינטער די ווענט שלענגלט זיך א שמאָל, אָבער זייער טיף טײַכל. אכוץ דער טפּיסעוואַך, וואָס געפינט זיך אין דער פעסטונג גופע, ווערט די

טפּיסע נאָך באַהיט פון א וואַך, וואָס שפּאַנט שטענדיק אַרום איבער די ווענט. פון דאָרט אַנטלויפן איז קימאַט אוממעגלעך.

וועגן דער לוצקער טפּיסע גייען אַרום איבער פּוילן שווידערלעכע מייַסעס. אָבער נאָך אין די ערשטע טעג פון מייַן קומען אַהין האָב איך זיך איבערצייַגט, אַז אַלץ, וואָס מע דערציילט וועגן שווידערלעכן רעזשים און אַכזאָריעס פון די לוצקער טפּיסעניקעס, איז ניט אויסגעטראַכט.

זעכציק פּאָליטאַרעסטירטע האָבן זיך געוואַלגערט אין איין קאַמער. קיין נאַרעס איז אין קאַמער ניט געווען. מע איז געלעגן אויף דער ערד, אין ברוד און אין ענגשאַפט. אַסאַך פון די אַרעסטאַנטן זייַנען שוין געווען אויפן פאַרהער. דאָרט האָט מען זיי שטאַרק געשלאָגן. און, קאָנטיק, קעדיי אָנשרעקן די איבעריקע, צוריק אַרייַנגעוואָרפן אין אַלגעמיינער קאַמער.

צוויי פון די אַרויסגערופענע האָבן זיך אײַנגאַנצן ניט אומגעקערט, און דער דעזשורנער זשאַנדאַרם האָט דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן אַרויסרופעריש אויפן פאַרהער און דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט איזאָליאַציע.

אין זעלביקן טאָג איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די צוויי כאַווייריִם ליגן צעשלאָגענע, האַלב־טויטע אין שפּיטאָל.

מע האָט געמוזט וואָס טאָן...

אָבער מיר זייַנען געווען אָפּגעשניטן פון אַלעמען, אַרומגעצאַמט מיט גראָבע ווענט און א דרייַיקע וואַך. אַכוץ דעם, איז אונדזער קאַמער געווען איבערגעפּולט מיט

פראָוואָקאטערס, צווישן די זעכציק פּאָליטאַרעסטירטע זיינען ניט ווינציקער ווי פופצן געווען מיטארבעטער פון דער דעפענזיווע.

פונקט ווי אונדז האָט מען זיי גערופן אפן פארהער, פונקט ווי מיר זיינען זיי געלעגן אין שמוץ און אפילע צייטנווייז געקומען לייכט צעשלאָגענע פונעם פארהער.

בא אזא לאגע דארף מען זיין זייער געהיט. ניט אויסטיילן זיך פון אלעמען. אין קאמער האָט זיך געפונען באַ א צענדליק לוואָווער כאוויירים, אויסגעפרווטע, זיכערע רעוואָליוציאָנערן. מיר האָבן זיך געהאלטן פונדערווייטנס, פונקט ווי מיר האָבן זיך דאָ אין קאמער צום ערשטן מאָל באגעגנט.

די טפיסע-אַדמיניסטראציע האָט געטאָן אלץ, קעדיי אונדז גרופירן איניינעם, פראָוואָצירן אַפּ נאָענטקייט און געמיינזאמע אקציעס.

אונדזער פּאסיווקייט און פארלוירנקייט האָט צוגעגעבן מוט די לוצקער באלעבאטים — און די פּייניקונגען אפ די פארהערן זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך.

איך בין נאָך אַפּן פאַרהער ניט געווען. איך ווייס ניט, פארוואָס זיי האָבן מיך געלאָזן אזוי לאנג צורו... עפשער איז נאָך בא זיי ניט געווען צונויפגעקליבן אלע מאטעריאלן, אָדער זיי האָבן געהאָפּט, אַז איך וועל זיך פאַר די טעג מיט עפּעס וואָס ארויסגעבן.

געפילט האָב איך, אַז גאָר גיך וועלן זיי מיך ארויסרופן אַפּן פאַרהער.

באנאכט, ווען די וואַך און די אַרעסטאַנטן זײַנען אײַנגעשלאָפֿן, איז אין אַ קאַמער־ווינקל פֿאָרגעקומען אַ שטילע באַראַטונג פֿון דרײַ נאָענטסטע כאַווײרים. זי האָט געדויערט ניט מער ווי פֿינף מינוט. מיר האָבן באַשטימט:

דער ערשטער פֿון אונדז דרײַען, וואָס גייט אַפּן פֿאַרהער, דאַרף אַלס פּראָטעסט פֿאַרענדיקן מיט זעלבסט־מאָרד, אויב מע וועט אים אָנהויבן פּײַניקן...

די ערשטע בין איך געווען.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די אויגן, מיט וועלכע די צוויי כאַווײרים האָבן מיך אַרויסבאַגלייט פֿון קאַמער. אין זייער בליק איז געווען אי טרייסט, אי שולדיקייט, אי כאַראָטע פֿאַרן באַשלוס.

איך בין אַרויס פֿון קאַמער, דורך עטלעכע לאַנגע, פֿאַרדרייטע קאָרידאָרן און אַרײַנגעקומען צו דעמבען אין קאַבינעט.

דעמבע האָט מיך זייער העפֿלעך באַגעגנט.

פֿאַר אייך איז זײַן נאָמען אַ פּוסטער קלאַנג, אָבער צווישן די פּױלישע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער איז דער נאָמען שטאַרק באַקאַנט. ניט איין רעוואָליוציאָנער האָט ער אוועקגעשיקט אין מעשוגאָים־הויז, אָדער פֿאַרטריבן אין קייווער.

אויב איר מיינט, אַז אויסערלעך איז ער געווען אָפּשטויסנדיק און העסלעך, מיט אַ רויט, גראָב פּאָ־נעם, מערדערישע אויגן, גראָבע, פֿאַרוואָקסענע הענט, — האָט איר אַ טאָעס.

ער איז א הויכער, עטוואָס סוטולעוואַטער, מיט א געדיכטער שווארצער באָרד און בלויע קלוגע אויגן, שטענדיק שיין געקליידט און אין די ערשטע רעגעס זייער העפלעך און איבערגעטריבן מאנירלעך. בלויז די ליפּן זײַנען בײַ אים געווען דינע, בלאָלעכע און צעקרימטע.

קיין האָר אפּן קאָפּ האָט ער ניט געהאַט. א געדיכ־טער, שוואַרצער פּאַריק האָט פּאַרדעקט זיין הוילן שארבן.

אין מינוטן פון כעס, פלעגט ער אים אליין אראָפּ־רײַסן פון קאָפּ און אָנהויבן מיטן פּאריק שמײַסן דעם ארעסטאַנט אין פּאָנעם, טופּען מיט די פיס, שלאָגן מיט די פויסטן און הייזעריק שרײַען:

— רייד, הונט! רייד.

אין אזוינע רעגעס האָט ער פּאַרגעסן אָן דער גאַנצער אָנגעצויגענער העפלעכקייט, א שלעכטער שוים פלעגט אים ארויסשלאָגן פ'ן צווישן די דינע, צע־קרימטע ליפּן, די בלויע אויגן פלעגן ווערן מעשוגע, און מע פלעגט אים א פּארכאַלעשטן ארויסשלעפּן פון דער „הומאַניטאַרקע„ (אזוי האָבן מיר אָנגערופן דעם צימער, ווו מע פלעגט פּײַניקן די פּאָליטארעסטירטע—פון וואָרט הומאַניזם).

אָבער פאַלן פון אזוינע אויפרעגונגען זײַנען צו אים געקומען זעלטן. געוויינלעך האָט ער די שווארצע אַר־בעט איבערגעגעבן זײַנע געהילפן און אליין געשפּילט די ראָליע פון א דזשענטלמען.

איך בין ניט געווען קיין אויסנאם, ער האָט מיך זייער פריידיק באַגעגנט און איבערגעטריבן העפלעך אויסגעשריגן:

— א, פרײַלן גרושעצקא! זייער אנגענעם. איך האָב שוין לאנג געוואַרט אַף דער באַגעגעניש, זיצט, איר ווילט ניט? מיר האָבן אייך באומרויקט צוליב א קלייניקייט: איר וועט אזוי גוט זײַן אויספילן די אנקעטע. דאָ זײַנען זייער אומשולדיקע פראגעס: וויפל יאָר איר זײַט? ווו איר האָט זיך געלערנט? נו, פאַרוואָס זיצט איר ניט?

— איך וועל גאָרנישט ענטפער ן און גאָרנישט שרײַבן.

— אזוי מיינט איר, און איך האָפ, אַז איר וועט אי ריידן, אי שרײַבן... איר האָט פאַרגעסן, אַז בא אונדז איז דאָ א צווייטער צימער, דאָרט באגייט מען זיך זייער ניט העפלעך מיט קאפריזנע פרויען.

— איר וועט מיך גאָרנישט טאָן. לויט אײַער אייגענעם קאָדעקס איז פאַרבאָטן אַפן פאַרהער פיזיש פײַניקן. איר קאָנט מיך פאַרמישפּעטן* צום טויט, איר קאָנט מיך יאָרנלאנג האַלטן אין טפיסע, אָבער שלאָגן וועל איך זיך ניט לאָזן, קלאָר.

— ניין, ס'איז גאָרנישט קלאָר.— האָט ער זיך באַמיט אײַנהיטן דעם רויִקן טאָן, אָבער זײַנע בלויע אויגן זײַנען שוין געוואָרן גרינלעך, און די איידעלע פריצישע הענט האָבן שוין גענומען נערוועז אומטאנצן אפן טיש,— איך האָב ניט געוואַרט, אז א מיטגליד פון א

פאַרטיי־קאָמיטעט זאָל זײַן אַזוי נאַיִוו. דער העכסטער קאָדעקס דאָ אין טפיסע,—דאָס בין איך און מײַנע באַהעלפער... פאַרשטאַנען? הערט אויף שפּילן אין העלדישקייט, זעצט זיך און שרײַבט!

— איך וועל ניט שרײַבן.

— וואָס ? איר ווילט זיך באַקענען מיטן צווייטן צימער ? איך וואָלט אײַך ניט געראַטן... איר וועט אויספּילן די אַנקעטע? איך פרעג צום לעצטן מאָל !

— ניין.

— דאַן האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט. גראָד בענעגייע אײַך האָב איך ניט געוואָלט אָנעמען האַרבע מיטלען... איך גיב אײַך דרײַ מינוט צײַט. באַטראַכט.

ער איז אַרויס פון צימער און מיך געלאָזט אַליין.

די אַנקעטע איז ווירקלעך געווען אַן אומשולדיקע און דאָך האָב איך איר ניט געטאָרט אויספּילן. איך האָב געוווּסט, אַז באַ זיי געפינען זיך עטלעכע בריוו און פאַרטיי־אינסטרוקציעס געשריבענע מיט מײַן האַנט. זיי האָט געפלאָנטערט, וואָס די בריוו און די דאָקומענטן זײַנען געווען געשריבן מיט פאַרשיידענע האַנטשריפטן. אַזאַ סיסטעם האָב איך שוין לאַנג אײַנגעפירט. איך האָב אין דעם פאַל אויך געקאָנט בײַטן מײַן קסאַוו, אָבער דעמבע און זײַנע באַהעלפער זײַנען געווען געשולטע זשאַנדאַרמען און געקאָנט לויט עטלעכע בוכשטאַבן פעסטשטעלן צו ווע׳ען עס געהערן די בריוו און אינסטרוקציעס. איך האָב פון ערשטן טאָג אָן געלייקנט,

אז איך האָב א וואָסערע ניט איז שייַכעס צום ערעס־טירטנ לוואָווער קאָמיטעט.

איך ווייס ניט, וויפל מינוט זיינען פאָריבער. אינ קאַבינעט איז אריינ דער באלעבאָס פונ דער „הומאַניטאַרקע“.

ער איז געבליבנ שטיינ אינמיטנ צימער און בלויז שוויַיגנדיק געקוקט אַפ מיר. ער האָט געקוקט מיט רויטע, פארשוואָלענע אויגנ, אויגנ אָנ ברעמענ, אָנ וויעס און שטארק טעמפּע, און וואָס לענגער דאָס האָט געדויערט, אלץ שווערער איז מיר געוואָרנ שטיינ אפ די פיס.

ער איז געווענ העסלעך. אזא פארזעעניש האָב איך אפ מיינ לעבנ ניט באַגעגנט, און ווענ איך דערמאָנ זיך איצט וועגנ אים, קומט מיר אפנ געדאנק, אז אזא פּאָנעם האָט זיך געמוזט כאָלעמענ וויקטער הוגאָ, ווענ ער האָט געשאַפּ: דאָס גרעסטע פארזעעניש אינ דער וועלט־ליטעראטור — קוואזימאדאָ. דעמבע האָט געמוזט וויסנ דעם איי־דרוק, וואָס זיינ באהעלפער מאכט אַפ די ערעס־טירטע. ער איז מיט א קיווג ניט אריינ. אינ קאבינעט און מיך געלאָזט אויג אפ אויג מיטנ פאַרזעעניש.

פלוצים האָט זיך זיינ פּאָנים גענומענ קריוועָנ, און דער קאבינעט איז אָנגעפילט געוואָרנ מיט א הייזערי־קער הירזשערייַ:

— א פעטינק ווייַבעלע... א פעטינקס... שוינ לאנג אַזא ניט געוועי...

ער האָט געמאכט עטלעכע טריט צו מיר, זייַנע אָנברעמעדיקע, פארשוואָלענע אויגנ האָבנ מאָדנע געפינטלט, אונ דאָס פאַרוואקסנ פּאָנעמ האָט זיכ נאָכ אלצ געקרימט . . .

איכ בינ אָפּגעשפרונגענ צומ טיש אונ גענומענ זוכנ א זאַכ, מיט וואָס זיכ פארטיידיקנ. אינ דער רעגע איז ארייַנ דעמבע. דאָס פארזעעניש איז געהאָרכזאמ אוועק צו דער טיר אונ שטומ געקוקט אפ מיר.

— איר האָט זיכ דערשראָקנ, פרייַלנ גרושענקא? איכ אנטשולדיק זיכ, דאָס שפאסט ער אזוי... ער איז זייער א ליידנשאפטלעכער אונ קאָנ זיכ רויִק ניט האלטנ אינ דער קעגנווארט פונ א פרוי... אז איר וועט פאַרברענגענ מיט אימ א פּאָר שאָ אליינ, וועט איר זיכ איבערצייַגנ, אַז ער איז זייער סימפאטיש... איצט קאָנט איר גייִנ צוריק אינ פאלאטע. אינ א האַלבער שאָ ארומ וועל איכ אייכ א צווייט מאָל ארויסרופנ. איכ האָפ, אז איר וועט די אנקעטע אויספילנ, אניט וועט אייכ אויסקומענ ריידנ מיט מייַנ געהילפ... קלאָר?

דאָס פאַרזעעניש האָט ווידער ארויסגעפראלט א געלעכטער, אונ זייַנ ווילדע הירזשערייַ האָט מיכ באגלייט ביז דער טיר פונ דעמבעס קאבינעט...

די פאלאטע האָט אפ מיר געווארט. אזוי ווארטנ בלוטיק־נאָענטע הינטער־טירנ פונ אָפּעראציע־זאלנ. די פענעמער בא מייַנע צוויי כאוויירימ זייַנענ געווענ אסאכ בלייכער אונ דערשלאָגענער, ווי בא מיר. מיט גרויס מאטערניש האָבנ זיי אייַנגעהאלטנ דעמ פרייד־געשריי,

ווען זיי האָבן מיך דערזען א לעבעדיקע און ניט קיין געפיין יקטע.

איך האָב מיט א קיוון, הויך, אַז אלע זאָלן הערן, דערציילט מײַן שמועס מיט דעמבען, זײַנע דראָונגענ מיך פּײַניקן, און מײַן פעסטן באַשלוס זיך נעמען דאָס לעבן, אלס פּראָטעסט קעגן דער פיזישער פּיין.

איך האָב געהאט אין מײַן רעשוס דרײַסיק מינוט.

אין דרײַסיק מינוט ארום דאַרף איך אויספילן דעם באַשלוס פון אונדזער דרײַלינג. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. דער טויט האָט מיר ווייניקער געשראָקן, ווי דאָס צווייטע באגעגעניש מיס דעמבעס באהעלפער.

די כאַווײרים זײַנען צו מיר צוגעגאַנגען און גענומען אײַנריידן, איך זאָל מיט זיך גאָרנישט ניט טאָן. זיי זײַנען מענער, און זיי וועט גרינגער זײַן אויספילן דעם באשלוס.

צווישן די אלע אײַנריידענישן און ארגומענטן איז געווען איינ מאָטיוו, וואָס האָט מיר ווירקלעך דערשראָקן:

אויב איך וועל זיך מאכן דעם טויט בײַ דעמבען אין קאבינעט, גיב איך אים א מעגלעכקייט אָנשרייבן אין מיין נאָמען אַלץ, וואָס ער וויל, און דערקלערן מיין זעלבסטמאָרד, ווי א רעזולטאט פון געוויסנביסן... וואָס לענגער מיר האָבן גערעדט, אלץ מעגלעכער איז געוואָרן אזא סאָף. ניין, שטארבן ווי א פּראָוואָקאטער, וואָס האָט ארויסגעגעבן כאַווײרים, און

דערנאָך כאַראַטע געקראָגן און זיך געמאַכט דעם טויט, ניין, אַזוי שטאַרבן האָב איך ניט געוואָלט.

איך האָב באַרויִקט די כאַווערים, זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט זיך גאָרניט ניט טאָן, און גענומען וואַרטן אַפן צווייטן אַרויסרוף.

קעדיי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די כאַ־ווערים און וואַך, האָב איך דערקלערט, אַז איך בין שטאַרק הונגעריק. מע האָט מיר געגעבן אַ האַלבן לאַבן ברויט און אַ מעסער.

איך בין אַוועק אין אַ ווינקל, אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט, אַרופגעוואָרפן אַפּ די פּלייצעס אַ טוך.

מיר איז געבליבן אַכט מינוט. לאַנג טראַכטן איז ניט געווען קיין צייַט. מיטן זעלבן מעסער, מיט וועלכן איך האָב נאָך וואָס געשניטן דאָס ברויט, האָב איך אונטער דער טוך גענומען זיך שנייַדן די אָדערן פון האַנט.

דאָס מעסער איז געווען אַ טעמפּס, און די רעכטע האַנט האָט שטאַרק געציטערט. וויפל דאָס שנייַדן האָט געדויערט, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אַז אין די ערשטע רעגעס האָב איך זיך באַמיט פאַרהיטן די רויִקייט אַפן פּאָנעם און קוקן מיט פרייַלעכע אויגן אַפּ די כאַווערים... דערנאָך האָב איך דערפילט ניט קיין שטאַרקן ווייטיק און אַ שטראָם וואַרעם בלוט האָט אַ גאָס געטאָן פון די צעשניטענע אָדערן. דאָס בלוט האָט געראַנען ניט באַמערקט, ביז איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אַפּ דר׳ערד און פאַרלוירן דעם באַוווּסטזייַן...

שפּעטער, ווען איך בין שוין געלעגן אין טפּיסע־שפּיטאָל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווען ס׳זײַנען געקומען די זשאַנדאַרמען מיך נעמען אַפן פאַרהער — בין איך געלעגן אַ פאַרכאַלעשטע אין אַ לוזשע בלוט.

די טפּיסע האָט דערקלערט אין זעלביקן אָוונט אַ הונגער־שטרײַק. דער פאַל מיט מײַן זעלבסטמאָרד איז דערגאַנגען צו די לוואָווער אַרבעטער און אַרויסגערופן שטאַרקע פּראָטעסטן און אומרוען. אין אַ קורצער צײַט איז אין דער לוצקער טפּיסע אָפּגעשטעלט געוואָרן די פּײַניקונגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געגאָסן אַ רעגן. האַיִנע איז אַנטשוויגן געוואָרן, געשטאַנען קעגן מיר, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, ווי איר וואָלט שווער געווען קוקן אַפן שראַם. פון קינאָ האָבן זיך אומגעקערט האַינעס שכיינעס, אָנגעפילט דעם צימער מיט געלעכטער און טומל.

איך האָב בלויז באַוויזן איר דריקן שטאַרק די לינקע האַנט, דערפילט אין מײַנע פינגער דעם קליינעם דרײַעקיקן שראַם, און אַ שטאָלצקייט איז מיר באַפאַלן, אַ שטאָלצקייט פאַר דער נידעריקער פרוי מיטן מידן קירגיזישן פּאָנעם און שאַרפע קלוגע אויגן.

קאַראַטשאָווקע.

זומער 1933 יאָר.

די „שוואַרצע" און די „געלע"

(נאָוועלע)

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אין ייִדישן געריכט־קאַמער געקומען אַ פרוי, לאַנג געשטאַנען ניט באַמערקט אין אַ ווינקל, אַלץ געוואַרט, דער עולם זאָל אַוועקגיין, און דער ריכטער זאָל בלייַבן אַליין.

ווען אין קאַמער זייַנען געבליבן נאָר די מיטאַרבעטער, איז זי צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום ריכטער און מיט אַ צוגעשטיקטער שטים געבעטן, ער זאָל אַרייַנגיין אין צווייטן צימער.

אין באַזונדערן צימער, אויג־אַפ־אויג מיטן ריכטער, האָט זי גיך פון זיך דאָס וואַרעמע יאַקל אַראָפּגעוואָרפן און מיט ציטערדיקע פינגער גענומען באַווייַזן:

— איר זעט די צייכנס אַפן האַלדז, אַפ דער פלייצע, — דאָס האָט ער מיר געמאַכט... שוין פינף כאַדאָשים, צייַט ער האָט די געלע מויד דערקאָנט, מאַכט ער מיר און די קינדער אַ טויט.

דער ריכטער האָט געקוקט אַפ די צייכנס.

די קלעפּ זייַנען, קאָנטיק, שוין לאַנג געזעסן אין לייַב, פאַרגאַנגען אין געלע און בלויע פלעקן.

— וואָס ווילט איר, דער געריכט זאָל טאָן פאַר אייך?

די פרוי האָט גיך דאָס יאַקל צו׳ייק אַפ די פּלייצעס אָנגעוואָרפן, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ס׳איז מיִעס א ווילד־פרעמדן מאנצבל א נאַקעט צעביילט לייב ווייזן, און שוין פעסטער געטיינעט:

— ער וויל, איך זאָל מיט די קינדער פון דער דירע אַוועקגיין. לעבעדיקע אין דר׳ערד אַריינטרייבן וויל ער אונדז... זאָל ער אַוועקגיין פון שטוב... זיי לעבן דאָך סײַווי־סײַ ווי מאַן און ווייב... מער ווי קלעפּ און ביזיוינעס האָבן מיר ניט פון אים...

— ווי רופט מען אייער מאַן?

— בענציע פּאַקראָוו. ער אַרבעט אַפ דער צווייטער שוך־פאַבריק. מיך רופט מען ביילע...

דער ריכטער האָט אין אַ קליינעם ביכעלע פאַרשריבן די נעמען פון מאַן־און ווייב, דעם אַדרעס, און צוגע־זאָגט אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסרופן דעם בירגער בענציע פּאקראוו אין געריכט.

ביילע פּאַקראָוו איז אַ געבויגענע אַרויס פון געריכט־קאַמער.

דער יונגער ריכטער איז ווידער, ווי פריִער, געזעסן באַם טיש, איבערגעקוקט די סאך איניאָנים.

דער יונגער ריכטער איז שוין געוועזן געוווינט צו אַזוינע געשיכטעס.

אין דעם פאַל, ווי אין צענדליקער ענלעכע פאַלן, איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז מע דאַרף בענצע פּאקראָוון אַרויסזעצן פון דירע, באַזאָרגן די קינדער מיט מאָנעט־

לעכע אלימענטן און באַפרײַען די פרוי פון שטענדיקע קלעפ און באַליידיקונג.

אפן גערעכט איז בענציע פאקוואָו געקומען געאָרעמט מיט א פליישיקער געלער מויד. די מויד איז געווען אַ נידעריקע, געזעצטע, מיט אַ הויכער ברוסט און פאַריסענעם בויך. העלע אויגן האָבן געקוקט אַפן אוילעם זיגעריש און פרעך.

אַפן קאָפ האָט זי געטראָגן אַ גרינע טוכענע הוט מיט אַ שוואַרצן פעדער. די הוט איז געווען אַ רײַכע, אַלטמאָדישע, קאָנטיק, אַ מאַטאָנע פון אַ באַלעבאָסטע, ווו זי האָט אַסאך יאָרן געדינט.

אַ בורדאָ קלייד האָט צו שטײַף ארומגעצויגן איר פולן גוף, און אלעמען האָט זיך געדאכט, אַז אָט, אָט וועט דער אָפגעטראָגענער, אויסגעקראָכענער סאמעט ניט אויסהאַלטן די שווערע פולקייט, זיך צעפלאַצן אין די נעט, איר לאָזן שטיין אין איין העמד אַפן גערעכט.

אַפ די פיס האָט זי געטראָגן ביליקע געלע זאָקן און שוואַרצע לאַקירטע טופליעס.

די הויף־שכיינים האָבן איר ארײַנקומען אין זאַל באַגעגנט בייז און מיט הויכע אויסגעשרייען:

— שײַע, גיב נאָר אַ קוק. דער בויך איז דאָך העכער פאַר דער נאָז!..

— מע האָט געדאַרפט רופן אן אקושאָרקע, זי קאָן כאָלילע פון וואָלנעניע מאפל זײַן אפן גערעכט...

— גאָט איז א גוטער. זי וועט אים נאָך שענקען א צווילינג!

— אזא מויד קאָן דרײַ מאמזיירים מיטאַמאָל ארויסוואַרפן...

בענציע האט אפּ די אַלע אויסגעשרייען און הויכן געלעכטער גאַרנישט געענטפערט, נאָך נעענטער צו דער געלער מויד זיך צוגערוקט, דעם קאָפּ פּאַריסן אינדערהייך, ווי ער וואָלט אַלעמען געגעבן צו פאַרשטיין, אז ער האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט, אַז ער טוט, וואָס ער וויל.

געארעמט און מיט א פאַריסענעם קאָפּ איז ער דער־גאַנגען צו זײַן אָרט, זיך ברייט אַראָפּגעזעצט אַפן שטול, ווי ער וואָלט געקומען אַפּ א פאָרשטעלונג אין טעאַטער.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן.

ביילע פּאקראוו איז די גאַנצע צײַט פון פּראָצעס גע־זעסן אַ שווײַגנדיקע און שטאָלצע. גאָר זעלטן האָט זי דעם קאָפּ צו מאן און זײַן מויד אויסגעדרייט, א ווײַלע זיי רויִק באקוקט און צוריק דעם קאָפּ אָפּגעקערט, ווי איר וואָלט פון זיי ביידן געעקלט.

זי איז אפּן גערירכט אויך געקומען אויסגעפּוצט אין א גרויען טוכענעם קלייד, אַפן קאָפּ—א ווײַסע זײַדענע שאַל, פון אונטער דער שאַל האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע גלאַט־פאַרקעמטע האָר מיט אַ ווײַסן שרונט אינדערמיט.

די האָר זײַנען געווען זייער שוואַרץ און שטאַרק געגלאַנצט, ווי זי וואָלט זיי ספּעציעל פאַרן גערירכט מיט אַ פּעטקייט אויסגעשמירט.

אַפּ די פראַגעס פון ריכטער האָט זי מיט אסאַך וויר־דע דערקלערט, אַז זי וואָלט שוין לאַנג פון אים אַוועק,

ווען ניט די קינדער. די קינדער זײַנען נאָך קליינע, און זי האָט זיי ניט אַפּ וועמען איבערלאָזן. ווען ניט די אויפּעלעך, וואָלט זי, ווי מיידלווײַז, אוועק אַרבעטן אין פאַבריק. אין שטעטל האָט מען איר גערעכנט פאַר דער בעסטער זאָקנשטריקערקע.

ווען דער ריכטער האָט דעם אורטייל איבערגעלייענט, איז זי פון אָרט אופגעשטאַנען, שאַרפ דעם קאָפּ צו דער געלער מויד אויסגעקערט, אַ ווײַלע געקוקט אין אירע בלאָע אויגן, און זיכער אויסגעשריִען:

— אומזיסט פרייסטו זיך! דו האָסט נאָך מיט אים דײַנע לעבן ניט אויסגעלעבט. אכוץ גראָבע זײַטן האָסטו דאָך גאָרניש... און איך האָב מיט אים דרײַ קינדער... ער וועט נאָך קומען, ווי א הינטל, צוריק...

אין זאַל איז געוואָרן אָנגעשטרענגט שטיל. די הויפּ־שכיינים האָבן צופרידן געקוקט אַפּ ביילען.

באַ ביילען האָבן שוואַרצע אויגן געפינקלט זיכער און שטאָלץ. הענט — גרויסע, שווערע, צעשפּאָלטענע פון טעפּ, פון אויוון, פון שטוביקער האָרעוואַניע, האָבן געהאַלטן אין האַנט דעם אורטייל, די שאַל איז איר פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, געבליבן הענגען אַפּ די פּלייצעס.

זי איז א ווײַלע געשטאַנען — א הויכע, ברייטפּלייציקע יידענע, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע שטײַפּ - צוגעקעמטע האָר, מיט אופגעפלאַמטע רויטלעכע באַקן און גרויסע גערעכ־טע אויגן. אזוי קוקן אויגן נאָר באַ מאַמעס, ווען זיי פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון קינדער.

דער זאַל האָט איר ליב באַקומען. דער זאַל האָט מיט א פארטײַעטן אָטעם געוואָרט, וואָס וועט זי ווײַטער זאָגן.

ביילע האָט מער גאָרנישט געזאָגט.

ביילע האָט דעם קאָפּ אין דער ווײַסער שאַל פאַרוויקלט און מיט הויכע טריט געגומענע אַוועקגיין.

די געלע מויד איז פון אָרט אופגעשפּרונגען, מיט אופגעדעגטע הענט צורעכט געמאַכט די הויט אפן קאָפּ און געוואָלט וואָס זאָגן.

בענציע האָט איר גראָב א שלעפּ געטאָן פאר דער האנט:

— שטום.

ער איז צום טיש צוגעלאָפן און מיט א הייזעריקער שטימ געגומענע שרײַען:

— ביילע, וואַרט, איך וויל דיר עפּעס זאָגן... ביילע, זאָלסט מיר היטן די קינדער.

ביילע האָט זיך ניט אומגעקוקט.

דער אוילעם האָט אָפּ זײַנע אויסגעשרייען געענטפערט מיט כויזעק און געלעכטער.

— וואָס, האָסט שוין כאַראָטע? געמיינט, זי וועט דיר צו די פיס פאלן?...

— צו אלע צאָרעס איז ער נאָך א געטרײַער פאָטער אויך. זי וועט געפינען אזא העלד, ווי דו.

— א מויד האָט זיך אים פארגלוסט.

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, מיט צעפּלאָנטערטע טריט זיך אומגעקערט אָפּ זײַן אָרט און שווער זיך אַראָפּגעזעצט אפן שטול.

די געלע מויד איז געשטאַנענ א פֿאַרלוירענע נעבנ אים, ניט געוווסט, צי זי זאָל אים טרייסטנ אָדער זידלענ. זיכ אויכ אַראָפּגעזעצט אַפֿנ באנק אונ גענומענ שטיל כליפּענ.

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿינפֿ כאַדאָשימ זײַנענ אוועק.

דער איניענ פֿונ בענציע פֿאקראָוו איז פֿאַרפֿאַלנ גע־וואָרנ צווישנ אַסאַכ בלאָע פֿאַפֿקעס, באַוואַקסנ געוואָרנ מיט נאָכ צענדליקער. אונ אינאָנהויב פֿונ זעקסטנ כוידעש איז אינ געריכט געקומענ די געלע.

אונטער יונגע אויגנ טיפֿע שוואַרצע פֿלעקנ, אפֿ די פֿלייצעס—אנ אָפּגעריסנ מולטנ קליידל, אַפֿ די פֿיס — א פֿאָר אויסגעקרימטע טופֿליעס. די ליפּנ זײַנענ געווענ בלוי אונ פֿאַרטריקנט, אונ דער צונג האָט לאַנג ניט געקאָנט קיינ וואָרט ארויסברענגענ:

— ער איז פֿונ יר אוועק.. צו זײַנ פֿריערדיק ווײַב איז ער אוועק. איכ האָב אַ דרײַכאדאָשימדיק קינד. צו דער ארבעט קאָנ איכ ניט גיינ. ראטעוועט מיכ...

דער ריכטער האָט פֿונ שטויב אונ פֿארגעסנהייט דעמ איניענ פֿונ בענציע פֿאקראָוו אַרויסגעשלעפּט, צוגעשריבנ נאָכ א בלעטל אונ באשטימט איבערקוקנ דעמ איניענ.

— — — — — — — — — — — — — — —

אינ דרײַ כאדאָשימ אַרומ איז אינ געריכט ווידער געקומענ ביילע אונ געבעטנ צוריק אופּשטעלנ די אַלימענטנ, ווײַל בענציע איז שוינ ווידעראמאָל אוועק צו דער געלער.

פֿינפֿ מאָל האָט זיכ די מײַסע איבערגעכאזערט, דער

איניען איז אַלץ געוואָרן גרעבער, גרעבער, באַוואַקסן געוואָרן מיט ווייטיק און שפּאַס.

אין געריכט האָט מען שוין פּאָרויס געוווּסט:

אויב היינט איז געקומען די „געלע", וועט אין דריי כאַדאָשים אַרום קומען די „שוואַרצע".

קיינעם פון די מיטאַרבעטער האָט עס מער ניט אינ־טערעסירט. די גאַנצע מייסע איז געוואָרן ענלעך אַפ אַ פאַרס, אַפ אַ געוויינלעכן אַנעקדאָט.

אָבער די מיטאַרבעטער פון יידישן געריכט־קאַמער האָבן אַ טאָעס געהאַט. דעם זעקסטן מאָל איז געקומען ניט די „געלע" און ניט די „שוואַרצע".

דאָס זעקסטע מאָל זיינען זיי געקומען ביידע איניי־נעם, זייער רויק אויסגעוואַרט, דער אוילעם זאָל אוועק־גיין און איבערגעגעבן דעם ריכטער אַ פּאַפּיר.

אין פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן:

אין יידישן געריכט־קאַמער

טייערער ־כאַוער ריכטער. מיר בעטן אייך זייער, איר זאָלט אונדז מויכל זיין פאַר די קאָפּדרייעניש וואָס מיר האָבן אייך פאַרשאַפט, ווייל אונדז אַליין איז שוין אַ גרויסע כאַרפּע אייך קוקן אין די אויגן. ווייטער ווילן מיר אייך מיטיילן, אַז מיר, די צוויי ווייבער פון בענציע פּאָקראָוו, וואָס איינע פון זיי, ביילע, האָט אָפּגעלעבט מיט אים 12 יאָר און האָט דריי קינדער, און די צווייטע, כייע, וואָס האָט זיך

פארעגיסטרירט מיט אים מיט א יאָר צוריק, האָבנ באשלאָסנ אפ אונדזער זיצונג, וואָס מיר זײַנענ נעכטנ געזעסנ, אוועקגיינ פונ אונדזער מאַנ. ווײַל ער איז ניט קיינ סאָוועטישער עלעמענט אונ א וורעדיטל אונ האָט זיכ איזדעקעוועט איבער אונדז בײדנ.

מיר בעטנ דעמ ריכטער אימ ארויסזעצנ פונ אונדזערע צימערנ, ווײַל מיר האָבנ שוינ פונ אימ קײ. קויעכ ניט. אויב דער סאָוועטסקער געריכט קאָנ לויטנ געזעצ אימ ניט לאָזנ אָנ א דאכ אפנ קאָפ, זײַנענ מיר מאסקימ אימ אָפטרעטנ איינ צימער, דעמ קלענערנ, אונ אינ צווייטנ צימער לעבנ בײדע אינײנעמ אונ דערציִענ אינײנעמ אונדזערע פיר קינדער אינ גײַסט פונ לענינענ... איינע פונ אונדז וועט ארבעטנ—אונ די צווייטע וועט קוקנ אַפ די קינדער. אויב ס'איז דאָ א מעגלעכקייט די קינדער אײַנאָרדענענ אינ קינדער־היימענ, דאַנ וועלנ מיר בײדע גיינ אַרבעטנ אונ זײַנ עמעסע כאווער־טעס. אויב ווער ניט איז פונ אונדז בײדנ וועט ווײַטער מיט אימ לעבנ אונ לײַדנ די באליידיקונגענ אונ כארפע, איז זי פונקט אזא אנטיסאָוועטישער עלע־מענט אונ וורעדיטל, ווי ער, אונ די ראטנמאַכט דארפ וועגנ איר מער ניט זאָרגנ.

מיט כאווערשנ גערוס:

כײַע פאָקראָוו

בײלע פאָקראָוו

דער קרייז בלייבט געשלאָסן
(שפּאַס)

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט. די לעצטע טראַמ־וויַען האָבן געיאָגט איבער די פּוסטגעוואָרענע גאַסן מעשונע גיך און אָן א וועג, זיי האָבן שוין געביטן לויטן אייגענעם ווילן דעם מאַרשרוט, זיך געדרייט אַרום די מאָסקווער פּלעצער און אַפילו זיכער ניט געוווּסט, וווּהין זיי טראָגן זיך.

אין איינעם פון אַזאַ צעטומלטן טראַמוויַי איז גע־ווען דרימלדיק־פּוסט און מאָדנע שטיל. דער קאָנדוקטאָר איז געזעסן אינעם ווינקל און געציילט אין א גרויסן לעדערנעם טייַסטער דעם טאָג־לייזונג. ער איז גע־ווען שטאַרק אויסגעמאַטערט און, קאָנטיק, שווער גע־רעכנט.

אין צווייטן עק פונעם פּוסטן טראַמוויַי זייַנען געזעסן צוויי לעצטע פּאַסאַזשירן און געקוקט מיט פאַרשלאָפע־נע אויגן אין די פענצטער, געוואָלט זיך דערוויסן, אין וועלכן עק שטאָט האָט זיי דער שוויַיגנדיקער, בייזער וואַגאָן־פירער פאַרפירט.

איינער איז געווען גאָר א יונגער, מיט אַ קאָפּ קורצע־געשוירענע האָר, פריילעכע אויגן און זייער

אָפּגעטראָגענעם אָנצוג. לויטן אויסערלעכן אויסזען האָט מען אים געקאָנט אָנעמען פאר אן ארבעטער, אָדער קליינעם אָנגעשטעלטן.

ער האָט די גאנצע צײַט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם צווייטן פּאַסאזשיר, מיט א קיוון זיך צוגעזעצט גאָר נאָענט צו אים און געוואָלט אָנקניפּן א שמועס.

אָבער דער צווייטער פּאַסאַזשיר איז, קאָנטיק, געווען שטארק מיד און אויסגעשעפּט. זייער אָפט האָבן זיך בײַ אים פארמאַכט די אויגן, און דער גראָער קאָפּ איז געבליבן אָנגע־שפּארט אָן טראמוויַ־ווענטל. די ערשטע רעגעס האָט ער זיך שטארק געראַנגלט מיטן שלאָף, מיט מאטער־ניש אופגעריסן די אויגן, ארויסגערוקט דעם מידן קאָפּ אין אָפענעם פענצטער,—אים געפרישט מיט נאכטיקן קילן ווינט.

אָבער די מידקייט איז געווען שטארקער פון אים און נאָך א שווערן געראנגל איז ער פאָרט אײַנגעשלאָפן.

ווען דער טראמוויַ איז נאָך לאַנגע פאָרענישן גע־בליבן שטיין אף איינעם פון די פּלעצער, און דער שוויַי־גנדיקער קאָנדוקטער האָט געמאָלדן, אז וויַיטער וועט מען ניט פאָרן — האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פּאסא־זשיר מיטן גראָען קאָפּ דרימלט ניט, נאָר איז פארכאלעשט.

קימאט אף די הענט האָט אים דער יונגער פּאסא־זשיר ארויסגעטראָגן פון טראמוויַ, צוגערופן א פאַע־טאָן און אים אַוועקגעפירט צו זיך אהיים.

אפן פאַטעאָן איז דער מידער מענטש מיט די גראָ־לענגלעכע האָר און אויסגעבלייכטן פּאָנעם נאָך אַלץ געווען פאַרכאַלעשט, און אַפּ אַלע פּרווון צו דערגיין, וואָס איז מיט אים — גאָרנישט געענטפערט.

אין שטוב פונעם יונגן פאַסאַזשיר האָט אים באַגעגנט זייער א מילדע פרוי. פונאָנהויב איז זי געווען זייער איבעראַשט פונעם פאַרכאַלעשטן, שפעטן גאַסט. נאָר ווען דער מאַן האָט איר דערקלערט, אז דאָס איז מיכאַיל לאַפּאָווסקי, דער באַוווסטער ליטעראַטור־קריטיקער, איז זי געוואָרן צו אים זייער צערטלעך און היימיש, אים ווי א מוטער אויסגעטאָן די שיך, פאַנאַנדערגעשפּיליעט דאָס רעקל און העמד, איינגעריבן דעם שטערן מיט אָדעקאַלאָן, און צופרידן געקוקט, ווי ער קומט צו זיך.

מיכאַיל לאַפּאָווסקי האָט זיך דערפילט בעסער, אופגעעפנט די אויגן און זיך גענומען ארומקוקן. אים איז שטארק געפעלן, וואָס ער האָט זיך פּלוצים אופגעכאַפּט ניט בא זיך אין צימער. בא זיך אין צימער זיינען אים די זאַכן שוין אזוי באַקאַנט און צוגעגעסן, אז ער האָט זיי שוין לאַנג אופגעהערט באַמערקן, און דאָ, אין א פרעמדן צימער, ווו ער איז איצט געלעגן אַפּ א ווייכער קאַנאַפּע, זיינען די שטוב־כפייצים ארויסגעטראָטן אזוי בוילעט־שארף, מיט זייע־רע אַלע ווינקלען און אייגנשאַפטן.

אָבער נאָך מער האָט אים געפרייט, וואָס צוויי יונ־גע, פרעמדע מענטשן, וועלכע זעען אים היינט צום

ערשטנ מאָל, ווײַזנ אימ ארויס זײער פיל ליבע אונ איבערגעגעבנקײט.

די שוואכקײט איז ביסלעכווײַז פארשווונדנ. ער איז אופגעשטאנענ פונ קאנאפע אונ אָנגעהויבנ ארומשפּאנענ איבערנ קלײנעמ, אָרעמענ צימער. קײנ סאך שעטעכ אפּ ארומשפּאַנענ איז אינ צימער ניט געווענ. אינ אײנ ווינקל איז געשטאנענ אנ אײַזערנ קינדערש וויגעלע אונ דאָרט האָט געשמאק געשלאָפנ א פעט־ראָזע־ווע קינד. אינ צווײטנ ווינקל איז געשטאנענ א ברײטע ניקעלנע בעט, אָבער זי איז געווענ פארשטעלט מיט א גרינ ווענטל; א טיש, אנ אלמער פּאַר ביכער אונ א קלײדער־אלמער, עטלעכע הילצערנע שטולנ—אלצ. מער איז אינ צימער גאָרניט געווענ, אָבער די עטלעכע סאמע נײטיקסטע זאכנ זײַנענ געווענ פאנאַנדערגע־שטעלט מיט געשמאק אונ ס׳האָט זיכ געפילט א זאָרגזא־מע האנט, וואָס צערטלט זײ.

ווענ מע איז שוינ געזעסנ באמ טיש, ערשט דאַנ האָט דער אָנגעזעענער קריטיקער באַמערקט, אַז דער נײַער באַקאנטער, וואָס האָט אימ ארויסגעוויזנ אזויפיל מענטשלעכע אופמערקזאַמקײט, האָט זײער א דינ אונ אויסדריקלעכ פּאָנעמ. אינ טראַמוויַ האָט ער ניט באמערקט, אז באַמ יונגנמאַנ איז זײער א הויכער גערונצלטער שטערנ אונ שארפע, קלוגע אויגנ, אונ דאָס מויל איז א גרויס, מיט צוויי אַראָפּגעפאלענע שמײכלענדיקע ווינקלענ. „אזוינע פענעמער זײַנענ בא

ארטיסטנ, קינסטלער, שרייבער״, — האָט ער מיט שרעק א טראַכט געטאָנ, אונ שוינ מוירע געהאט פרעגנ, מיט וואָס דער יונגער באקאנטער באשעפטיקט זיכ.

אָבער גאָר גיכ האָט זיכ די שרעק אויסגעוועפט. בא דעמ יונגנ פאָרפאָלק האָט זיכ געפונענ א האַלב פלעשל זיסער וויַינ, געשמאקער וורשט אונ זייער שטארקע קאָפע.

אונ דער שמועס באמ אָוונט-ברויט איז אויכ געווענ א פּאָשעטער, פריילעכער. דער יונגערמאנ האָט דערציילט, ווי זיי האָבנ אימ גענומענ וועקנ אינ טראַמוויַי, געמיינט, אז ער איז איַינגעשלאָפנ אָדער געכאפט א טרונק... נאָר עס העלפט ניט דאָס וועקעניש. ער זיצט מיט א פארוואָרפענעמ קאָפ אונ עפנט ניט די אויגנ. דאנ האָט ער פארשטאנענ, אַז מיט אימ האָט עפעס געטראָפנ. אונ אימ קימאט אפ די הענט ארויסגעטראָגנ פונעמ טראמוויַי...

ער האָט דערציילט זייער פריילעכ, ווי א וויַיטע אונ זיַיטיקע פאסירונג, אונ דערביַי אונטערגעגאָסנ וויַינ אינ גלעזל אונ געטרונקענ פאר זיַינ געזונט אונ פאר זייער פלוצלימדיקער טשיקאווער באקאנטשאַפט.

די יוננע פרוי האָט זיכ אויכ דערמאָנט אנ ענלעכנ פאל: ווענ זי איז געווענ טראָגנדיק מיט וויקטאָרנ, אינ פערטנ כוידעש, איז זי אינמיטנ גאַס געבליבנ זיצנ אפ א גאניק א פארכאלעשטע... אופגעכאפט האָט זי זיכ אינ א סטודענטישער צוזאמענווינונג, אונ א גאנצע קורס

סטודענטקעס האָבן ארום איר א גאנצן טאָג גע־פאטקעוועט.

פון אויסגעטרונקענעם ווייַן, פון אָוונט־ברויט, פונעם היימישן שמועס, איז לאפאָווסקי געוואָרן נאָך פריי־לעכער און אים האָט זיך פארוואָלט דערוויסן, צי זיי קאָנען אים פון פריער, צי זיי האבן ווען ס'ניט איז געהערט זייַן נאָמען?

אָבער אן אינגערלעכער שרעק האט אים אָפּגעהאלטן פרעגן,—די שרעק איז געגאנגען פון די צענדליקער זי־צונגען, בּאראטונגען, רעדאקציעס, קסאוויאָדן און ביכער.

טאָג־אייַן, טאָג־אויס קומען צו אים זייער פיל מענטשן. אייניקע ברענגען זייערע ביכער מיט לאנגע באגייַסטערטע אָנשריפטן און בעטן, ער זאָל וועגן זיי אָנשרייַבן אן ארטיקל; אנדערע קומען לייענען זייערע זאכן נאָך אין קסאוויאד און בעטן בא אים אייצעס. אָבער אלע באקאַנטע, וואָס געפינען זיך אין דער גרוי־סער ברויזנדיקער שטאָט, דארפן פון אים עפּעס האָבן. אלע ווילן, ער זאָל ברענגען נוצן.

אנדערע האלטן זיך מיט אים ווי גלייַכע,—דאָס זייַ־נען די באוווסטע שרייַבער, וואָס נייטיקן זיך שוין ניט אזוי שטארק אין זייַנס א גוט וואָרט. אָבער די מער־הייט, וואָס זוכן מיט אים באקאַנטשאפט, כאנפענען אים, לעקן אים, זאָגן אים אָן ניט קיין אופריכטיקע קאָמפּלי־מענטן און ווארטן פאר דעם אפ געצאָלט...

שוין לאנג, ווי ער בענקט האָבן פּאָשעטע באקאנטע, ווו מע זאָל קאָנען נאָך א שווערן טאָג ארבעט ארייַנ־

קומען, פֿלוידערן וועגן פּאָשעטע זאכן און, דערהויפּט, ניט דארפֿן פאר יעדן פארבראכטן אָוונט צאָלן מיט רעצענזיעס, ארטיקלען, מיינונגען.

מאָדנע, אפילו זיינע באקאנטשאפטן און נאָענטקייט מיט פרויען — דרייען זיך אויך אינעם זעלביקן ענגן קרייז פון ליטעראטור־מענטשן: זיין ערשטע פרוי איז פריער געווען א צוהערערן פון זיין אוניווערסיטעט־קורס, און א כוץ מיידלשע ליבע צו אים, האָט זי נאָך געהאָפט מיט זיין הילף אריין אין דער ליטעראטור, און ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אז ער העלפט איר ניט, נאָר פארקערט, פארשווערט איר נאָך דעם וועג אהין, ווייל קיינער גלויבט ניט, אז זי טאקע שרייבט די שוואַכע דערציילונגען און ניט ער, איז זי פון אים אוועק.

די איבעריקע פרויען, וועלכע ער האָט באגעגנט אין זיין לעבן, זיינען אויך געווען פונעם זעלביקן קרייז. אין די סאמע אינטימסטע רעגעס פלעגט ער דערהערן די טענער פון וועלן אים אויסנוצן.

אין לויף פון אסאך יאָרן איז בא אים אָנגעוואקסן א מידקייט און סינע צו ליטעראַרישער באקאנטשאפט, און באגלייך מיט דער סינע און אומצוטרוי איז אין אים געוואקסן א שטארקער פארלאנג — געפינען פריינט אויסער דעם ענגן קרייז פון זיין פּראָפעסיע.

דערפאר האָט ער זיך אזוי גוט און היימיש געפילט אין דער פרעמדער, פּאָשעטער מישפּאָכע, וווּ מע האט

פארן גאנצן אָוונט ניט אויסגערעדט אפילע קיין איין וואָרט וועגן ליטעראטור, דערפאר האט ער אזוי געווײ־ ליק־גיך אָנגענומען דעם פאָרשלאג ניט שלעפּן זיך שפּעט באנאכט אהיים און בלייבן בא זיי נעכטיקן.

דאָס פאָרפאָלק איז ארויס אין פאָדער־צימער, קע־ דיי צו געבן אים א מעגלעכקייט זיך אויסצוטאָן. דאָרט, הינטער דער טיר האבן זיי שטיל וועגן עפּעס גערעדט. די ערשטע איז אין צימער אריין די יונגע פרוי, זיך שולדיק ארומגעדרייט באם ביכער־אלמער, בא־ קומען דאָרט א בוך און מיט א בעטנדיקער פארשעמטער שטים ארויסגערעדט:

— „מיכאיל אלעקסאנדראָוויטש, מיין מאן איז א יונגער שרייבער, ניט לאנג איז ארויס זיין ערשטער בוך און ווערט פון אלעמען פארשוויגן... ער איז א שטאָלצער און וויל זיך צו אייך ניט ווענדן. אכוץ דעם, האט ער מוירע, אז איר וועט אויסטייטשן שלעכט און־ דזער ....נו, אונדזער אופמערקזאמקייט און גאסטפריינט־ לעכקייט צו אייך.... אָבער איך בין א פּאָשעטע פרוי און טראכט, אז אויב מיר האבן שוין יאָ אזא געלעגנ־ הייט, און איר זייט בא אונדז אין שטוב—איז פארוואָס זאָלן מיר אייך ניט געבן אן עקזעמפּליאר און ניט בעטן אָנשרייבן אן ארטיקל—ניט ריכטיק?

מיכאיל אלעקסאנדראָוויטש האט גאָרניט געענט־ פערט. ער האט געקוקט אפּ איר מיט אויסגעלאָשענע אויגן, דאָס פּאָנעם איז בא אים געוואָרן בלייך און

פארמאטערט, ער האָט געדרייט אין די אָפּגעכאַלעשטע הענט דאָס באקומענע ביכל פונעם יונגנ שרײַבער, זיך אופגעהויבנ פונ אָרט אונ צעטומלט געשטאמלט:

— יאָ יאָ, איך וועל אָנשרײַבנ... אומבאדינגט אָנ־שרײַבנ. ווו איז מײַנ רעקל?

אינ איילעניש האט ער אָנגעטאָנ דאָס רעקל אונ היטל, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגנ געדריקט זיי די הענט אונ זיך ארויסגעכאפּט פונ שטוב, ווי עמעצ וואָלט אימ נאָכגעיאָגט.

דער זייגער איז געווענ בא דרײַ באנאכט. קיינ טראמ־ווײַענ זײַנענ שוינ ניט געגאנגענ. א מידער אונ צעבראָ־כענער האָט ער זיך אוועקגעשלעפּט אהיימ, אונ דעמ גאנצנ וועג געדענקט, אז אינ קעשענע ליגט בא אימ נאָך א ביכל, פונ א נײַעמ באקאנטנ שרײַבער...

קאָראטשאווקע 18/111

אָנגעהויבנ שרייבנ 5 אָווגט,
געענדיקט 11 אָווגט.

צוויי וויאָרסט הינטער כאַרקאָוו

דערקלערונג

אינ כארקאָוו זיינענ די זומערס שטארק הייסע, טרוקענע, דורכגעזאפּטע מיט שטויביקע ווינטנ.

אינ כארקאָוו זיינענ אינ די זומערס די מויערנ אָנגעגליט פונ זונ אָטעמענ מיט היצ, ווי אָנגעהייצטע אויוונס

דער אספאלט אפ די טראָטוארנ איז ווייכ אונ צעפלאָסנ, שטעמפּלט אָפּ טריט פונ סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, פארנומענע ארבעטער אונ אָנגעפּאָרענע פויערים.

אינ יענעמ זומערדיקנ טאָג, וועגנ וועלכנ איכ וויל דאָ דערציילנ, זיינענ איבער די כאריקאָווער גאסנ נאָכ אומגעגאנגענ לעגאליזירטע נעפּליִיט, אָפּגעריסענע, דאכלאָזע קינדער, אונ שטעטלדיקע יידנ, וועלכע זיינענ געקומענ קיינ כארקאָוו זוכנ א טאכלעס.

צוליב היסטאָרישער פּינקטלעכקייט מוז איכ גלייכ באמערקנ: דער שטויב איז אינ כארקאָוו פאר די לעצטע כדאָשימ געוואָרנ אסאכ שוואַכער, ווייל דער כאַווער פּאָסטישעוו האט אלע גאסנ באזעצט מיט גרינס אונ דער אוילעמ שמועסט, אז ער וועט אינגיכנ ברענגענ קיינ כארקאָוו אנ עמעסנ ברייטנ טייכ.

די נעפּלייט האָבנ שוינ לאנג אופגעהערט אומגיינ. אייניקע זיינענ געוואָרנ פארקויפער אינ די סאָוועטישע צעארבקאָאָפּנ, אייניקע, אונ די סאַמע שעדלעכסטע, האט מענ איבערגעפּעקלט אפ צאָפנ, דאָרט, ווו דער וועטער איז אסאכ א קילער, ווי אינ כארקאָוו; דאָרט, ווו די ווינטערס זיינענ לאנגע, שניייקוויסע, מיט שטארקע ווינטנ אונ זאווערוכעס.

די דאכלעזע, אפגעריסענע קינדער האבנ ביסלעכווייז פארלאזט די שטיבעקע גאסנ און וואקזאלנ, זיכ אפגעזעצט אינ קינדערהיימענ, אינ קינדער־שטעטלעכ, און איצט קאנ מענ זיי באגעגענענ אינ אלע זאוואדנ פונ פארבאנד.

ווארט, און וואס איז געווארנ מיט די שטעטלדיקע יידנ, וואס זיינענ אינ יענע יארנ מאכנעסווייז געקומענ קיינ כארקאוו?

אנ איבעריקע פראגע: ווער ווייסט דענ ניט, אז אסאכ פונ זיי זיינענ אויעקגעפארנ אינ קרים, אזאכ קיינ בירעבידזשאנ און די גרעסטע צאל ארבעט אפ די כארקאווער זאוואדנ.

אבער ס׳ווייזט זיכ ארויס, אז זעקס מישפאכעס—דריי לאכעוויצער און דריי לובנער—האבנ זיכ באזעצט צוויי ווערסט הינטער כארקאוו און דארט געשאפנ די איצט באוווסטע קאמונע „רויטער שטערנ”.

די קאמונע „רויטער שטערנ” איז א ווירקלעכער פאקט און ווער ס׳גלויבט מיר ניט, קאנ זיכ זעצנ אפ איינעמ פונ די טראמווייענ, וואס גייט צומ אוויאפארק, דארט ארויסשטייגנ און פרעגנ באמ ערשטנ בעסטנ פארבייגייער דעמ וועג אינ קאמונע.

יעדערער וועט אייכ ווייזנ.

יעדערער ווייסט איצט דעמ וועג צו דער יידישער קאמונע.

ווענ איר וועט שוינ זיינ אינ קאמונע גופע, באטראכט ניט געיילט די צוויי גרויסע געמוירערטע עלעקטרעפיצירטע שטאלנ, ווו ס׳שטייענ הינדערטער אויסגעפאשעטע בעהיימעס און פעטע כאזיירימ.

די הויט אפ די כאזיירימ איז דינ און ראזלעכ־העל. ווענ מע קוקט לאנג אפ די דרימלדיקע כאזיירימ, הייבט זיכ אנ דאכטנ, אז אט, אט וועט די דינע ראזלעכע הויט פלאצנ און ס׳וועט זיכ ארויסגיסנ דאס איבערגעפולטע שווערע פעטס...

דערנאכ זאלט איר זיכ אומבאדינגט ארײנכאפנ אינ מילכיקס־פאבריקל און צוקוקנ, ווי פלינקע, פינקלדיקע סעפאראטערס דרייענ די עמערס מילכ.

פונ מילכיקס־פאבריקל איז ניט ווייט די עלעקטרישע סטאנציע.

אָבער לאנג דארפ מענ זיכ דאָרט ניט פארהאלטנ, ווייל ביידע מייסטערס האבנ ליב אסאכ דערציילנ וועגנ דער פארגאנגענהייט פונ דער קאָמונע, אונ קעדיי אויסהערנ אלע זייערע מייסעס, דארפ מענ האבנ עטלעכע טעג אונ נעכט.

אונ נאָכ די אלע מייסעס, וועט איר דאָכ דעמ עמעס ניט דערגיינ, ווייל די לאָכוויצער האלטנ, אז דאָס האבנ זיי געגרינדעט די קאָמונע, אונ די לובענער טיינענ, אז די לאָכוויצער זיינענ שוינ געקומענ אפ אלעמ גרייטנ.—אונ בא וועמענ צו פרעגנ איז ניטאָ.

פונ די אויסגעהערטע געשיכטעס, פונ די אויסגעלייענטע מאטעריאלנ, ווערט קלאָר:

מיט זיבנ יאָר צוריק זיינענ דאָ געשטאנענ דריי אלטע צעפאלענע געביידעס, איינ דארע קו מיט פארבלאָטיקטע אייטערס, צוויי אויסגעהאָרעוועטע פערד מיט קראַנקע אויגנ, א פארזשאווערטער אונ צעשרויפטער אקער-אייזנ אונ א פארבליבענער פארוואלטער פונ א געוועזענעמ אנטלאָפענעמ פאָרעצ,—אלצ, מער איז דאָ גאָרנישט געווענ. ווענ מע זאָל וועלנ געווי, טראָט בא טראָט, באשרייבנ די געשיכטע פונ דער קאָמונע, באווייזנ, ווי אזוי זי האט איינגעזאפט אינ זיכ אלצ נייע אונ נייע קאָמונארנ, אָפגעזייט טויגעניכצנ אינ ספעקוליאנטנ, ביז די צאָל איז פונ זעקס נעפאשעס אויסגעוואקסנ ביז איבער דריי הינדערט; ווי א פארלאָזענע, צעוויינטע פריצישע נאכלע איז אויסגעוואקסנ אינ א מוסטער-קאָמונע, וואלט מענ געדארפט אָנשרייבנ איינעמ אָדער עטלעכע ביכער.

מיט דער צייט וועט געוויס די געשיכטע פונ דער קאָמונע ווערנ אָנגעשריבנ. ס'איז מעגלעכ, אז דאס וועט טאָנ איינער פונ אירע מיטגלידער גופע, א מענטש, וואס האט דורכגעמאכט דעמ שווערנ, בארג-ארופיקנ וועג. איכ וויל נאָר מאכנ דעמ אָנהייב; אפ די עטלעכע זייטלעכ דערציילנ וועגנ איינ טאָג,—וועגנ געבורט פונ דער קאָמונע.

1. יאָסל קאהאנאָוו

די ערשטע טעג פלעגט ער שאָענלאנג אומשפאנענ איבער די טומלדיקע אָנגעגליטע גאסנ, קוקנ אפנ געלויפ פונ די אײַלנדיקע אווטאָמאָבילנ, אפנ פלאָנטער פונ די טראמוויי־ליניעס אונ געהאט שטארק האנאָע, וואס ער איז איינער פונ אירע פארהאוועטע אײַנוווינער.

צוויי כאדאָשימ איז יאָסל קאהאנאָוו טאָג־אײַנ, טאָג־אויס געגאנגענ אינ פאָלקאָמערד. ער האָט שוינ געוווסט אפויסנווייניק אלע טירנ אונ צימערנ פונעמ גרויסנ צעפלאָנטערטנ אנשטאלט.

שוינ שפעטער, אינ אונרויִקע שלאָפלאָזע נעכט, ווענ ער פלעגט ליגנ צונויפגעדרייט אפנ ברודיקנ שטרויזאַק פונ זײַנ הארטנ געלעגער, פלעגט זיכ אימ אָפט דערמאַנענ איינער פונ זײַנע צימערנ אונ א לעצטער געשפרעכ:

אַ גרויסער טיש מיט גרינעמ געוואנט פארצויגנ, א שווארצער בלאנקענדיקער טעלעפאָנ־אפאראט, אונ בײַמ טעלעפאָנ־אַפּאַראַט, ווי צוגעוואקסנ, אדאמאָווס אײַנגעבויגענער קאָפ.

אדאמאָווס קאָפּ הייבט זיך זעלטן אוף, אדאמאָוו האט זיך אויסגעלערנט הערן און אין דערזעלביקער צײַט שרײַבן און אונטערשרײַבן פּאַפּירן.

— רייד.

— מיר זײַנען זעקס שטעטלדיקע פאמיליעס־האָרעפּאַש־ניקעס. שוין צוויי כאדאָשים וואלגערן מיר זיך אין כאר־קאָוו, זוכן ערד; אפ זשוראוולי־אָווקע פּוסטעוועט אן אימע־ניע מיט אינווענטאר, מיט ווירטשאפט. האָבן מיר די ערד ארענדירט. דער אוסטאוו איז שוין באַשטעטיקט. אונדזער ארטעל רופט זיך „רויטער שטערן". אזוי האָבן מיר אפ אונדזער אלגעמיינער פארזאמלונג אים א נאָמען געגעבן. איצט נעמט מען בא אונדז די אימע־ניע צו...

אדאמאָוו האָט זײַן קאָפּ נאך אלץ ניט אופגעהויבן.

— און ווער ביסטו?

— א דעמאָביליזירטער רויטארמייער.

— ווו געדינט?

— אין בודיאָנעס ארמיי, געווען אפן פּוילישן פראָנט.

— אין וועלכן פּאָלק?

— אין צווייטן.

— ווי איז דײַן פאמיליע?

— קאהאנאָוו.

איצט הייבט אוף אדאמאָוו זײַן פארנומענעם קאָפּ, קוקט א ווײַלע אפן שטעטלדיקן יידן, ציט אים אויס א האנט. יאָסל קאהאנאָוו ווערט צעטומלט און דריקט זײַנע שפּיצ

פינגער. אדאמאוו זעצט אים אריַין אין ווייכן שטול און הייבט אָן ארומשפּאנען איבערן צימער.

— אזוי, ברודערל, זײַנען מיר, הייסט עס, כאווײַרים, זיך אין איין פּאָלק געשלאָגן. גוט, זייער גוט. נאָר העלפן דײַן אר־טעל קאָן איך מיט גאָרניט. דו זעסט די מאפּע. אף די אַלע פּאסיקלעך און קעסטעלעך קוק גוט. דאס איז כאר־קאָוו. דאָ איז קיין פרײַע ערד צו זייען און אקערן ניטאָ. וויכטיק זײַנען אָט די גרויע פּלעקן, וואָס רינג־לען ארום די שטאָט. איין פּלעק איז געווען א ליידיקער. אף זשוראוולי־אָווקע, דאָרטן, ווו עס געפינט זיך די אי־מעניע, וועגן וועלכער דו רעדסט... פארשטאנען? איך חאב געהייסן די ערד אייך אפּגעבן, דאן האב איך נאך ניט געוווּסט, אז אונדזערער א בודיאָנעווער קאמאנדע־ווער בא זיי. נעכטן האב איך באַקומען א פּאפּיר פון געפּעו. זי פאָדערט די אימעניע פאר פיר הונדערט דאכ־לאָזיקע קינדער, זי ווילן דאָרט מאכן אַ קינדער־קאָמו־נע, מיט ווארשטאטן, גערטנער, שולן. הײַנט אינדערפרי, מיט צוויי שאָ צוריק, האָב איך די אימעניע אפּגעגעבן. פיר הונדערט קינדער זיצן אין די מיליציע־באצירקן, וואל־גערן זיך אף די וואָקזאלן, אין ־מיסטקאסטנס און ווארטן אף א דאך איבערן קאָפּ. זיי זיינען בילכער. פארשטאנען? וועגן אנדערע פרײַע ערד ארום כארקאָוו וויס איך ניט. זעסט די גרינע פלעקן — אלץ איז פאר־נומען. אויב דו וועסט געפינען — שפּאַר גלײַך צו מיר, אָן צערעמאָניעס, איך וועל אלץ טאָן.

אדאמאָוו זיצט שוין ווידער באַם טיש מיט אַן אראָפּגעלאזטן קאָפּ, די אויגן ארײַנגעטאָן אין פּאַפּירן.

אים איז שווער צו קוקן, ווי בּאַ זײַן געוועזענעם כאַווער קרימען זיך שלעכט די ליפּן. און אָט־אָט וועט ער ארויספּראלן א פּאַרדראָסיקן געוויין. נאַרישקייטן.—א געוועזענער בּודיאָנעוועץ וויינט ניט. א געוועזענער בּודיאָנעוועץ גלײַכט זיך אויס און גייט אוועק פון אדאמאָווס קאַבּינעט מיט הויכע, הילכיקע טריט.

בּאַ דער טיר פון פּאָלקאָמערד בּלײַבּט ער שטיין. די ראַשיקע שטאָט קוקט אַפּ אים פּרעמד. די טראַמוויַען טראָגן זיך פּאַרבּײַ גלײַכגילטיקע און אײַליקע, פירן אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס מענטשן.

אים כאַפּט ארום א שטאַרקער פּאַרדראָס, וואָס אַלע האָבּן וווהין צו אײַלן, וווהין צו פאָרן. און ער?

ער וועט גיין צו זיך אין אײַנפאָרהויז, זיך אוועקוואַלגערן אַפּן בּרודיקן שטרויזאַק און אזוי אָפּליגן גאַנצע טעג און נעכט.

צום ערשטן מאָל פּאַר די צוויי כאַדאָשים דערפילט ער, אז זײַנע צעריסענע שווערע שטיוול האָבּן שטאַרק פײַנט דעם ווייכן אָנגעבּרענטן אספּאַלט פון די כאַרקאַווער טראָטואַרן, און זײַנע פיס זײַנען מיד.

יאָסל קאַהאַנאָוו איז צו זײַן אײַנפּאַרהויז ניט דערגאַנגען, אַפּן ראָג פון קלאַטשקאָווסקי גאַס איז געפאַרן אַ טראַמוויַי. דער טראַמוויַי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפּ איינער פון זײַנע אָנצאָליקע סטאַנציעס. א מענטש איז

פון טראַמוויַ אַראָפּגעשפּרונגען, דערזען נאָך פונוויַטנס קאַהאַנאָווס שווערע שטיוול און הויך געגומענע שרײַען:

— וואָס שלעפּסטו זיך ווי געפּײַגערט?

— אויב דיר איז פרײלעך, גיי טאַנץ, איך האָב ניט וווהין צו אײַלן.

— איך שיק דיר ניט טאַנצן, גיי גלײַך צו באַיאַר־סקין און פרעג אים, צי ער וועט אונדז לײַען געלט אויף פּראָצענט?...

— אויף וואָס דאַרפסטו געלט? די אימעניע איז שוין אָלעוואַשאָלעם.

— איך ווייס. טו וואָס מע הייסט דיר. אויף זעקס איז באַשטימט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַרטעל. איך האָב אַ נײַעס. גיי. טראַכטן וועסטו דערנאָך.

אַ מאָדנע פּנים האָט ער געהאַט, דער מענטש, אַ שמאָלס, שאַרפס און וואָס צווינגט פאַרגעדענקען. גע־רעדט האָט ער זייער געלאַסן, אָבער די ווערטער פלעגן אַרויסגיין פון צווישן זײַנע דינע ליפּן פולע און וואָגי־קע, פונקט ווי ער וואָלט זיי פריער, איידער ער רעדט זיי אַרויס, אָנגעלאָדן מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, און די אויגן האָבן דערבײַ געקוקט אויף קאַהאַנאָווען מיט באַפעל און מיט אַנדערש קאָן עס ניט זײַן...

קאַהאַנאָוו האָט ניט באַוויזן ענטפערן. דער מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט באַפעלערישע קלוגע אויגן און זייער אַ געלאַסענע שטים, דערזעט אַ לויפנדיקן טראַמוויַ. דער טראַמוויַ איז פונקט דער, וועלכן ער דאַרף; ער יאָגט

אימ נאָכ, כאפּט זיכ ארופּ אפּ זײַנע טרעפּלעכ אונ פארשווינדט.

יאסל קאהאנאָוו איז צוויי יאָר צײַט געווענ א גוטער רויטארמייער אונ האָט זיכ צוגעווינט אויספילנ ראבינאָוויטשעס דרינגענדיקע באפעלנ.

אונ דאָכ:

אונ דאָכ איז ער לאנג געשטאנאנ פאר דער גאַסטיר פונ איינעמ א מויער. מיט מידע אויגנ באקוקט די ארײַנגעקריצטע אויסיעס אפנ מעטאלענעמ שילדל, א פינגער צו דער ווײַסער קנאָפּקע פונ א גלעקל צוגעטראגנ אונ ניט אָנגעקלונגענ.

אפנ מעטאלענעמ פירקאנטיקנ בלעכל איז געווענ דײַטלעכ אָנגעשריבנ:

АРОН ВИГДОРОВИЧ БОЯРСКИЙ

די רוסישע אויסיעס זײַנענ געווענ שווערע, האלברונדע, דערציילט, אז זייער באַלעבאס האט ליב פונדאמענטאלקייט אונ ברייטקייט.

קאהאנאוו האט צוגענומענ זײַנע אויגנ פונ אָנשריפט, באקוקט די פארשטויבטע, צעריסענע שטיוול; די נאקעטע פינגער זײַנענ געווענ שטארק ברודיק אונ צעשפאלטנ, ארויסגעקוקט פונ אונטער די צעריסענע שטיוול, ווי קעפלעכ פונ דאכלאָזע קינדער פונ אונטער א באהעלטעניש.

— מיט אזא אויסזען איז ניטאָ וואס צו קריכן... ער וועט אפילו אין קיך ניט אריינלאָזן.

ווען ער איז שוין געווען באם ווינקל, האָט ער זיך נאָכאמאָל אומגעקוקט אפן גרויסן מויער מיט די ליכטי-קע פענצטער און שארף א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואלט פון זיך א שווערקייט אראָפּגעוואָרפן:

— מיר וועלן זיך באגיין אָן אים!

די פראזע איז געווען געווענדט צום גרויסן מויער. זי האָט דורכגעקלונגען הויך און מיט אסאך זיכערקייט, ווי ער וואָלט זיך פאר עמעצן פארענטפערט און עמעצן געדראָט.

איצט האָט מען נאָר געזען, ווי זיינע צעריסענע שטיוול שפאנען שווער איבערן אָנגעגליטן אספאלט פון די כאר-קאָווער גאסן און געסלעך, פארטראָגן אים אין א גרויסן שמוציקן הויף, ווו עס געפינט זיך זיין איינפאָרהויז.

2. אָנגעווירן אַ פארמעגן

פון דער אנדערער זייט טיר האָט אים באגעגנט א בייזע סקריפענדיקע שטים:

— א קאָמיסאר געוואָרן, וואָס?! מע רעדט אָפּ אפ זעקס. — דארף זיין זעקס... מע איז פארנומענע מענטשן...

יאָסל קאהאנאוו האָט זיך פאנאנדערגעלאכט הויך, הילכיק און מיט א פולער ברוסט. אזוי לאכן געזונטע מענ-טשן, ווען זיי איז שטארק שווער.

קאהאנאָװ האָט דורך געלעכטער־אופרײַסן אַרױסגערעדט:

— פּאַרנומענע. פּאַרנומענע. שוין, מע איז שוין ניט קיין פּאַרנומענע, מע קאָן פּאַקן די זאַכן און פּאָרן צו־ריק אין שטעטל, ניטאָ קיין קאָמונע, ניטאָ קיין אַרטעל, אַן אוסטאַװ איז דאָ, אַ באַשטעטיקטער אוסטאַװ „רױטער שטערן“, קאָנסט אָפּ אים אַקערן, זײען, פיטערן פערד, פּאַשען בעהײמעס...

פון די טונקעלע װינקעלעך שאַרן זיך פּאַמעלעך אַרױס צװײ אָפּגעלעגענע בערד און צװײ אָפּגעגאָלטע אױסגע־מאַטערטע פּנעמער, רינגלען אַרום קאַהאַנאָװן שטום און מיט אױסגעצױגענע קעפּ, װי זײ װאָלטן אַלע טױב געװאָרן.

קאַהאַנאָװ באַמערקט זײ ניט. קאַהאַנאָװ רעדט צו זיך. צו צװײ כאַדאָשים האָרעװאַניע און האָפּענונגען.

— װער איז בילכער? — שטעטלדיקע טױגעניכצן, פאַר־דריפּעטע ײדלעך, װאָס האָבן ניט װאָס צו טאָן און װילן װערן פּױערים, אָדער די גאַסיקע קעשעניקלעך, װאָס האַלטן זיך אױף אַפּן װאָקזאַל, אין די פּעך־קעסטלעך. אַ, איך פרעג באַ אײַך, װער איז בילכער? די געפּעו האָט באַשלאָסן אין „אונדזער“ אימעניע מאַכן אַ קינדער־שטעטל פאַר די קעשעניקלעך. איר זײַט קעגן? נײן. זײער גוט. יאָ, דער אוסטאַװ בלײַבט באַ אונדז, קײנער נעמט אים צוריק ניט צו... נאָר די אימעניע מיטן אינ־װענטאַר גיט מען אָפּ די באָרװעסע יאַטלעך. זײ זײַ־נען בילכער, — זאָגט אַדאַמאָװ...

קאהאנאָוו שפאנט אום איבערן גרויסן צימער, ווי אדאמאָוו האָט עס געטאָן, ווען ער האָט אים איבערגע־געבן די בסורע, אָבער די טריט זײַנען בא אים ניט זיכערע, וואקלדיקע און ווי ער וואָלט די אייגענע פיס בא עמעצן אָפּ פראָקאט געליִען.

אלעמען דאכט זיך, אז קאהאנאָוו רייצט זיך מיט עמעצן, און עפשער מיט זיך אליין. די גאנצע צײַט פון זײַן אָפּגעריסענעם ריידן איז אין קעלער געהאנגען א שווערע שטילקייט, אָט, אָט וועט זי פּלאצן, און די שווײַגנדיקע שטעטלדיקע ייִדן מיט די פארלעגענע בערד, מיט די אויסגעדארטע פּענעמער וועלן אים אָנהויבן שלאָגן, בריקען, רײַסן און דערבײַ שרײַען פון פּײַן און ווייטיק.

— ווען האָסטו זיך דערוווּסט די גוטע בסורע?

— מיט פיר טעג צוריק.

— פארוואָס האָסטו גלײַך אונדז ניט דערציילט?

— איר וועט באוויַיזן זיך צעקריכן צוריק אהיים... אן אײַלעניש.

— אָפּ וואָס זאָלן מיר דאָ וואַרטן?

— אָפּ ערד.

— נײַע כאלוימעס.

— איך האָב גערעדט מיט אדאמאָוון אליין. ווײַזט זיך ארויס — אן אלטער כאווער, א בודיאָנעווער.

— נו?

— זוכט — האָט ער געזאָגט. — ארום כארקאָוו איז דאָ אסאך מאיאָנטקעס פון אנטלאָפענע פריצים. געפינט. אן

אוסטאוו האָט איר. איך וועל אייך העלפֿן שאפֿן א קאָמונע.

— אדאנק אים אין האלדז — ער וועט העלפֿן!...

— פון אזא העלפֿן קאָן מען דאָ געשוואָלן ווערן פון הונגער.

— אין שטעטל ווארט אפ אייַך מירמעלנע פּאלאצן.

— וואָס דען זאָלן מיר טאָן?

— זוכן ערד ארום כארקאָוו.

— מיר קאָסט א רובל א נאכט מייַן קייוער. דאָס ברויט ענדיקט זיך. די קויכעס ענדיקן זיך. מע דארף זיך ראטעווען באצייַטנס...

קאהאנאָוו האָט זיי מער ניט וואָס צו זאָגן. צוויי כאדאָשים האָט ער זיי טראָפֿן נאָך טראָפֿן זייַן יוגנט־לעכע מונטערקייט און גלויבן איבערגעגעבן. איצט איז ער געוועזן מיד און פּוסט. זייַן ברוין פֿארברענט פּאָנעם איז געוואָרן גראָ, ווי דער גאנצער שטויב פון די כארקאָווער גאסן וואָלט זיך אין אים באזעצט. ער איז אַוועק צו זייַן ווינקל, זיך אויסגעצויגן אפן ברו־דיקן שטרויזאק און שוין פון געלעגער צוגעוואָרפֿן דער קופּקע טומלדיקע יידן א לעצטע פראזע:

— ראבינאָוויטש זוכט שוין צוויי טעג ארום כאר־קאָוו, ער דארף דאָ באַלד זייַן.

מער האָט מען ניט גערעדט. מע איז פּאמעלעך צוגע־קראָכן צו די הארטע געלעגערס, צו די שטרויזעק, זיך אויסגעצויגן מיט די קעפּ, פאריסן צו דער געלער נאס־לעכער סטעליע אין שווייַגנדיק געווארט אפ ראבינאָוויטשן.

ווי אינ דער ווייַט הינטער הויכע שטיינערנע מויערנ איז פארגאנגענ א גרויסע באטאָגיקע זונ, אהער אינ ארייַנפאָר - הויז פארוואָרפנ עטלעכע שארפע שנייַדנדיקע פאסנ, צעשפאלטנ די נאסע אָפגעקראָכענע ווענט, די ברודיקע שטרויזעק, די פארדארטע שטיקער ברויט אפנ טיש אונ פאמעלעכ אויסגעגאנגענ אינ די ווינקלענ.

אנ אָוונטיקע טונקלקייט האָט גענומענ פארוועבנ די פינפ מענטשנ, זיי געמאכט ענלעכ צו די איבערגעטריקנטע כפייצימ. דערפאר האָט אזוי ווילד דורכגעקלונגענ מענאשעס שטימ:

— א מייַסע מיט א יידנ א קאָרטנשפילער, וואָס האָט פארשפילט א פרעמדנ מאיאָנטיק אונ א גאנצנ לעבנ זיכ באקלאָגט, אז ער האָט אָנגעווירנ א פארמעגנ...

קיינער לאכט ניט פונ מענאשעס כאָכמע אונ קיינעמ טרייסט זיכ ניט. יעדערער טראכט איצט וועגנ זיכ אונ וועגנ זייַנ אייגענעמ דורכגעמאכטנ לעבנס-וועג, — א צעפלאָנטערטער וועג, וואָס האָט זיי פלוצימ פארפירט אינ דער גרויסער טומלדיקער שטאָט כארקאָוו, פארוואָרפנ אינ א טונקעלנ קעלער אונ זיי פארזאָגט ווארטנ אפנ קלוגנ ראבינאָוויטשנ, וואָס זוכט פאר זיי ערד הינטער דער שטאָט.

יאָ, ראבינאָוויטש איז די לעצטע האָפענונג...

3. איר האָט מיכ שלעכט פארשטאנענ

אונ ראבינאָוויטש איז געזעסנ בא באיארסקינ אינ קאבינעט. קיינ ווענט איז אינ קאבינעט ניט געווענ. פונ

דער העל־בלויער סטעליע ביז דעם ברוינעם פּאַרקעטן־דיל האָבן זיך געצויגן פאַרביקע, שרײַענדיקע טעפּיכער.

הויך ריידן האָט מען אין באָיאַרסקיס קאַבינעט ניט געטאָרט. און עפּשער פלעגן די דיקע טעפּיכער אײַנשלינגען אין זיך די קלאַנגען.

אַף דער לעדערנער ברייטע, קאַנאַפּער האָט געדרימלט באָיאַרסקיס אײנציקער יורעש: אַ גרויסער הונט מיטן נאָמען „פּאָבעדיטעל”. דער הונט האָט אַף זײַן גלאַטן אויסגעצויגענעם האַלדז געטראָגן אַ שוואַרצן טוכבאַנד מיט אַ פּירקאַנטיקער זילבערנער מאָנאָגראַמע. אַף דער מאָנאָגראַמע איז געווען אויסגעקריצט זײַן נאָמען און דער גענויער אַדרעס פון זײַן באַלעבאָס. איצט האָט דער הונט אָפּגערוט נאָך מיטעק. געלעגן אַף אַ זײַט. די לאַנגע דינע פיס אַף אַ מענטשישן אויפן צום בויך צוגעטוליעט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ קײַלעכיק ווייך קישעלע פון זײַד.

ראַבינאָוויטש האָט שוין געוווסט:

אויב באָיאַרסקי וויל ניט ענטפערן אַף אַ פראַגע, וועט ער אופשטיין פון טיפן שטול, צוגיין אַף די שפּיץ פינגער צו דער לעדערנער סאָפע און אָנהויבן מיט פוכיקע, דיקלעכע הענט גלעטן דעם שלאָפנדיקן הונט.

— איר פאַרשטייט, הער ראַבינאָוויטש, פיר יאָר איז ער בײַ מיר. איך האָב אים געקויפט פאַר אַ קלייניקייט, אינגאַנצן אַכט קערבלעך אָפּגעגעבן, און איצט פאַרקויף איך אים ניט פאַר טויזנטער, אַ יעגער־הונט! גיט אַ קוק

אפ דער פאָרם פון די פיס... ניין, איר מעגט א קוק טאָן א דינקייט... אין לאָנדאָן קריגט איר ניט אזא פאָ־ ראָדע... נעכטן גיי איך איבערן גאס, איך באמערק, אן אויסלענדער שטייט, ווי פארקישעפט, און קאָן די אויגן פון הונט ניט אָפרייסן.

לאנג און אָן א סאָף וועט ער לויבן די דינע פיס און אזוי, מיטן זעלביקן טאָן, ווי ס'וואָלט זיך נאָך אלץ געהאנדלט וועגן הונטס דינע איידעלע פיס, פארענדיקן:

— זאָגט אייערע יידן, אויב זיי ווילן מיך האָבן פאר א שוטעף אין אַרטעל, דארפן זיי מיר גיבן גאראנטיעס, עטלעכע וועקסלעך פון די מיטגלידער. איך פאָדער ניט קיינע פראָצענטן... אָרעמע יידן ווילן זיך צושלאָגן צו פארנאָסע, צו א געשעפט, בין איך גרייט צו העלפן, אָבער געלט פאָדערט גאראנטיעס, דריי טויזנט רובל טראָג איך אריין פונאָנהויב...

ראבינאָוויטשן איז שווער צו זיצן ווייטער אין טיפן לעדערנעם פאָטעל, באָיארסקיס ווערטער לייגן זיך אָן שווער, ווי לאָפּעטעס זאמד אף אן אָט ערשט אויסגע־ גראָבענעם קייווער. ראבינאוויטש גייט צו צום גרויסן שרייבטיש און הייבט אָן זוכן די פאפיראָסן...

באָיארסקי זיצט אף דער ווייכער קאנאפע, באם הונטס דינע פיס און קוקט אופמערקזאם אף ראבינאָוויטשעס באוועגונגען:

אָט זעט ער, ווי ראבינאָוויטש שארט עטלעכע מאָל איבער די קעשענעס, זוכט דאָרט די פאפיראָסן און

שוועבעלעך. ביידע זאַכן ליגן אויפן טיש, פאַר זײַנע אויגן, איז שטאַרק קאָמיש צו קוקן פונדערווײַטן, ווי אַ מענטש מאַכט אַן אַ צאָל איבעריקע באַוועגונגען.

אַראָן וויגדאָראָוויטש איז הײַנט אין אַ גוטער שטימונג. אים פאַרווײַלט אַפילו ראַבינאָוויטשעס אויפגערעגטקייט, זײַן אומגעלומפּערט אומלויפן אַרום טיש און די אָפּגעריסענע פראַזעס:

— איר פאַרשטייט, הער באַיאַרסקי, מיר נעמען אײַך אַרײַן אין אַרטעל, ווי אַ גלײַכן מיטגליד.

— ערשטנס, כאָטש באַיאַרסקי — פאַרריכט ער אים געלאַסן — דאָס, וואָס איר נעמט מיך אַרײַן אין אַרטעל, און נאָך ווי אַ גלײַכן מיטגליד, איז זייער שיין פון אײַער זײַט. זייער שיין... אָבער קעדיי צו ווערן אַ מיטגליד פון אײַער אַרטעל איז געגנוג אַ פּײַ פון 30, נו, 50 רובל, און איך טראָג אַרײַן 3 טויזנט. ס'איז אַ נאָפּקעמינע... אַ?

— אָבער איר זײַט דאָך אַ... אַ... אַ... אַ...

באַיאַרסקי שטייט אויף מיטאַמאָל פון קאַנאַפּע, ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן. די ווערטער פון זײַנע דיקע ליפּן פאַלן איצט טרוקן און מיט אַסאַך באַהאַלטענעם כּעס:

— איך בין ניט קיין אַ... אַ... אַ,.. נאָר אַן אָרגאַניזאַטאָר פון עם פּריוואַטן סעקטאָר אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. פאַרשטאַנען?! וואַרפט אַוועק אַלע באָבעמײַסעס, אַז איך בין אַ ספּעקולאַנט... אַ נעפּמאַן...

וואַרפֿט אַוועק! ס'איז ניט דאָס נײַנצעטע יאָר. איצט וועט איר קיינעם מיט אַזוינע ווערטער ניט דערשרעקן. איך בין אַ לעגאַליזירטער מיטגליד פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

ראַבינאָוויטש פֿאַרשטייט ניט, צי באָיאַרסקי רעדט ערנסט, צי ער כוזעקט. ער דערלאַנגט זיך אַ שאַרפֿן קער, גייט צו נאָענט צו באָיאַרסקין און רעדט צו גיך, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז דער געדאַנק וועט פֿון אים אַנטלויפֿן.

— איר ווייסט וואָס, לײַט אונדז די דרײַ טויזנט רובל אויף פּראָצענט און טרעט ניט אַרײַן אין אַרטעל...

באָיאַרסקי לאַכט זיך הויך פֿאַנאַנדער, זײַן פֿולע ברוסט, ווי בײַ אַ פֿרוי, איז באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן וואַלד האָר, און לאַכט מיט:

— איר זײַט נאַיִוו. נאַ־יִוו. איר מיינט, אַז באָיאַרסקי האָט ניט וווּ אַרויסוואַרפֿן דרײַ טויזנט קערבלעך... געלט אויף פּראָצענט גיט מען אַ באַנק, געשעפֿט־מענטשן, אַקציאָנער־געזעלשאַפֿטן... אין אַרטעל טרעט איך אַרײַן ווי אַ מיטגליד, גיב 3000 רובל, נעם וועקסלען און הייס אַ פֿויער... איך צווינג אייך ניט גיין אויף מײַנע באַדינגונגען. אויב דער סאָוועטישער באַנק וועט אייך לײַען געלט, נעמט, נעמט. אַזוי טאַקע גיט איבער אײַערע כאַווײרים; אַראָן וויגדאָראָוויטש אייצעט אייך נעמען געלט אין סאָוועטישן באַנק... אויף הײַנט האָבן מיר דעם שמועס פֿאַרענדיקט...

ראַבינאָוויטש איז אַ פּאָשעטער מענטש. ראַבינאָוויטש פאַרשטייט ניט, אַז באַיאַרסקי הייסט אים אוועקגיין. ער שטייט אינמיטן צימער אַ בייזער און אָנגעכמורעטער, קוקט פאַרביי באָיאַרסקין אויף די צוויי שווערע מעטאַלענע טינטערס אויפן טיש.

— איר ווילט ניט פאַרשטיין, אַז אין אַרטעל זיינען אַלע מיטגלידער גלייך, און דאָ וועט זיך שאַפן אַ פּלאָנטעריש, — פון איין זייט, זייט איר אַ פּאָשעטער פועלער, גלייך מיט אונדז; פון דער צווייטער זייט, — האָט איר אויפן אַרטעל וועקסלען און קאָנט יעדן טאָג קאָנפיסקירן די ווירטשאַפט.

באַיאַרסקי איז מיד פון שמועס. באַיאַרסקיס פולער גוף וויל פּאָשעט אָפּרוען, זיך אויסציִען אויף דער קאַנאַפּע נעבן הונט, פאַרציִען אַ גוטע ציגאַר און קוקן, ווי דער רויך שלענגלט זיך רינגענווייז, פּאַסנווייז צו דער בלאָער אויסגעצאַצקעטער סטעליע. ער ענטפערט אַפּאַטיש:

— איך בין, פון איין זייט, כאָוער באָיאַרסקי... און פון דער צווייטער זייט—כאָוער באָיאַרסקי, און פון אַלע זייטן — אַ ייִד, וואָס וויל טאָן אַ טויווע שטעטלדיקע אַרעמעלייט... צום באַדויערן, האָט איר מיך שלעכט פאַרשטאַנען... באַטראַכט זיך און גיט מיר מאָרגן אַן ענטפער...

4. צוואַנציק מינוט גאַנג פון אַ טראַמוויי

ווען ראַבינאַוויטש קומט אַריין אין איינפאָרהויז, איז שוין אָנהויב נאַכט. די אַרטעלניקעס זיצן אין די ווינקעלעך און שווייגן.

ס'ברענט א פינפונצוואנציקער עלעקטריש לעמפל. דאס לעמפל איז פארקאַוועט אין אן אײַזערנער דראָטענער סעטקע, ווײַל מע גאנוועט עס אָפּט.

דאס לעמפל האט ניט קיין קויעך באלויכטן אזא גרויסן קעלער, איז פארוועבט דער קעלער אין טונקעלע שאָטנס. בא דער סטעליע האט זיך אָנגעקליבן זייער פיל מאַכאָרקע־רויך, הענגט דער רויך איבער די קעפּ פון די שטעטלדיקע יידן, ווי געדיכטע שווערע וואָלקנס פאר א רעגן.

קיינער האט קיין כיישעק ניט עפענען דאס מויל און פרעגן בא ראבינאָוויטשן נײַס. ס'וווּנדערט נאָר, וואס ראַבינאָוויטש איז שטארק אופגעלעבט, שפרינגט ארום איבער די ווינקלען, פּאַטשט אלעמען אין די פּלייצעס און כאַזערט איבער איינע און דיזעלבע פראַזע:

— געפונען! געפונען! מארגן גייען מיר אָנקוקן די אימעניע, שטעלט בראנפן און לעקעך!...

פון ווינקל הייבט זיך אוף קאהאנאוו, גייט צו מיט אופגערעגטע טריט צו ראבינאוויטשן, שטעלט אָפּ זײַן פריילעכן ארומטאנצן:

— ענטפער, דו זאגסט עמעס, אָדער דו הייבסט באַם אוילעם די שטימונג?...

זיי שטייען א ווײַלע איינער קעגן צווייטן.ביידע זײַנען זיי איין הייך, איין ברייט, נאָר בא איינעם לאַכן די גרויסע אויגן פון איבערגעפולטער פרייד, און באַם צווייטן זײַנען די אויגן נאך אלץ בייז, זיצן טיף און־

טער די בּרעמען, קוקן פונדאָרט ארויס מיט אסאך אומצוטרוי.

— ענטפער, דו הייבסט די שטימונג און זאגסט א ליגן...

בּא קאהאנאָוונ ווערן די אויגן פארלאָפן מיט בּלוט און דאס הארץ קלאפּט צו האסטיק. ער דערפילט, אז ער וועט באלד אָפּטאָן א גרויסע נארישקייט, אז מע דארף וואס גיכער ארויסגיין פון קעלער.

ראבינאוויטש דעריאָגט אים בּאם סאמע טיר:

— שטיי, יאָלעפּ. יידן, אונדזער העלדישער בודיאָנע־וועץ איז פון זינען אראָפּ!.. שטיי, זאגט מען דיר.

ראבינאוויטש שטופּט אים צוריק אין קעלער, שלעפּט ארויס פון קעשענע א גרויסן בויגן פּאפּיר. אפן בויגן פּאפּיר שלענגלט זיך איין גלייכע ליניע, האקט זיך אי־בּער מיט א ראָד, הייבּט זיך ווידער אָן און רייסט זיך גלייך אָפּ.

— אָט זעסט, דא איז דער פּארק, דא שטעלט זיך אָפּ דער טראמוויי, וויי טער גייט ער ניט, דער טראמ־וויי. ביזן טויער ציט זיך א גלייכער וועג מיטן שאָסיי, א מינוט צען גאנג. פון שאָסיי דארף מען זיך פארנע־מען לינקס, פארבּיי א שיטער וועלדל, דאָרט געפינט זיך די אימעניע.

בּא קאהאנאוונ ווערן גרעסער די אויגן. אזא טעווע האבּן זיי שוין. צייטנווייז זיינען זיי זייער קליינינקע, שארפע, ווי בּא א מייזעלע, און צייטנווייז ווערן זיי

גרויסע, דאַנ צעשפּרייטנ זיכ די שוואַרצאַפּלענ, דערלאַנ־געג ביז די געדיכטע לאַנגע ווייעס.

ער קוקט איצט מיט גרויסגעוואָרענע אויגנ אינ ווייסנ בויגנ פּאַפּיר אונ איילט ראַבּינאָוויטשנ:

— ווייטער, ווייטער דערציילּ.

אזוי מוז פיבערנ אנ איבערגעגעבענער קאָמאַנדיר,

— ווענ ער דערוויסט זיכ, אַ ס'איז נאָכ דאָ זייער אַ נויטיקע ליידיקע פּאָזיציע, וווהינ מע מוז גלייכ איבערוואַרפנ אַ פרייענ טײל מיליטער.

אונ ראַבּינאָוויטש האָט צייט. ראַבּינאָוויטש שלעפּט אַרויס פונ קעשענע אַ פּעקעלע מאַכאָרקע, רייסט אָפּ אַ שטיק פונ אנ אלטער צייטונג, פאַרדרייט אַ גרויסנ גראָבנ פּאַפּיראָס, ווי ער וואָלט אימ זיכ קלייבנ רויכערנ אַ גאַנצע שאָ, אונ פאַרענדיקנ געלאַסנ:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידנ. ערד פּוסטעוועט. פּופּציק זיבנ דעסיאַטינ ערד מיט עטלעכע געביידעס, אַ שטאַל פאַר קי. קיינ באַלעבאָס איז ניטאָ. דער באַלע־באָס איז אַ געוועזענער פּאָרעץ. שוינ לאַנג אנטלאָפנ. איצט באַלעבאַטעוועט דאָרט זײנ געוועזענער קאָרעוו. אַ כורבנ, ניט קיינ ווירטשאַפט. אייג בעהיימע, וועלכע האָלט באַמ פּייגערנ; אַ פערד, וועלכס מע האָט שוינ געדאַרפט געבנ פּענסיע פונ סאָוובעז, אונ אַ צעבראָכענער אַקער־אייזנ. מער איז דאָרט גאָרנישט ניטאָ. די ערד איז שוינ צוויי יאָר ניט פאַרזייט, אונ שטייערנ האָט מענ אָפּ אימ אַרופגעלייגט די עמעסע, וויל ער אנטלויפנ, פּאָטער וועלנ,

נאָך יעדער נײַער פּראַזע האָט זיך אַ מענטש פֿון זײַן ווינקל אין טונקלעניש אַרויסגערוקט, און ווען ראַ־בינאָוויטש האָט געענדיקט ריידן, זײַנען שוין אַלע פֿינף מיטגלידער געשטאַנען אַרום אים, געקוקט, ווי בײַ ראַבינאָוויטשן באַוועגט זיך פֿריילעך דער פּירקאַנ־טיקער רײַנגעגאָלטער קין און די אויגן שמייכלען פֿריי־לעך און זיגעריש.

עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעכאַזערט איינע און דיזעלביקע מײַסע, עטלעכע מאָל האָט ער גענוי דערציילט, ווי ער האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעשלעפּט הינטער כאַר־קאָוו, אויסגעגאַנגען און אויסגעפּאָרן די גאַנצע אומ־געגנט, ביזוואַנען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָף דער פֿאַר־לאָזענער פּריצישער ווירטשאַפֿט...

די שטעטלדיקע יידן זײַנען געשטאַנען אין אַן ענגער קופּקע, קאָפּ צו קאָפּ, און אַ פֿאַרלאַנג איז בײַ אַלעמען געווען נאָך נעענטער זיך צורוקן איינער צום אַנדערן, און אַלע איינעם—צו ראַבינאָוויטשן.

אַלעמאָל, ווען ראַבינאָוויטש פֿלעגט ענדיקן דערציילן, איז אין צימער געוואָרן טומלדיק, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אַז אין דער שטילקייט וועט צערינען זײַנע ווערטער.

דיזעלביקע מענטשן, וואָס זײַנען מיט איין שאָ פֿריער געלעגן שווײַגעדיקע און פֿאַרפֿרעמדטע, יעדערער פֿאַרזונקען אין די אייגענע שווערע מאַכשאָוועס,— זײַנען איצט געוואָרן שטאַרק האָפֿערדיק און בארײדעוודיק, געשאָטן אָף ראַבי־נאָוויטשן אַלץ נײַע פֿעק פֿראַגעס. און ראַבינאָוויטש האָט

זיך דערמאָנט זייער פיל דורכגעלאָזטע איינצלהייטן און ווידער־אַמאָל פאַרענדיקט מיט דער פאַרלאָזענער פּריצישער ווירטשאַפט, וואָס ליגט הינטערן פּאַרק, צוואַנציק מינוט גאַנג פון אַ טראַמוויי...

5. באַדערנאַכט, צו דער ערד

ווייטער זיצן אין טונקעלן קעלער פון אַרייַנפאָרהויז האָבן די שטעטלדיקע יידן ניט געקאָנט. גאָר ניט ווייט, עטלעכע וויאָרסטן פונדאַנען איז געלעגן פאַרשפּרייט „זייער" ערד.

קיינער האָט דעם פּלאַן, פון גיין באַנאַכט צו דער ווירטשאַפט, ניט אָנגעגעבן. ס'איז גענוג געווען, אַז קאַהאַנאָוו זאָל פאַרבייַגייענדיק אַרויסזאָגן:

— כאַווערים, מאָרגן פאַרטאָג דאַרף מען זייַן אויף אונדזער ערד!... מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן.

— און עפּשער וואָלט מען גלייַך, ווי מיר שטייען און גייען, אַוועקגעשפּאַנט צו דער נאַכלע, דאָרט אין פעלד איבערגענעכטיקט און טאַקע פאַרטאָג מיטן האָנענקריי זייַן באַ אים.

דער אַלטער מענאַשע איז געווען אַ גרויסער לעץ, און האָט נאָך באַ זיך אַליין ניט באַשטימט, צי ער זאָגט עס אין שפּאַס, צי ערנסט... דערפאַר האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, ווען קאַהאַנאָוו האָט אים אַ געזונטן פּאַטש געגעבן אין פּלייצע.

— מענאַשע, איינמאָל אין דײַן לעבן האָסטו געזאָגט א גלײַכע זאַך, הײַדאַ, אוועקגעגאנגען.

מער האָט מען ניט גערעדט.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן שוין די זעקס שטעטל־דיקע יידן געשפּאַנט גיך און באַשעפטיקט; מיט זייער שווערע, צעריסענע שטיוואַליעס, מיט זייער הויך־יידיש־ריידן ארויסגערופן נײַגער בא די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך.

די גאַס האָט געברענט מיט קראַנקע, אופגערעגטע פײַערן. די נײַגעעפנטע קראָמען האָבן זיך ארײַנגעשניטן א נדרויסן מיט ש יקער וורשט, ווײַסע כאַלע, געוויאָנדעל־טע הערינג, געראוכערטע פישן, פעטע ליטקעס כאַזער. פון פארבאָרגענע טיפענישן האָט ארויסגעשפּארט א גרויסע שעפע עסנווארג, זיך אָנגעוואלגערט, אָנגעהויקערט אין די ליכטיקע פענצטער פון די באַקאַליי־קראָמען, אָט־אָט וועלן די פענצטער־שויבן ניט אויסהאַלטן, פאַנאַנדערפּלאַצן און איבער די ברוקשטיינער וועלן אוועקמארשירן אָפּגע־שונדענע, פעטע כאַזיירים, מיט ארויפגעהאַקטע קעפּ, פארוויקלט אין שטיקער זײַד און טול...

די זעקס קליינשטעטלדיקע יידן האָבן געזען, ווי זייערע שכיינים און פרײַנט קלאַמערן זיך ווידער אײַן אין די שפּאַלטן פון די שטיינערנע ווענט, טראָגן זיך ווידער אַרום איבער די שטעט און באַנען, שלעפן סכוי־רעס איבער נײַ־געבוירענע מערק, — און אַן אומרו האָט זיי אַרומגעכאַפּט :

עפשער?... עפשער זיך אומקערן צום מאַרק ?

הויכ האָט מען עס ניט אַרויסגערעדט. אַלע האָבן געדענקט, ווי אַרויספּאַרנדיק פונעם שטעטל, מיט עטלעכע זעקלעך מעל אַפּ ברויט און לעצטן געלט פאַר פאַרקויפטע, שטוביקע כפייצים האָט מען זיכ פאַרזאָגט — פאַרענדיקן אפּ אַלעמאָל פאַרענדיקן...

און דאָכ זײַנען אַלע געווען שטאַרק צופרידן, ווען שוין זיצנדיק אין ליידיקן ליכטיקן טראַמוויי, האָט דער אַלטער מענאַשע איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ היימישן מאָשל:

— איכ געדענק, ווען איכ בין נאָכ אַ קינד געווען פלעגט די מאַמע ערעוו־פּייסעכ אָנקויפן אַסאַך גענדז, — דאַרע גאָנערס, הויט און ביינער. אַ גאַנצ כוידעש איז אין שטוב קיין לעבן ניט געווען, ווו אַן איבעריקער ביסן, אַ שטיקל ברויט, האָבער, א גערשט — אַלצ אַרײַן־געשטאָפּט אין די גענדז...

פון די אייגענע קינדער געשפּאָרט, דעם לעצטן ביסן פון מויל אַרויסגעריסן און אין די גענדז געשטאָפּט, אַלצ געוואָלט, זיי זאָלן פעטער ווערן... איז ווי מיינט איר, יידן, די מאַמע האָט טאַקע די גענדז מער האָלט געהאַט, ווי די אייגענע קינדער???

מענאַשע הערט אוף דערציילן, באַקוקט דאָס בינטל כאַווײרים מיט כיטרע שמייכלענדיקע אויגן, גלעט צופרידן זיין גראָ בערדל און וואַרט.

— צוליב וואָס דערציילט איר דאָס? — איז עמעצער נײַגעריק.
מענאַשע ווערט נאָכמער אופגעלייגט, די פראַגע איז

פּונקט אַזאַ, ווי ער דאַרף האָבן, קעדיי אויסצופירן דעם נימשל:

— איך דערצייל עס צום נייעם נעפּ... מע רייסט אָפּ באַ די אַרבעטער דעם ביסן און מע שטאָפּט אריין אין נעפּ, ער זאָל באַקומען מער פעטס, שמאַלץ. צוליב וואָס, אַשטייגער, טוט מען עס? ווייל די באָלשעוויקעס האבן טאַקע האָלט די נעפּמאַנס?.. נעכטיקע טעג. דאָס גרייט מען זיי צו דער שכיטע, ווי מיין מאַמע אָלאָעהאַשאָלעם. מע וויל, זיי זאָלן נאָך דער שכיטע געבן מער שמאלץ, און זיי—די נאַראָנים—פאַרשטייען עס ניט...

און טשיקאַווע: די נאַיווע היימישע מייסע באַרויִקט און איבערצייגט. און דיזעלביקע מענטשן, וואָס האָבן אָט ערשט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר די רייען ליכטיִקע, שרייענדיקע קראָמען, וויצלען זיך און מאַכן כויזעק פון די ערעוופּייסעכדיקע גענדז, וואָס מע גרייט צו דער שכיטע...

דער טראַמוויי מאכט דעם לעצטן רונד און בלייבט אָפּ א ווײַלע שטיין באַם ארײַנגאַנג אין פּאַרק, גרייט פאָרן צוריק אין דער נאכטיקער שטאָט.

6. א פײַערל

באַטאָג, ווען דער הימל איז לויטער־בלוי און פאַר־צויגן מיט שמאָלינקע פּאַסיקלעך זון, שטייט יעדער בוים באַזונדער און אָפּגעטיילט, און נאָר א שטאַרקער ווינט לאָן זייערע שמאָלע שפּיציקע קעפּ צובייגן און מאַכן צאָענט.

באַטאָג האָט יעדער בוים זײַן הייך, זײַן ברייט און באַזונדערן אויסזען.

אָבער נאָך צוועלף באַנאַכט, ווען דער הימל איז פינצטער און אָן איין שטערן, רוקט זיך אָן דער אַלטער פּאַרק ביימער, ווי איין גרויסע שטיק שוואַרצקייט, — אַ געדיכטע און דורכזיכטיקע.

זעקס מענטשן גייען איבערן צעגראָבענעם טראַקט, זוכן מיט ברייט-צעעפנטע אויגן אַ שײַן פון ליכט, פון איין זײַט באַגלייט זיי אַ געדיכטע שוואַרצקייט פון נאַכטיקן פּאַרק, פון דער צווייטער זײַט — אַ הוילע ניט-באַלעבטע געגנט.

ווען זיי הייבן אָן שרעקן די פינצטערקייט און הוילקייט אַרום, דרייען זיי אויס די קעפּ, דערזעען, אַז גאָר ניט ווײַט איז דער הימל באַלויכטן פון שטאָטישע פײַערן, און שפּאַנען ווײַטער.

ראַבינאָוויטש גייט פאָרויס. ראַבינאָוויטש ווייסט שוין דאָ דעם וועג. די זעקס מענטשן גייען אַראָפּ פון ברייטן צעגראָבענעם טראַקט און פּאַרקערעווען צום הוילן סטעפּ.

אין סטעפּ דערפילן זיי, אַז דער זומער איז שוין אַוועק און ס׳קומען אָן נעכט קאַלטע, פינצטערע און לאַנגע. אַז גאָר גיך וועט זיך דער הימל אין גאַנצע טעג פאַרציִען מיט געדיכטע כמאַרעס וואָלקנס, גיסן אָן אויפהער אין דעם הוילן סטעפּ האַרבסטיקע געלקייט און בלאָטע.

פון דער ווײַט, צווישן ביימלעך פינקלט אַן איינזאַם פײַערל, באַווײַזט זיך און פאַרשווינדט. די זעקס מענטשן

בלײַבן שטײן און זוכן אָנגעשטרענגט דאָס פֿארלוירן פּײַערל. גאָר גיך געפֿינען זײ עס און מער פֿארשווינדט עס ניט.

ראבינאָוויטש פֿארטרויט אינדערשטיל, ווי עמעצער קאָן אים דאָ, אין פּוסטן פֿעלד דערהערן:

— אָט דאָרט, וווּ ס׳ברענט דאָס פּײַערל, וווינט דער באַלעבאָס. אָבער אזוי שפּעט דארף מען צו אים ניט גײן. ער וועט זיך אָנהויבן איבערנעמען און בעטן אינצווײען טײַערער פֿאר דער נאכלעג. אָט דאָ אין וועלדל וועלן מיר איבערנעכטיקן.

ראבינאָוויטש רעדט זײער שטיל. זײַנע ווערטער קלינגען אין דער נאכט־פֿינצטערניש, ווי א געהײמער באַפֿעל, און זײ אַלע דערמאנען שטארק אָן אן אויסשפּיר־טייל אין דער צײַט פֿון מילכאָמע.

מע ציט זיך אויס אָן ראַש אפֿן שיטערן גראָז, מע דעקט זיך צו מיט דער קילבלעכער נאכט. די קעפּ זײַנען באַ אַלעמען אויסגעדרייט צום ווײַטן שוואכן פּײַערל, קײנער שלאָפֿט ניט, מע ליגט שווײַגנדיק און מע טראכט וועגן דיר קאַלטער הארבסטיקער ערד, וועלכע באהאַלט אין איר טיף דעם סאָד פֿון זײער מאָרגנדיקן טאָג...

7. א הונט, א נעפּעש אין הויזן מיט אָפּגעטרענטע לאַמפּאַסן

טרעפֿט אמאָל, אז אין טיפֿן הארבסט, צווישן לאנגע רעגנדיקע טעג רײַסט זיך אַרײַן א לויטערער, קלאָרער פֿרימאָרגן מיט אסאך זון און ווארעמקײט.

דאַן ווערן די נאסע אָפּגעוועלקטע בלעטער אָנגעגאָסן מיט א ברוינעם בראָנדז, פאלן פון די האַרבסטיקע ביי־מער מיט א טרוקענעם זינגעוודיקן קלאנג, לייגן זיך אויס אף דער הוילער ערד, ווי לעצטע גרוסן פון א פארגאנגענעם זומער.

די זעקס שטעטלדיקע יידן האָבן אפילע אין די יונגע יאָרן קיין ראָמאנען ניט געלייענט, און באמערקן ניט דאָס פאלן פון די בלעטער.

זיי ציִען פויל די פארקאלייעטע ביינער, רייַבן די פארשלאָפענע אויגן און הייבן זיך אָן ארומקוקן.

דאָס ערשטע, וואָס זיי באמערקן, איז דער הויכער בארג מיט די עטלעכע צעוואָרפענע געביַידעס און צוויי נידעריקע סקירדעס ברויט.

— אויב דער וועטער וועט אזוי האלטן עטלעכע טעג, וועט מען זיך קאָנען שטעלן דרעשן. דאָס ברויט ווערט פארפוילט...

ראבינאָוויטש רעדט געלאַסן און באלעבאטיש, פונקט ווי די נאכלע מיט די צוויי נידעריקע סקירדעס ברויט גע־הערן שוין צו זיי.

קיינער ענטפערט גאָרנישט.

גאָר נאָענט כאפט זיך אוף די גרויסע טומלדיקע שטאָט צו דער ארבעט. עס דערטראָגט זיך אהער א ראש פון ערשטע איַילנדיקע טראמוויַיען, א געשריי פון זאוואָד־סירענעס, א געקלאפּ פון העק אפן דערבייַיקן אעראָדראָם.

דאָס הייַפל מענטשן לאָזט זיך אראָפּ פון בארג, גייט דורך דעם טאָל און הייבט זיך ווידער אוף אף א שפּי־

ציקן בארג, ווו ס׳געפינט זיך די נאכלע. זיי באמערקן, אז די געגנט דאָ איז זייער ענלעך אפ אן אלט פאר־וואקסן קעמל, און דער צוגאנג צו דער נאכלע איז א שווערער און שטארק ניטבאַקוועמער.

אין טאָל האָט די נעכטיקע זון ניט באוויזן אויס־טריקענען די בלאָטע, זינקען די פיס ביז די קני; פארלירט מען די שטיוול, שלעפט מען זיך פאר די הענט ארויס.

אפן בארג איז טרוקן. אפן בארג סקריפען די געלע בלעטער, ווי אן ערשטער דינער אייז.

אין דער נאכלע שלאָפט מען נאָך.

אן איינזאמער הונט שטייט א נמיטן הויף, באגעגנט די פרעמדע געסט.

דער הונט איז שטארק אלט און אָפּגעלאָזן. די לאנגע אויערן הענגען אראָפּ, ווי צוגעקלעפטע, די אויגן זיינען בלינדעוואטע, און דער רוקן איז אויסגעדארט, באווייזט אלע ביינער, אפ די נידער קע אויסגעקרימטע פיס הענגען שטי־קער פארטריקנטע בלאָטע, קאָנטיק, אז מע האָט אים שוין לאנג ניט געוואשן, און די בלאָטע איז אריין אין דער פעל און זיך צונויפגעוואקסן מיטן לייב.

דער הונט פוילט זיך בילן... ער באשמעקט אפאטיש די געקומענע, דערלאנגט א פּאָר מידע דריי מיטן עק, און ווען ער איבערצייגט זיך, אז מיט עסן שמעקט עס ניט, לויפט ער אוועק צו איינעם א גאניק און הייבט אָן מיט א הייזעריקן וואָרטשען וועקן דעם באלעבאָס.

עס עפנט זיך א טיר און אפן גאניק בלייבט שטיין

א נעפּעש, וואָס דערמאַנט שטארק א פּאטריאָטיש בילדל פון די מילכאָמע־יאָרן.

א פּאָר גרינע געוואנטענע הויזן, אפּ וועלכע עס זײַנען פארבליבן סימאָנים פון אראָפּגעטרענטע דויטע לאמפּאסן. די הויזן זײַנען פארוקט אינ בלאנקע לאקירטע כאָליעוקע־לעכ. אפּנ קאָפּ טראָגט דער נעפּעש א היטל מיט א גרינעם אָקאָלעש אונ בלאנקענדיקנ דאשעק. דער נעפּעש באקוקט מיט קליינע פארשיקערטע אויגעלעכ דאָס בינטל מענטשנ, דרייט ניט געײַלט די דינע וואָנצעס אונ כיכיקעט שלעכט:

— גוט מאָרגנ, פּאנעס... גוט מאָרגנ, ביטע, באקוקט דעם הויפּ, די שטאָל, די ערד, דאָס ברויט, דאָס פערד... שעמט זיכ ניט — זײַט ווי בא זיכ אינ בערדיטשעוו... כע־כע־כע־כע. אָנגעגרייט פאר אייכ, ווי אנדערש... נעבעכ געמאכט אפּ אייכ פּאָגראָמענ, ניט געלאָזט אייכ וווינענ אינ מאָסקווע, אינ פּעטערבורג, אינ כארקאָוו... איצט, ביטע, ווערט איר די פּאנעס... א נאכלע ניט קיינ שלעכ־טע, אביסל אנ אָפּגעלאָזענע, אָבער דערפאר נאָענט צו דער שטאָט... מע קאָנ דאָ מאכנ ניט קיינ שלעכטע געשעפטנ. לעמאָשל, עפענענ א מילכיקס־זאוואָד. אינ געלט וועט דאָכ קיינ אָפּהאלט ניט זײַנ. מע זאָגט, אז יידנ האָבנ איצט קרעדיט בא דער מעלוכע...

ער גייט גיכ אראָפּ פונ די טרעפּלעכ, קוקט זיכ פאָר־וויכטיק ארום אונ די שטימ ווערט הייזעריק אונ סוידעסדיק:

— איר פארשטייט, איכ בינ דאָ א זײַטיקער מענטש. פריער האָב איכ זיכ געדרייט ארום דער אימעניע...

איצט בין איך אין אָטסטאווקע... נאָר אַלע זײַנען מענ־
טשן — יידן, פראַוואָסלאַוונע, אפילע טאָטערן, ווי זאָגט
קאַרל מארקס — פּראָלעטארי ווסיך סטרין. . כע־כע־כע —
אָן, אין יענעם מויער איז פאר דער מילכאָמע געווען
א הייליקער זאוואָד. מאָנאכן האָבן דאָ געמאכט ליכט פאר
גאנץ אוקראינע. פון אַלע דערפער פלעגן די קלויסטערס־
סטאראָסטעס קומען קויפן אהער ליכט. אכציק מאָנאכן
האָבן דאָ געארבעט. מע האָט זיי ארויסגעטריבן פונדאַ־
נען. איצט זײַנען די קריסטלעכע קלויסטערס געבליבן אָן
ליכט פאר די הייליקע יאָנטויווים. אן אוולע! איך גלויב
ניט אין גאָט, איך גלויב אין בראָנפן, אָבער די ארומי־
קע דערפער זײַנען שטארק אופגערעגט, זיי האָבן שוין
עטלעכע מאָל געוואָלט אונטערצינדן די אימעניע...—פעאָ־
דאָסי איוואנאָוויטש האָט זיך אָפּגעבעטן. ער האָט זיי געזאָגט:
„נאראָנים, ווער בין איך? — א פּראַוואָסלאַוונער, ווער
זײַט איר? — פּראַוואָסלאַוונע. נו, גלײַך ווי ס'וועלן קומען
אונדזעריקע, גיב איך אָפּ דעם זאוואָד צוריק די מאָנאכן...
איך בין געשטעלט פון גאָט אַליין אָפּהיטן זײַן אייגנס".
— אָט אן אַלטער מאשעניק. ס'האָט געהאָלפן. די פּוי־
ערים האָבן זיך בארויִקט און ניט אונטערגעצונדן. אָבער
אייך וועלן זיי אונטערצינדן. דאָס איז זיכער, פּונקט ווי
איך — גאַוורילקי ערנאָסטיניוויטש — רייד מיט אייך... פאר־
שטאנען?... איך בין דאָ א זײַטיקער מענטש. בא מיר
איז אַלציינס — א ייד, א קריסט, א טאָטער. אָבער יידן
דארפן זיין קאָמיסארן, ארבעטן אין דער קאָאָפּעראציע.

קריכן צו ערד איז פאר זיי א ריזיקע, א גרויסע ריזיקע...

ער גייט אוועק מיט א ברייטן שיקערלעכן שפאן, לאָזט איבער הינטער זיך שרעק און אומרו. דער גרויסער פאַנאנדערגעוואָרפענער הויף כאפט זיך אויף אין אלע פיר עקן מיטאמאָל. עטלעכע מענטשן באווייזן זיך אין פארשיידענע ווינקלען.

א פארשלאָפענער אָנטרייבער הייבט אָן שפאנען דאָס פערד, דער גאנצער געשפאן ליגט פאנאנדערגעוואָרפן אין פארשיידענע ערטער. ער טראָגט אים פאמעלעך צונויף אין איין אָרט.

דעם ארענדאטערס ווייב גייט מיט באָרוועסע פיס אין שטאל, זי גייט פארביי דעם בינטל יידן אָן אָנגעכמורעטע און בייזע, קוקט ניט אין זייער זייט...

— וואָס וועלן מיר דאָ אויסשטיין, — רייסט איבער ראבינאָוויטש די שטילקייט — מאלע וואָס א שיקער פלוידערט, קומט צום ארענדאטער.

באם ארענדאטער אין שטוב איז געווען ענג און אָנגעוואָרפן. אין ערשטן צימער, אף דר'ערד איז געזעסן א בלאָנדהאָריק פארמורזשעט יאטל און זיך געשפילט מיט א גראמאפאָן - פלאסטינקע. ער האָט געפירט מיט א דינ טשוועקל איבער די רונדן פון דער פלאסטינקע און מיט א קינדערש קעלעכל געזונגען אן איינגעגעסענעם גראמאָפאָן - ניגון.

דער טאטע זיינער, אויך א בלאָנדהאָריקער און מעשונע-אויסגעוואקסענער, האָט זיך ארומגעדרייט אין צווייטן

צימער, געפּאַקט און געבונדן שווערע פּעק זאַכן און מיט א קיוון געלאָזן שטיין די אַרײַנגעקומענע זעקס מענטשן בא דער טיר.

לאַנג שטייען זיי שווײַגנדיקע, ביזוואַנען קאַהאַ־נאָוו האַלט ניט אויס, רוקט זיך אַרויס פון בינטל שווײַ־גנדיקע כאַווײרים און רעדט צו־הויך, פּונקט ווי ער וואָלט עמעצן ראַפּאָרטירט:

— מיר זײַנען געקומען איבערנעמען די אימעניע, מיר וועלן נאָך הײַנט צוטרעטן צו דער אַרבעט.

דער אַרענדאַטער הערט אויף פּאַקן די שווערע זעק, זעצט זיך אַראָפּ א מידער אין שווערן פּאָטעל, וועלכער איז דאָ איבערגעבליבן פון אַמאָליקע צײַטן, באַקוקט נײַ־געריק די נײַע באַלעבאַטים און הייבט זיך אָן קלאָגן:

— אַזוי... אַזוי... ווילט איר ווערן פּויערים... איך האָב גאָרנישט קעגן, נאָר איר דאַרפט וויסן, אַז אַן אָנ־בעט איז דאָס א פאַרשאָלטענע... אַרבעטסט, אַרבעטסט... ווערסט אויסגעריסן און צום סאָף לייגט מען אָפּ דיר אַרופּ מעשוגענע שטײַערן... פּונקט ווי דו וואָלסט גע־ווען א פּאָרעץ... איך בין ביז דער רעוואָליוציע גע־ווען א געדונגענער אַרבעטער, געבאַטראַקעוועט און פאַר־שוואַרצט געוואָרן... גלויבט מען דיר ניט. ברענג זיי דאָקומענטן, אַז די אימעניע האָט צו דיר ביז דער רע־וואָליוציע ניט געהאַט קיין שײַכעס. וווּ זאָל איך נעמען דאָקומענטן? אַז דער פּאָרעץ איז אַנטלאָפן און אַלע זײַנען זיך פונדאַנען פאַנאַנדערגעקראָכן, ווו די אויגן טראָגן...

קאַנטיק, אַז ער האָט שוין די טײַנעס און די מײַסע עטלעכע מאָל דערציילט, ווײַל די ווערטער פליסן גלאַטיק־לײַכט און אָן אַ פאַרהאַלט.

וואָס לענגער ער רעדט, אַלץ מער הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז דער געוועזענער אַרענדאַר באַשטייט פון צוויי מענטשן; באַלד וועט ער אַראָפּוואַרפן פון זיך די ברייטע פאַר־שמאָלצענע הויזן, די וואַטעווונע בורקע, אַדורפציִען אַפּ די דיקע ליטקעס אַ פּאָר געקעסטלטע ענגלישע ספּאָרט־הויזן, אַפּ די ברייטע פּלייצעס — אַ קורצע שוואַרצע וויזיטקע, אַפּ די באָרוועסע פאַרברודיקטע פיס — אַ פּאָר נעמע־שטיוועלעך; די בלאָנדע צעקודלטע באָרד וועט ער פאַ־נאַנדערטרײַבן פון ביידע זײַטן קין, די וואָנצעס פאַרדרייען אַרויף און — דאַן איז מער ניטאָ קיין אָרעמער אַרענדאַר, וואָס האָט, נעבעך, געבאַטראַקעוועט. דאַן וועט שטיין פאַר זיי אַ שטרענגער פּאָרעץ מיט בייזע אויסגעלעבטע אויגן, וואָס כויזעקט און ווילט זיך...

דעם אַרענדאַר ווערט דערעסן ריידן און ער פאַרענדיקט שוין שטאַרק אַפּאַטיש:

— ווילט איר טאַקע איבערנעמען די נאַכלע?

— יאָ, מיר ווילן איבערנעמען, און נאָך הײַנט...

— און געלט האָט איר? איך מיין, די צען טויזנט רובל האָט איר מיט זיך געבראַכט. ווי איר זעט, איז באַ מיר שוין אַלץ פאַרפּאַקט... און אין מעשעך פון דרײַ שאָ גיב איך אייך איבער די נאַכלע און פאַרגעם זיך פונדאַנען... איר מיינט, איך לייג דאָס געלט

אין קעשענע... 5000 קאַרבן דאַרף איך אָפּגעבן דעם פינאַנצפטייל שטײַערן...

ער הייבט זיך פויל אויף פון שטול און נעמט זיך איבער־דאַסנײַ צו די שווערע פּעק זאַכן.

די זעקס מאַרגעדיקע פויערים שטייען נאָך אַ ווײַלע אינעם אָנגעוואָרפענעם צימער, וואַרטן ביז ראַבינאָוויטש זאָגט צו ביז האַלבן טאָג ברענגען דאָס געלט און גייען אַרויס אינדרויסן.

אינדרויסן האָט דער פאַרטאָגיקער הימל פאַנאַנדערגע־וויקלט אַ קרעפּטיקן סאָפּהאַרבסטיקן פרימאָרגן, א פרימאָרגן, וועמען ס׳האָט זיך אין דער לאַנגער האַרבסטיקער נאַכט געכאָלעמט דער פאַרגאַנגענער זומער.

יאָ, אינדרויסן איז זוניק און שטאַרק וואַרעם. אָבער די זעקס מענטשן באַמערקן אים ניט. זיי בלײַבן זיצן אויף א דערבײַיקן בענקל שווײַגנדיקע און פאַרטראַכטע.

דער ערשטער הייבט אָן ריידן ראַבינאָוויטש:

— איך בין נעכטן געווען בא באָיאַרסקין. ער האָט ווידער געלויבט די דינע פיס פון זײַן הונט.

— נעמט ער אײַן א מיסעמעשונע אינייִנעם מיט זיין יוירעש...

א מאָדנע זאַך, אַלעמאָל, ווען מענאַשע איז בייז, גייט זיין קורצע שטעכיקע באָרד אוועק אָן א זײַט, ווי זי־די באָרד, וויל ניט שטערן איר באַלעבאָס זיך קאַעסן. די אויגן קוקן אין אזוינע רעגעס אַראָפּ, צו די אייגע־נע שטיוול, און די הענט דרייען דאָס טוכענע היטל אַפּן

קאָפּ, פּונקט ווי דאָס היטל וואָלט זײַן שולדיק, וואָס ער דאַרף אָנקומען צו באָיאַרסקינ—נו, און געלט גיט ער, דער מענוואָל?

— ער פאָדערט וועקסלען. דרײַ טויזנט קערבלעך לײַט ער אויס.

— גוט, מיר גיבן אים וועקסלען.

— איך האָב אים צוגעזאָגט ניט נאָר וועקסלען, נאָר אפילו פּראָצענטן. ער זאָגט זיך אָפּ. ער וויל, מיר זאָלן אים פאַררעכענען פאַר א מיטגליד פון אונדזער קאָמונע.

— קאָנטיק, ער דאַרף עס האָבן נייטיק צוליב זײַנע פינצ־טערע געשעפטן.

— אין דער ערד מיטן קאָפּ — שרײַט בייז קאַהאַנאָוו — איך האָב זיך געשלאָגן אַף די פּראָצנטן ניט צוליב גיין אין איין שפּאַן מיטן פינצטערן ספּעקוליאַנט. אויב דו ווילסט אים האָבן אין דער קאָמונע, קאָנסטו מיר גלײַך אויסמעקן. קיין טאָג וויל איך מיט אים אינאיינעם ניט זײַן! איך בין גרייט אים געבן פּראָצענטן, וועקסלען, וואָס ער וויל, אָבער אַף דער ערד וועט זיין פוס ניט זײַן!

איצט וואַקסט אָן א קריג צווישן געוועזענעם בודיאָ־נעוועץ קאַהאַנאָוו מיטן אויסגערעכנטן קלוגן ראַבי־נאָוויטשן.

זיי שטייען ווידער איינער אנטקעגן צווייטן, ווי נעכטן אין קעלער, און פאַר אַלעמען ווערט קלאָר, אַז ביידע האָבן ביז בלוט שוין ליב באַקומען די ערד, די פאַ־נאַנדערגעפאַלענע געביידעס, די ברייטע פּוסטע פעל־

דער, אָבער דער וועג אַהער איז באַביידנ א פאַרשיידענער.

די פיר שטעטלדיקע יידנ וויסנ ניט, ווי בעסער איז. איינ זאכ איז פאַר זיי קלאָר:

מע דאַרפ האָבנ געלט אונ ווו צו נעמענ איז ניטאָ.

מענאשע איז דער עלצטער צווישנ זיי. מענאַשע האָט ערלעכ פערציק יאָר געדעקט שינדל־דעכער אפ שטעטל־דיקע נידעריקע הייַזער, אינ אַלע האָבנ פאר אימ דע־רעכערעצ.

אָבער מענאשע קאָנ ניט ארויסברענגענ זייַנע געדאַנ־קענ אָנ א מייַסע, אונ מע איז שוינ צו דעם געוווינט:

— איר פארשטייט, יידנ. אַמאָל איז נאָכ קיינ פאָטשט ווי איצט, לעמאָשל, ניט געווענ. בריוו אונ געלט פלעגט מענ איבערשיקנ מיט אנ ערלעכנ מענטשנ, מיט אַ בריוונ־טרעגער. גייט אַזוי דער בריוונטרעגער פונ זייַנ שטעטל אינ זשיטאָמיר אונ טראָגט מיט זיכ א גרויסע סומע געלט, אינ די טויזנטער. באגעגנט אימ א היימישער גאַזלענ אונ זאָגט מיטנ הארבנ וואָרט:

„מוישע, גיב אָפ דאָס געלט, אניט דערשיס איכ דיכ“.

אונ ארומ איז א געדיכטער וואַלד אונ קיינ לעבע־דיקנ מענטשנ זעט מענ ניט.

„גוט, — ענטפערט מוישע, איכ וועל דיר דאָס געלט אָפגעבנ, אָבער א טויווע וועסטו דאָכ מיר טאָנ. פאַר־שטייסט, אז איכ וועל קומענ א גאַנצער אהיימ אונ זאָגנ,

אַז מע האָט באַ מיר דאָס געלט אַוועקגערויבט, וועט דאָך מיר קיינער ניט גלויבן... מע וועט זאָגן, אַז איך האָב דאָס געלט צוגענומען פאַר זיך. ריכטיק? איז טו מיר אַ גרויסע געפעליקייט: איך וועל אויסטאָן מיין טו־לופּ, און דו שיס אין אים, וועט זיין אַ סימען, אַז טאַקע אַ גאַזלען איז מיר באַפאַלן".

איז מאַסקים דער גאַזלען.

טוט אויס מוישעדעם טולופּ, און דער גאַזלען הויבט אָן שיסן.

„אין אַרבל שיס אַריין אַ פּולע, — בעט זיך מוישע — און אין פּאָלע און אין קאָלנער".

דערנאָך טוט ער אויס דאָס היטל.

ווערט שוין אינקעס דער גאַזלען, הערט אויף צו שיסן און שרייט זיך פאַנאַנדער:

„וואָס ווילסטו פון מיר! און וואָס האָסטו זיך איינ־געגעסן אין מיר?! איך האָב שוין מער קיין פּער־ליעס ניט".

גלויבט אים ניט דער בריוונטרעגער, נעמט באַ אים די ביקס אַ קוק צו טאָן... און טאַקע מיט דערזעלביקער ביקס דערלאַנגט ער אים איין מאָל איבערן קאָפּ און אַ צווייט מאָל, און אַ דריט מאָל... נעמט אָפּ צוריק דאָס געלט און גייט זיך אַוועק... און דער גאַזלען ליגט אין שניי אַ צעשלאָגענער און שרייט אים נאָך:

„מאָשעניק! האָסט מיך אָפּגענאַרט"...

— מענאַשע, וואָס האָט עס פאַר אַ שייכעס צו אונד־זער איניען?.. — שלאָגט אים עמעצער איבער.

מענאַשע באַקוקט מיט זײַנע שטענדיק־פרײלעכע אויגן דאָס בינטל פאַרזאָרגטע כאַווײרים און וווּנדערט זיך, וואָס מע פאַרשטייט אים ניט.

— וואָס הייסט שײַכעס. דערדאָזיקער גאַנעוו וויל ווערן דער באַלעבאָס, אַרײַננעמען אין זײַנע הענט די אימע־ניע, און מיר זאָלן פּראַצעווען אַף אים. וועלן מיר בא אים לײַען דאָס געלט, אים אַרויסגעבן וועקסלען, מאַכן אים פאַר א מיטגליד פון דער קאָמונע, דערנאָך אוועק־גיין צו דער מאַכט און אַלץ דערציילן, און זאָל ער שרײַען: מאָשעניק!..

ניין, דאָסמאָל האָט מענאשעס היימישע מײַסע קיין גרויסן רוישעם ניט געמאַכט. קאַהאַנאָוו האָט זיך צע־שריִען, אַז מע פאַרלירט צײַט אומזיסט.

דער קלוגער ראַבינאָוויטש האָט געשוויגן, געשטאַנען אָן א זײַט, געקוקט נאָר אַף קאַהאַנאָוון, פּונקט ווי מער וואָלט דאָ קיין מענטשן ניט געווען. ראַבינאָוויטש איז געווען זיכער, אַז סאָפּקאָלסאָפּ וועט מען אָננעמען זײַן פּלאַן און מע וועט אים שיקן צו אַראָן ווינגראַדאָוויטש באָיאַרסקין לײַען דאָס געלט. דערפאַר האָט אַזוי פּלוצים און אומדערוואַרט דורכגעקלונגען קאַהאַנאָווס געצייל־טע ווערטער:

— דו וועסט גיין אין שטאָטראַט און בעטן אין נאָ־מען פון דער קאָמונע „רויטער שטערן" אויסלײַען פינף טויזנט רובל. די איבעריקע פינף טויזנט רובל וועל איך באַקומען אין פאָלקאָמערד, בא אַדאַמאָוון. צו באָיאַרסקין

פארבאָט איך דיר צו גיין, פונקט דריַ דאַרפסטו זיין דאָ.

ראבינאָוויטש האָט גאָרניט געענטפערט. דאָס ערשטע מאָל פאָר די צוויי כאדאָשים האָט דער פּאָשעטער בו־דיאָנעוועץ יאָסל קאהאנאוו ניט באקומען קיין באפעל, נאָר אליינ באפוילן. און אלע האָבן דערפילט, אז פון היינט אָן וועט ער זיין פונקט אזא באלעבאָס, ווי ראַ־בינאָוויטש.

אָן ווערטער זיינען זיי ביידע אוועק פון הויף, אוועק אין דער גרויסער ראשיקער שטאָט, און אלע האָבן דערפילט, אז ביידע זיינען אוועק לויט איין אדרעס, צו דער ראטנמאכט.

און נאך האָט מען דערפילט, אז פונעם ענטפער, וואָס זיי וועלן באקומען, איז אָפּהענגיק, ווער פון זיי ביידן איז גערעכט — דער בודיאָנעוועץ קאהאנאוו, צי דער קלו־גער, אויסגערעכנטער ראבינאָוויטש.

די פיר שטעטלדיקע יידן האָבן געוואַרט.

8. מאַכשאָוועס פון א פריצישן הונט

ס'איז שוין געווען פינצטערלעך, ווען דער לעצטער אָנגעלאָדענער וואָגן כפייצים איז מיט א טרוקענעם סקריפּ אָפּגעפאָרן פון הויף.

אים האָט באגלייט דער אלטער הונט. ער איז נאָכ־געלאָפן פויל און, קאָנטיק, נאָר צוליב יויצע וועגן ביזן

טאָל, דאָרט געבליבן שטיין, א ווײַלע געקוקט מיט אױ־מעטיקע אויגן אפֿן וואָגן זאכן, דערנאָך זיך אויסגע־דרייט צום הויף, זיך אײַנגעהערט אין די פרײלעכע קלעפּ פון האמער אונ העק, צעמישט מיט א שיקערן געזאנג פונעם נעפעש אין די קאָזאקישע קליידער.

דער הונט האָט, קאָנטיק, שווער געטראכט, ער האָט פארזאָרגט געדרייט מיט דעם אויסגעקראָכענעם עק אונ אלץ זיך ניט געקאָנט באשליסן.

פון איין זײַט, האָט דעם הויף פארלאָזן דער אלטער באלעבאָס, בא וועמען ער האָט אין די פארגאנגענע יאָרן געהריזשעט פעטעביינער אונ פון וועמען ער האָט געכאפּט געשמאקע קלעפּ מיטן שטיוול אין בויך.

לויט די באשרײַבונגען פון דער קלאסישער ליטעראַ־טור, האָט ער מינאסטאמ געוווּסט, אז א געטרײַער הונט מוז אײנײנעמ מיטן פאָרעצ פארלאָזן די פריצישע מאיאָנטקעס אונ אָפריכטן נאָוועגאד, אָבער פון דער געוועזענער פריצישער נאכלע האָט איצט געטראָגן מיט א רוישיק לעבן, מיט אָנגעשטרענגטער ארבעט אונ מענטש־לעכער פרייד. מיט זײַן הונטישן כוש האָט ער דער־שמעקט, אז אין לעבן פון הויף הייבט זיך אָן א נײַ בלעטל, אונ ער קאָן האָפן אפ פליישיקע וועטשערעס אונ פעטע ביינער...

ווי אלע גרויסע פארעטער אונ קלאסנ־איבערלויפער, האָט ער געפונען א טעאָרעטישע אונ מאָראלישע באַרעכטיקונג:

„איך בין דאָ אפֿן הויף געבוירן געוואָרן, געוואקסן אונ זיך געעלטערט. איך בין בארופן אָפהיטן דאָס איי־

גנס פאר די קומענדיקע דוירעס און געוועזענע באַ־
לעבאַטימ...

נאָר צוליב אויספילן אָט דעם ציל, וועל איך זיך
צולאַשטשעווען צו די נײַע באַלעבאַטים, פאַרדינען זייער
צוטרוי און אַזויאַרום בעסער נאָך אויספילן מײַן
גרויסע געשיכטלעכע מיסיע"...

ווער ווייסט, וואָס אַן איינזאַמער פּריצישער הונט
טראַכט אין אַ קאַלטן, האַרבסטיקן אָוונט, ווען ער קוקט
צו, ווי די לעצטע פּור זאַכן פאַרשווינדט אין דער טונ־
קעלער ווײַטקייט און קערט זיך אום מיט אַ געמאַכטער
פרייד צוריק אין הויף, וווּ ס'באַלעבאַטעווען שוין זעקס
פרעמדע נײַע באַלעבאַטים... ווער קאָן וויסן?

9. דער ערשטער עמער מילך

ווען די פאַרלאָזענע דירע פון געוועזענעם אַרענדאַ־
טער איז שוין געווען אויסגערייניקט פון די קופּעס מיסט
און לעצטע בערגלעך טראַנטעס, ערשט דאַן האָבן זיך
אַלע אַרומגעזען, אַז אין די דרײַ ווײַסגעקאַלכטע צימערן
איז שטאַרק פּוסט און אומהיימלעך.

אַף די ווענט, אַרום די שטוביקע כפייצים האָבן זיך
יאָרנלאַנג געקליבן שטויב, ברוד און שפּינוועבס. איצט,
ווען מע האָט די כפייצים אַרויסגעפירט, זײַנען אַף די
ווענט געבליבן הענגען ווײַסע רונדע פליאַמעס, ווי פלעק־
פּאָקן אַף מענטשישע פּנעמער.

אין נאָך האבן אַלע דערפילט:

די געמיטער זײַנען פון אַן אָנגעשטרענגטן טאָג שטארק אופגערודערט און עס שטיקט די שטילקייט פון די דרײַ צימערן.

א שווערער טאָג איז עס געווען, — א טאָג, ווען בא אדאמאָווען אין קאַבינעט האָט זיך געהוידעט דער גורל פון די זעקס שטעטלדיקע מישפּאָכעס, זיך געהוידעט גאנצע פיר שאָ, ביז אדאמאוו האט קלאָר געמאכט, אז דער ארענדאר איז א ווײַטער קאָרעוו פונעם אנטלאָפּע־נעם פּאָרעץ, אז די גאנצע ווירטשאפט, וואס ער האט געוואלט פארקויפן, אלס זײַן אייגנטום, געהערט ניט צו אים, נאָר צום ערדאָפּטייל פון שטאָטראט.

איצט איז עס שוין פארגאנגענהייט. איצט זיצן די זעקס פויערים און דערציילן זיך מײַסעס וועגן א פאר־גאנגענעם אָנגעשטרענגטן טאָג.

אבער אלץ איז שוין באוווסט, און אלץ קלינגט איצט צו וואָכעדיק.

א גרויסער יאָנטעוו ריזלט אין די הערצער און רײַסט זיך ארויס. מע שטיקט זיך דערווײַל מיט רייד וועגן דער צוקונפטיקער גרויסער ווירטשאפט.

עפּעס פילן אלע, אז אין דער סאָפּהארבסטיקער נאכט, ווען א הימל אף די קעפּ ליגט אזאַ טיפער און אויסגע־שטערנטער, און ארום שפּרייט זיך הונדערטער העקטער ערד, פארוויקלט אין שטומענ ווארטן, מוז מען וואס טאן, — טאָג אומגעוויינלעכס און עס זאל אלעמענס

געבליטן אייַנשטילן, און די הורדעס פרייד זאָלן ארויסשרייַען.

— אבער וואס?

מע גייט נאכאַמאָל ארויס אינ שטילן הויף, מע גייט אוועק אינ שטאל און מע איבערצייַגט זיך אפדאָסנייַ, אז אינ שטאל שטייט טאקע אן עמעסע קו מיט א פולן אָנגעגאָסענעם אייַטער מילך.

די קו האט מען שוינ לאנג געדארפט מעלקן. איר איז שווער פונעם פולן אייַטער מילך, דרייט זיך אומרויִק אינ ברודיקן צעפריִעטן היי, שמייַסט מיטן עק און בעט זיך שטום: „מעלק מיך".

מענאשע טראָגט אריַינ אן עמער, בייגט זיך אייַנ און הויבט אָנ שלעפּ דעמ אייַטער. ער שלעפּט ניט גע יט און בעריש־שווער, ער פארהאלט אליינ, בּ יט די אייגענע קורצע, קלעצלדיקע פּינגער, די מילך. די בעהיימע דערפילט פרעמדע שווערע פינגער און הייבט זיך אָנ בריקעווען. מענאשע שטייט אופ א פארשוויצטער און איבערגעשראָקענער און קוקט פארלוירנ אפ דער פרעמדער קו.

קיינער לאכט ניט.

עפּעס דאכט זיך אלעמען, אז די קו וויל זיי ניט אונערקענען, אז די קו האָט א נאָענטן שייַכעס צום אוועקגעפאָרענעם פּאָרעצס באהעלפער, צום נעכטיקן שיקער מיטן רויטן נעזל און הייזעריקער שטימ—און מע מוז מיט דער קו דורכקומען, אניט איז זייער אייַנפונדעוועג זיך דאָ אינ געפאר, און נאָכ:

מע דערמאָנט זיך אָן די געלאַזענע ווײַבער און קינדער אין די שטעטלעך, און יעדערער באַ זיך באַשליסט, אַז אָן די ווײַבער וועט זײַן שווער אָנהייבן ווי עס באַדאַרף צו זײַן באַלעבאַטעווען...

קאַהאַנאָוו וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל, וואַשט אָפּ די הענט, פאַרקאַטשעט די פאַרשמאָלצענע אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס, לאָזט זיך אַראָפּ אַפּ די קני און הייבט אָן פלינק צײַען.

די בעהיימע דערפילט שטײַפע, פלינקע פינגער און באַרויִקט זיך.

אַלע לאַכן זיך פרייליך פאַנאַנדער:

— וואָס דען, מע האָט פריִער ניט געוווּסט, פאַר אַ בודיאָנעווצעס האָט זי דערעכערעצ.

מע טראָגט אַרויס דעם עמער מילך פון שטאַל מיט גאַד־לעס און ווי אַ טײַערע טראָפּייע נאָך אַ שלאַכט.

10. אַ שטיק רויטער סאַמעט

מענאַשע איז געגאַנגען אין שטאָט.

אַסאַך יאָרן האָט ער אין די שטעטלעך געלייגט שינדל־דיקע דעכער, געלייגט אַ שינדל צו אַ שינדל, ברעטל צו ברעטל און פּלוצים האָט די מילכאָמע און בירגער־קריג אים פון די נידעריקע שטעטלדיקע הײַזלעך אַראָפּגעזעצט און אים אָן אַרבעט געלאָזט.

אָבער צו פינצטערניש און צו אומבאַקאַנטע וועגן איז ער געוועזן פון דער יוגנט נאָך געוווינט. דערפאַר האָט

ער זיך ארויסגעשארט ניט באמערקט פון שטוב און מיט גיכע טריט אוועקגעשפאנט אין שטאָט אַרײַן.

ער איז געגאנגען גיך. אים האט אונטערגעיאָגט א יאָגטעוודיקע לײַכטקייט, וואס איז געוואקסן און אָנגעקוואָלן אין דעם שוין ניט יונגן, אבער נאך פעסטן גוף.

גלײַך, ווי אדאמאָוו איז געקומען אין נאכלע און אזוי ברידערלעך־פאָשעט זיך געזעצט מיט זיי צום טיש, גענומען פאנאנדערוויקלען די מאָרגעדיקע טעג זייערע, האָט דעם אלטן מענאשן ארומגעכאפט אן אומרו.

פריִער האט ער געוואלט צוגיין צו אָט דעם פרעמדן מענטשן, אים, ווי אן אייגענעם, לײַבלעכן ברודער ארומנעמען און אים אויסקושן די קלוגע ברוינע אויגן, אבער מענאשע האט זיך באהערשט.

מענאשען האט זיך געדאכט, אז די איבעריקע כאוויירים וועלן פון אים לאכן און מאכן כויזעק: „וואס איז ער עפעס א פויער אדער א ווייכהארציקע יידענע".

אָבער בלײַבן אין הויז האט ער אויך ניט געקאנט... איז ער אוועק אין שטאט. נאך וואס?

ווען ער האט באטראָכטן דעם אספאלט פון דער טומלענדיקער שטאָט, ערשט דאן האט ער זיך דערמאנט, אז אייגנטלעך איז ער געגאנגען קויפן בראָנפן און ווײַן. יאָ, נאך דעם איז ער טאקע געגאנגען. איצט האט אים שוין גענומען שרעקן, אז ער קאן זיך פארהאלטן, און אדאמאָוו וועט דערווײַל אוועקגיין.

דאן איז די סימכע אינגאנצן צעשטערט, ווײַל ער־געצ טיפ האָט געוירט א שטאַרקער פארלאנג אויס־טרינקען מיט אדאמאָווג לעכאַים, און זאָל אדאמאָוו וויסן, אַז דער אלטער מענאשע פארשטייט א מענטשן...

ער האָט ארויסגעשלעפט פון אונטער דעם פאר־שוויצטן העמד דאָס לײַוונטע בײַטעלע, וואָס דאָס ווײַב האָט אים אופגעגייט, ווען ער איז פונדערהיים ארויס־געפאָרן, ארויסבאקומען פונדאָרט די צווײ לעצטע צענערלעך, און א שטארק אופגעלעבטער און עטוואָס צעטומלטער, דערלאנגט גלײַך דער בלאָנדער קאסירשע:

— גיט מיר פאר דעם ווײַן און בראָנפן.

די יונגע קאסירשע האָט אָנגעקוקט פארוואונדערט דעם געזעצטן שטעטלדיקן יידן, בא וועמען דאָס פּאָ־נעם איז געווען רויט־פארפאליעט, די אויגן ברייט־צעעפנט, און אים רויִק און געלאסן געפרעגט:

— איר האָט שוין אָפּגעקליבן די ווײַנען?—זאָל אייך די פארקויפערן פריִער אויסשרײַבן א טשעק.

מענאשע האָט ניט פארשטאנען.

ער האָט אָנגעקוקט פאַרכידעשט די קאסירשע:

— וואָס הייסט א טשעק?.. אז איך צאָל בארע געלט... מעזומאָנים...

די קאסירשע איז ארויס פון שמאָלן קעמערל, צוגע־גאנגען צו איינער פון די פארקויפערנס און איר גע־הייסן אויסשרײַבן פאר 20 רובל א טשעק.

צוריק איז מענאשע שוין פאָשעט געלאָפן... די צוויי פלעשלעך ווײַן און קליין פלעשל בראנפן האט ער גע־האלטן טיף אין די קעשענעס, די גאנצע צײַט זיי צוגעדריקט צו זיך, זיי זאלן ניט ארויספאלן. אין הויז איז ער ארײַן א צעהיצטער און נאך בא דער טיר אויסגעשריען:

— געבראכט, כאווײרים, און יאָנטעוו זאל זײַן!

אָבער, ווען ער האט דערזען, ווי אדאמאוו, קאהא־נאוו און ראבינאוויטש באטראכטן אן אלטן פארשטויבטן פלאן פון דער נאכלע, וואס זיי האבן ערגעץ אָפגעזוכט, איז זײַן אופגערודערטקייט, איז זײַן פריילעכקייט אוועק אינעווייניק, און ער האט שוין קימאט ווי פארשעמט און שולדיק ארויסגעשלעפט די דרײַ פלעשלעך פון קעשענע.

ניין, מענאשע האט זיך ניט געהאט וואָס צו שע־מען. מע האָט אים ארומגערינגלט פון אלע זײַטן און ברידערלעך געפאטשט אין די פלייצעס. אדאמאָוו האָט אים אפילע געוואָלט פאר דעם אײַנפאל אופהייבן און א העצקע טאָן, אָבער עס האָט אים קיין קויעך ניט געסטײַעט, — מענאשע איז געווען א פעסטגעבויטער און שווערלײַביקער.

אדאמאָוו איז א ווײַלע געשטאנען אינמיטן צימער, די הענט ארום מענאשעס גורט פארפלאָכטן, ווי ער וואָלט זיך נאָך אלץ געקליבן אים א נטערוואָרפן אינדערלופטן.

און מענאשע האָט גערעדט, מענאשע האָט אף א שלעכטן רוסיש, זייער גיך, ווי ניט זײַן שטייגער איז,

דערציילט אדאמאָווג, אז ער איז א מייווג אַפּ מענטשנ ..
אַז ניט געקוקט, וואָס ער איז ניט קיינ ייד, אדאמאָוו, שטעלט ער אימ הונדערט מאָל העכער פאר באיארסקינ, ווייל באיארסקי איז א בלוטזויגער אונ פּאָשעט א פּארכ, אונ אימ איז א װוּנדער, וואָס די סאָוועטסקי וולאסט פארזעצט ניט אזא מענוּוול אינ טורמע.

— אייל זיכ ניט, ס'וועט קומענ אַפּ אימ א סאָפּ, — האָט אדאמאָוו מענאשעס היציקייט געקילט.

אָבער דער אלטער מענאשע האָט אדאמאָווג ניט אָפּגעלאָזט. אימ איז געווענ איצט אלציינס וועגנ וואָס מיט אימ ריידנ. ער האָט נאָר געוואָלט, אז אדאמאָוו זאָל זיינ נאָענט נעבנ אימ, ער זאָל וויסנ, אַז מענאשע האָט ליב די ערד אונ האָט אלע זיינע יאָרנ פארבראכט אינ א קליינ שטעטל... אונ זיינע בעסטע פריינט זיינענ די פּויערימ פונ די ארומיקע דערפער...

— גענוג, מענאשע, מע דארפ אָנהייבנ.

איינ גלאָז איז געווענ. פונ די זעק האָט מענ באקומענ שטיקער ברויט אונ די סודע האָט זיכ אָנגעהויבנ.

א מאָדנע סודע איז עס געווענ, מע האָט ניט געהאלטנ קיינ טאָסטנ אונ קיינ רעדעס.

זעקס מענטשנ זיינענ געזעסנ ארומ א טיש אָנ א טישטעכ. ווענ דער ערשטער קריַיז איז געווענ פארענדיקט, ווענ די איינציקע גלאָז איז שוינ אויסגעווענ אינ אלעמענס מיילער, אונ אלע האָבנ באגייסטערט געלויבט מענאשעס וויינ, האָט אדאמאָוו פאָרגעלייגט, אז יעדע-

רער זאָל דערציילן, ווער ער איז און ווי אזוי ער איז געקומען אהער.

דער ערשטער האָט גענומען דערציילן פון זײַן לעבן שלוימע באָדער, א הויכער, דארער ייד מיט א ביינער־דיק פּאָנעם און פּאָרזיכטיקע באַוועגונגען

ער איז געווען א שווײַגער. שלוימע באָדער האָט ליב געהאט אן איניען פון אלע זײַטן פריִער באטאפּן אין דער־נאָך ערשט אָפּקומען מיט עטלעכע געציילטע ווערטער.

וועגן אים האָט מען זיך אין שטעטל געוויצלט:

— שלוימע איז א מענטש, וואָס שווײַגט, שווײַגט, רוט זיך אָפּ... און שווײַגט ווײַטער... איז טאקע געווען א גרויס וווּנדער, ווען שלוימע האָט זיך אופגעשטעלט, אָפּגערוקט צום מיט טיש די פלעשער, ווײַל ער האָט געוווּסט, אז אים ווערט זײַן שווער צו ריידן, און די הענט וועלן געוויס ארומבלאָנדזשען איבערן טיש.

ניין, קיין סאך ווערטער און קענטענישן אף דער־ציילן האָט ער ניט געהאט:

— הער, כ׳ווער אדאמאָוו,—איך בין צוויי מאָל עלטער פון דיר און דרײַ מאָל נארישער, אָבער נעם זיך ניט איבער, פארשטייסט, איך בין אין די שקאָלעס ניט גע־גאנגען, און די טוירע, וואָס בערעלע דער בלינדער מעלאמעד האָט מיר אין כיידער איבערגעגעבן, קאָן עס אוועקטראָגן דער הונט אפן וויידל... פארשטייסט, כ׳ווער אדאמאָוו, אין מײַן פאך בין איך א גוטער באל־מעלאָכע. איך האָב זיך ניט וואָס צו שעמען. אָבער אין

דער צייט פון רעוואָליוציע טראַכט מען ניט וועגן פעסלעך און ביליעס... פארשטייסט, וועש וואשט מען אין טייך און אָן זייף. דו ביסט דאָך געווען אין דער רויטער ארמיי, ווייסטו עס בעסער פאר מיר... אַפ וואָס דארף א רויטארמייער א בעליע? — אַפ קאפּאָרעס. און די קרעמער פארקויפן סכוירע אונטער דער פאָלע. אלע יאָרן פון דער רעוואָליוציע אזוי... און איך בין געבליבן אָן ארבעט. צוואנציק פינף יאָר האָב איך געבאָנדארעוועט, דער בעסטער באָנדער אין שטעטל געווען. פרעג בא זיי. און איצט בין איך געבליבן בא די איבערגעטריקנטע ברעטלעך און רייפן. ווייכט וואָס איך טראכט... שוין עטלעכע טעג, ווי איך טראַכט וועגן דעם, אָבער איך האָב פיינט צו דרייען מיטן צונג, אויב עס איז א נארישקייט, זאָג, שעם זיך ניט.

פארשטייסט, אמאָל, ביז דער רעוואָליוציע האָט יעדערער געטראכט נאָר וועגן זיך, ווי אייַנצופונדעווען זיין אייגן לעבן, האָט עס געהאט אן אויסזען, ווי באזונדערע ברעטלעך, קיין רעכטע דייזשע האָט זיך ניט באקומען... און איצט דארף מען, אז די רייפן זאָלן זיין שטארקע, אז די ברעטלעך זאָלן ניט צעפאלן... איך מיין, די ראטנמאכט זאָל אונדז העלפן בויען די קאָמונע, וואָס מיר האָבן היינט פארטראכט... און ס'איז גוט, זאָג איך, וואָס מע איז אויסגעקומען אָן באָיארסקין, ס'איז א פארפוילטע ברעט, די דייזשע וואָלט דורכגערינען... איך בין א באָנדער און רייד פון מיין

פּראַקטיק, און מײַנע צוויי זין, אויך באָנדאַרעס, וועלן די טעג קומענ אהער, זיי האָבן אין שטעטל ניט וואָס צו טאָן.

שלוימע האָט זיך אראָפּגעזעצט אַפן באַנק, אָפּגע־ווישט מיט אַן אַרבל דעם שווייס פון שטערן און גע־וועז פאַרוואונדערט, וואָס אַלע זײַנען צופרידן פון זײַנע ריידן, וואָס אלע שמייכלען צו אים, און קאהאנאָוו האָט אפילע גענומען פּאטשן אין די דלאָניעס, ווי מע טוט עס, ווען עמעצע רעדנער ענדיקן. ווער, ווער, אָבער שלוימע באָנדער ווייסט דאָך גוט, אז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן האָט ער פאר אזויפיל פרעמדע מענטשן אזוי לאַנג געברייעט.

— לאָמיר אויסטרינקען!

מער האָט קיינער ניט גערעדט.

די דרײַ פלעשלעך זײַנען געשטאַנען ליידיק און, קאָנ־טיק, געבענקט, אז נײַע פלעשלעך זאָלן זיך באַווײַזן אין באַפרײַען זיי פון נארישן קוקן אין ניכטערע אויגן.

קאהאנאָוו, ראבינאָוויטש און אדאמאָוו האָבן פאַרצויגן א בודיאָנישע ליד, אַ ליד, מיט וועלכער זיי זײַנען אַפ די פראָנטן געפאָרן און שלאַכטן געפירט. פאַר די אי־בעריקע דרײַ איז דאָס ליד געווען אַן אומבאַקאַנטס און פרעמדס, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז זיי דאַרפן זיך אין די קלאַנגען גוט, גוט אײַנהערן; אַז פון הײַנט אָן וועלן אָט די לידער ווערן זיי נאָענט, און האָבן גאָר א גרויסע שײַכעס צו זייער לעבן...

... בערל פרעסמאַן, א ייד א ברייטביינערדיקער, מי
א ליַיטישער שוואַרצער באָרד און אָפּגעצערט פּאָנעם,
האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן אָן א זײַט, און גע־
דאַכט האָט זיך, אז ער האָט נאָך אַלץ מוירע, אז עמע־
צער וועט אים א נעם טאָן פּאַר א לאַץ און א פרעג טאָן:
— בערל, וואָס טוסטו דאָ צווישן די באָרוועסע ?
וואָס טוט ער דאָ? ער ווייסט אַליין ניט קלאָר, ער
פילט זיך די גאַנצע צײַט א פארפרעמדטער און איבערי־
קער. דער איינציקער מענטש, מיט וועמען ער קאָן כאַפּן
א שמועס און אראָפּריידן פון האַרצן, איז וועלוול
קורליאַנד.
זיי זיצן טאַקע איינער נעבן צווייטן און אייצענען
זיך, צי ס'לוינט א רייד טאָן, צי פּאַר זיי איז געזינטער
דערווײַל שווײַגן...
זיי האָבן איינער דעם צווייטן זייער פײַנט, ווײַל יע־
דערער ווייסט דעם צווייטנס געדאַנקען, און בערל פרעס
מאַנען דאַכט זיך, אז אַלץ, וואָס ער טוט, קרימט אים אי־
בער וועלוול, און וועלוולען דאַכט זיך, אז אַלץ, וואָס ער
טוט, קרימט איבער בערל, און אויסערלעך זײַנען זיי
אויך שטאַרק ענלעך, דערהויפּט די בערד זייערע.
בערל ווייסט, לעמאָשל, אַז בײַ וועלוולען אין מאַנטל
איז פאַרנייט גאַנצע פינף הונדערט רובל. דאָס האַלט ער
אָפּ צוריקוועגס אין שטעטל, אויב דאָס געשעפט מיט
דער קאָמונע וועט פלאַצן. ער ווייסט אויך, אז וועלוול
איז אוועק אין דער קאָמפּאַניע, וואַלגערט זיך שוין הע־

כער צוויי כאַדאָשים אין כארקאָוו, הונגערט און ווערט אויסגעריסן נאָר צוליב די קינדער.

די קינדער האָבן אים אופגעגעסן לעבעדיקערהייט, דערהויפּט, די צוויי יינגלעך פון דער זיבניאָריקער שול: „זיי ווילן ניט קיין טאטן א קליינהענדלער".

ס'איז דערגאַנגען צו גרויסע סקאַנדאַלן, די יינגלעך זיינען אוועק פונדערהיים, גענעכטיקט באַ די לערער, געשריבן בריוו אין שטעטלשן ראט און געפאָדערט פון דער מאַכט, מע זאָל זיי באַפרייען פון קאַפּיטאַליסטישן טאַטן.

דאָס בודיאָנישע ליד האָט זיך אָפּגעריסן, בערל האָט זיך אַרומגעקוקט, פאַרשטאַנען, אַז ער טראַכט ניט וועגן וועלוול קורליאנד, אז די מייסע מיט די צוויי יינגלעך האָט גאָר געטראָפן באַ אים גופע אין שטוב.

און אויב באַ וועלוולען האָט פּאַסירט פּונקט אזאַ געשיכטע, איז ער אין דעם ניט שולדיק.

ער דערזעט, אז אדאמאָוו קוקט אַף אים זייער פאַרטראַכט און ערנסט, פּונקט ווי ער וואָלט אים נאָרוואָס באַמערקט צווישן די פּויערים. ער הייבט זיך אָן שעמען פאַר די פינף הינדערט רובל, פאַר די צעקנייטשטע פּאַפּירענע צענערלעך, וואָס זיינען פאַרנייט באַ אים אין פּאָלע פון מאנטל.

ער דע שרעקט זיך פּלוצים, אז וועלוול וועט צוליבן הייַנטיקן יאָנטעוו, און צוליב אויספּייַנען זיך פאַר אדאמאָוו, ארויסנעמען די פינף הונדערט רובל, אַוועקלייגן אפן טיש און אזוי אַנטשלאָסן א זאָג טאָן:

— אָט דאָס איז מײַן פֿאַרמעגן, אָט דאָס האָב איך אָנגעלעבט פֿאַר דרײַסיק יאָר, איך גיב זײ אַװעק אין אַלגעמײנעם קעסל און זאָל מיט מיר זײַן, װאָס מיט אַלעמען. אזוי קאָן טאָן װעלװל.

אַלע קוקן פֿאַרװוּנדערט, װי בערל טרענט מיטן גרויסן טעמפּן מעסער דעם הינטערשלאַק פֿון מאַנטל, דאָס אָפּ־געצערטע פֿאָנעם איז בײַ אים בלײך פֿון אופּרעגונג, און די שװאַרצע באָרד ציטערט צופֿרידן:

— עך, װען מײַנע ייִנגלעך װאָלטן געזען...

קײנער פֿאַרשטײט ניט, װאָס ער מײנט מיט דעם...

נאָר אײן װעלװל באַנעמט, אַז דאָס װיל ער, אז זײַ־נע צװײ ייִנגלעך, װאָס לערנען זיך אין דער ייִדישער ראטן־שול, זאָלן זען, װי זײער טאטע איז געװאָרן א פֿוי־ער, זיצט בײַ אײן טיש מיט סאָװעטישע מענטשן און געזעגנט זיך מיט די לעצטע קרעמערישע פֿארדינטע רובלס.

מיטן זעלביקן מעסער טרענט װעלװל אָפּ דעם הינ־טערשלאַק פֿון זײַן מאַנטל; ער פֿילט, אַז עס איז ניט שײן, װאָס אַלעמאָל קרימט ער נאָך בערלען, אָבער מינאַסטאַם איז זײ שוין באשערט דורכמאכן אײנעם און דעמזעלביקן װעג.

אדאמאָװ צײלט איבער די טויזנט רובל, דערקלערט, אַז מאָרגן װעט די קאָמונע באקומען צען טויזנט רובל פֿון פֿאָלקאָמערד... מע קלײַבט אויס ראבינאָװיטשן פֿאַר א פֿאָרזיצער, קאהאנאָװן — פֿאַר א געהילף, און דעם פֿרײלעכן מענאַשען — פֿאר א קאסיר.

— זע, זאָלסט ניט פֿאַרטרינקען קײן געזעלשאפֿטלעך געלט...

מענאַשע איז עטוואָס צעטומלט פון אויסגעטרונקענעם ווײַן, פון צוטרוי א״נ קאָוועד, וואָס מע גיט אים אָפּ. ער פאַרשטייט ניט, אַז מע וויצלט זיך אונ הייבט זיך אָן ערנסט פאַרענטפערן:

— אייגענע, כאַווײרים... איך האָב פאַר מײַן אייגן געלט געקויפט דעם ווײַן... אזאַ יאָנטעוו... איר פאַרשטייט.

יאָ, מע פאַרשטייט, אַז מאָרגן גייט מען קויפן צוויי פערד פאַר דער קאָמונע...

קאַהאַנאָוו האָט דערפילט, אַז מע טאָר ניט פאַרענדיקן דעם ערשטן אָוונט אַפּ דער נײַער ערד מיט בערלס און וועלוולס טויזנט רובל...

ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צו זיין זאַק, ארויסגעשלעפּט פון אים א גרויסן סאמעטענעם טישטעכ. ער האָט א ווײַלע דעם טישטעכ געהאַלטן אין די הענט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט די יאָרן פון בירגער־קריג, אין דעם טאָג, ווען ער האָט אים באַקומען.

... זײַן טייל האָט דאן באקומען א דרינגענדיקן באפעל פאַרלאָזן די שטאָט.

קאַהאַנאָוו האָט זיך פארהאלטן לענגער, ווי אלע. און שוין מיט די לעצטע הײַפּלעך רויטארמייער געלאָפן צום באן.

אפן וועג גאָר נאָענט צום וואָקזאַל האָט ער דערזען א לאַנגע שורע מענטשן און זיך דערוווסט, אז דער ווינונג־אָפּטייל טיילט דער ארבעטער־באַפעלקערונג דאָס קאָנפיסקירטע פריצישע און גווירישע גוטס.

ער איז ארײַן אין כפייצים־לאַגער.

אפ אים האָבן זיך אָנגערוקט שווערע בופעטן, גלע־זערנע אלמערס, גרויסע טריומאָ־שפיגלען, לעדערנע פאָ־טעלן. ניין, קאהאנאָוו האָט געוויילט צום באַן און האָט געוואָלט א ליידיקער ארויסגיין פון לאגער.

אים האָט אָנגעיאָגט א יונג מיידל, וואָס האָט דאָ גע־ארבעט, און אים אריינגערוקט אין האנט א רויטן סאַ־מעטענעם טישטעך:

— נעם, עס וועט דיר צונוץ קומען אנשטאָט א קאָל־דרע. וואַרט אָפּ א ווײַלע, איך גיי אויך צום באַן, איך טאָר דאָ ניט בלײַבן, איך בין א קאָמיוגיסטקע.

דאָס מיידל, וואָס איז דאַן מיט אים איינגעם פון שטאָט אנטלאָפן, איז איצט זײַן פרוי און האָט אים שוין גע־בוירן צוויי קינדער... און דעם טישטעך פירט ער מיט זיך ארום, ווי אן אָנדענק פון יענע שטורמישע יאָרן.

אלע האָבן געמיינט, אז יאָסל קאהאַנאָוו וועט דעם טישטעך אפּן טיש פאַרשפּרייטן צוליב יאָנטעוודיקייט.

אָבער קאַהאַנאָוו האָט פון ערגעץ באַקומען א שטיק קרײַד, דעם טישטעך אפ דער ערד צעשפּרייט, זיך אפ די קני געשטעלט און מיט גרויסע קרומלעכע ווערטער אָנ־געשריבן:

קאַזאַנע רויטער שטערן
פאַרפון בעזוט אין 1927 יאָר
די פונבאַטערס

ער האָט דעמ שטיק קרייד איבערגעגעבנ אדאַמאָוונ:

— שרייב, דו ביסט דאָ דער עלצטער קאָמוניסט.

זיבנ פאמיליעס האָבנ זיכ אפנ רויטנ טישטעכ אויסגעלייגט, אויסגעלייגט זיכ ברייט און זיכער, ווי די ערשטע שטיינער אונטער א נייעמ ביניענ.

— איצט קומט!

קיינער האָט ניט געפרעגט, וווהינ און נאָכ וואָס.

אלע האָבנ זיכ פונ די ערטער אופגעהויבנ און ארויס אינ אויסגעשטערנטנ ליכטיקנ דרויסנ.

קאַהאנאָוו איז פלינק אפנ דאַכ ארופגעקראָכנ, מיט א שטריק צוגעבונדנ דעמ סאַמעטענעמ טישטעכ צו א ברעט, וואָס האָט פונ דאַכ־פלאַכקייט ארויסגעסטאָרטשעט.

א נאַכטיקער ווינט האָט איבער דעמ הוילנ סטעפ און ניט־באַארבעטע פעלדער געהוליעט, דער ווינט האָט זיכ, קאָנטיק, דערפרייט מיטנ גרויסנ שטיק סאַמעט, דעמ טישטעכ מיט די ווייסע קריידיקע אָנשריפטנ, ווי א לייוונט אפ א שיפ אָנגעבלאָזנ, אימ פאריסנ הויכ צומ אויסגעשטערנטנ הימל.

אזוי איז געגרינדעט געוואָרנ אָדער, ווי דער בודיאָנאָוועצ יאָסל קאַהאַנאָוו האָט אָנגעשריבנ, פארפונדעוועט געוואָרנ די קאָמונע „רויטער שטערנ“, וואָס געפינט זיכ צוויי וויאָרסט הינטער כאַרקאָוו.

כאַרקאָוו, 1932—34 יאָר.

אָרומ דער שטאָט יעוופּאַטאָריע

(דערציילונג)

1

באַגעגעניש

אָוונט, ווענ א דאָרעמ־זונ פאַרברענט א שטיק יאַם און בלייבט ליגנ דערטרונקענ אינ זײַנע כוואַליעס, קומט אהער, צומ זאַמדיקנ ברעג, א נידעריקער, פעסטגעבויטער באָכער, וואַרפט גיכ אַראָפּ פונ זיכ זיינע פאַרשטויבטע קליידער און גיט זיכ אָפּ דעמ יאַם.

דער אָוונטיקער יאַמ נעמט אימ אופ ווי א נאָענטנ און אייגענעמ, האַלט אימ לאַנג אונטער זיינ כוואַליעקנ איבערפלאַכ און וואַרפט אימ ארויס אינדערווײַט.

דאָרט, ווײַט פונ ברעג און מענטשנ, ליגט ער ביזנ האַלדז אינ וואַסער, וואַרט רויִק אָפּ א הויכנ וואַל, וואָס רוקט זיכ אָנ פונ טיפ. דער וואַל איז נאַכטיש־טונקל און גלאַט, און נאָר זיינ שפּיצ איז שנייִק־ווײַס און צעשפּאַלטנ. ווענ דער ווײַסער באַרג איז שוינ גאָר נאָענט, לאָזט ער ארויס א געשריי און הייבט זיכ אָנ גראַבלענ ארופ, צו זיינ שפּיצ.

וויגט זיכ א ברוינער, פאַרברענטער קערפּער אָפּ ווײַסע שנייִקע בערג, דערגרייכט די צעשוימטע שפּיצנ און זינקט צוריק אינ טיפע גריבער.

ווען אים ווערט דערעסן צו דראפּען זיך אף וואַסער־בערג, וואָס ווערן צערונען און איַינגעזונקען, איידער מע דערגרייכט זייער שפּיץ — בלײַבט ער ליגן רויִק אפן רוקן, אויגן פאריסן צום דאָרעמדיקן הימל, און לאָזט זיך טראָגן צוריק צום ברעג.

די שטויביקע קליידער זיינע פּאַרפּאַקט ער אין א קליין פּעקל און אפן נאסן גוף ציט ער אָן א ווײַסן לײַוונטענעם אָנצוג.

אין די ווײַסע לײַוונטענע קליידער זעט ער אויס, ווי איינער פון די סאך יונגעלײַט, וואָס קומען אהער, אין דער קוראָרט־שטאָט, אף רו און דערהיילונג.

נאָכן באָדן זיך, זיצט ער אין דערבײַיִקן רעסטאָראַן „דיולבערי", טרינקט לאנגזאם זיין פלעשל ביר און באַקוקט נײַגעריק די שפּאצירנדיקע פּאָרלעך באם ברעג יאם.

ווען ס'ווערט אים דערעסן זיצן אזוי אליין און שווײַגנדיק באם רעסטאָראַן־טישל, דינגט ער א פּיִער־שיפל און גייט אוועק אין יאם.

די שווערע רויט־געפּארבטע רודערס פּארוואַרפט ער טיף אין וואַסער; זיין קורצער, שלעכט־אָפּגעהובעלטער גוף איז אויסגעבויגן אין א האלבראָנד, און רודערס אין די פּארברייטע הענט ליגן אזוי אומגעלומפּערט, ווי די אַקערײַזנס אין הענט בא די נײַע יִידישע פּויערים...

— בער, מ'דארף ניט אזוי האָרעווען; וואָס טיפער איר פּארוואַרפט די רודערס אין וואסער, אלץ שווערער

און פּאַמעלעכער גייט דאָס שפּיל; אַז אַלץ טוט איר מיט צונפֿיל האַרץ און ווייניק קאָפּ.

כאַנע האָט אין יענעם אָוונט זייער פֿיל געלאַכט פֿון אים און פֿון זיין רודערן. די ווײַסע שמאָלע ציינער זיינען, ווי שטענדיק, אָנגעקראָכן איינע אויף די אַנדערע, ווי ס'וואָלט זיי ענג געווען שטיין אין איין רײַ.

ער הייבט אָן אימפּעטדיק רודערן, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפֿן אַלץ ווײַטער פֿון דער דערמאָנונג, און עפּשער האָט ער מורא, אַז ער וועט באַלד דאָס שיפֿל צום ברעג צובינדן און צופֿוס אַוועקגיין אין דערבײַיקן דאָרף, צו כאַנען...

א בליצער לעוואָנע-פּאַס יאָגט אים נאָך מיט אַסאַך טויטע פֿײַערלעך, ווי עמעצער וואָלט דעם יאַם הינטער אים מיט אַסאַך עלעקטרישע לעמפּעלעך אָנגעצונדן.

II

„דיולבערי" שטייט הײַנט פּוסט און פֿאַרלאָזן. מירמלנע טישלעך קוקן פֿאַריאָזעמט אויף די סאַך קעלנערס אין די שוואַרצע פֿרעק. די קעלנערס זיינען דאָ אַלטע, אומאָליקע, געוווינטע צו רײַכע באַזוכער, צו זנוס און לוקסוס. קוקן זיי אַפּאַטיש און גלײַכגילטיק אויף די שפּאַצירנדיקע פֿאַרבײַגייער, אויף די עטלעכע באַזוכער בײַ די מירמל-טישלעך, און ווען שווײַגן ווײַטער ווערט אומעטיק און שטאַרק-שטאַרק לאַנגווײַליק, זידלען זיי פֿאַרביטערט:

„שלעפער, קאָנען ניט זיצן אינדערהיים; אָנגעפּאָרן די „קעפּיר־קוראָרטניקעס".

זיי זיצן אָנגעצויגענע און בארויגעזע, ווי אײַנגע־וואקסענע אין די רונדע מירמלנע סלופּעס, דערמאנענ שטיל פארגאנגענע צײַטן, ווען רוסישע פּריצים האָבן דאָ, בא די מירמלטישלעך, הונדערטער פארהוליעט, און דערלאנגענ ניט גערן די פלעשלעך קעפּיר.

אין רעסטאָראן גייט ארײַן דער נידעריקער, שלעכט־אָפּגעהובלטער באָכער. אי. האנט האלט ער הײַנט, ווי שטענדיק, זיין פּעקל זאכן. קורצגעשאָרענע האָר זיינען נאס און גלאנצנדיק, ליגן צוגעקלעפּט צו זיין גלײַכן נידעריקן שטערן, און אויגן זוכן אן אָרט צווישן די סאך ליידיקע טישלעך. ער באמערקט מײַן איינזאמען זיצן אין א ווינקל פון גרויסן רעסטאָראן. איבער זיין פּאָ־נעם לויפט דורך א גיכער שמייכל, לויפט דורך און פאר־שווינדט, און דאָס פּאָנעם ווערט ווידער ערנסט, אָפּן און פאַרטאָן אין זיך. ער זעצט זיך אוועק בא מײַן טישל און פרעגט פּאָשעט, ווי ער וואָלט מיך שוין לאנג געקענט:

— איר ווילט פאָרן אפּ די יידישע פּאָנדן?

— יע.

— הײַנט האָט מען געבראכט דעם אַווטאָמאָביל פון סעוואסטאָפּאָל. ער איז געווען שטארק קראנק, דער אַוו־טאָמאָביל.

— איך ווייס. איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען אין קאָנטאָר.

— ניט קיין פרייל̇עכע ארבעט... הא?

— גאָרניט.

— איר ווארט אויך אפן אווטאָמאָביל?

— ניין, איך ארבעט אפ די פֿאָנדן. איך בין אַן אגראנאָם.

— ווען פֿאָרט איר אהין?

— מאָרגן גאנצפרי.

— איר וועט מיך קאָנען נעמען מיט זיך?

— צוליב וואָס?

— איך וויל זען די פֿאָנדן.

— ניטאָ דאָרט וואָס צו זען — ענטפערט ער קאלט און הייסט זיך דערלאנגען א פל̇עשל ביר.

ערשט איצט באמערק איך, אז ער פֿאַרמאָגט מאָדנע אויגן, אויגן, וואָס האָבן, קאָנטיק, גלייך נאָך דערזען די ווייסע וועלט, באשטימט ארויספליען, דערנאָך כאראָטע באקומען און געבליבן זיצן אונטערן גלייכן גידעריקן שטערן — ארויסגעסטאָרטשעטע.

ער באמערקט מיין פארווונדערונג און זעצט פֿאָר אין זעלביקן רויקן טאָן:

— וואָס וועט איר דאָרט דערזען? — עטלעכע נייע הייזער, נידעריקע, ווי בא אלע פויערים דאָ אין געגנט... איבערגע־אקערטע פעלדער, און יידן... שטעטל̇דיקע יידן, וואָס זוכן ברויט...

— וואָס נאָך האָט איר געוואָלט?

— פאר מיר איז גענוג! נאָר מענטשן פֿאָרן דאָך

פון אמעריקע, ארגענטינע, אַפריקע, מאָסקווע — אַלע טאָג קומען זיי אהער און שטערן ארבעטן...

ער פארטראכט זיך אף די אייגענע ארויסגעזאָגטע ווערטער און גיט צו:

— און וואָס קאָן מען אין צוויי טעג דערזען? — לאַכלוטן גאָרניט. איך ארבעט דאָ שוין צוויי יאָר און ווייס גאָרניט...

ער ווערט אַנטשוויגן, קוקט פארטראכט צום יאַם.

זון איז שוין לאנג פארגאנגען. א הימל אפן יאַם ליגט א שווארצער, אָנשטערנדיקער, גיסט זיך צונויף מיט יאַם־טונקלקייט, און שווער איז צו דערקענען, וווּ ס'הייבט זיך אָן הימל און וווּ ס'ענדיקט זיך יאַם.

ווײַט, אין דער דורכויסיקער שווארצקייט ברענען מאַיאַק־פײַערלעך, רופן צו זיך פארבלאָנדזשעטע שיפן. מיר זיצן און שווײַגן, שווײַגן און ווייסן, אז מיר דארפן נאָך זייער פיל ריידן. נאָר איצט איז ארום צו שטיל און אלץ איז פארהילט אין א גרויסער מעשונענער רויִקייט.

אין רעסטאָראן איז שוין פוסט, פארשלאָפענע קעל־נער ווישן פויל די נאסע מירמלטישלעך.

מיר גייען אהיים.

אף אונדזערע קעפ ליגט א שיקערע, שוואַרצע ווײַנ־טרויב־נאַכט, א נאכט, ווען אין די ארומיקע סעדער גיסן זיך אָן און ווערן פארטיק די ווײַנטרויבן. ווײַסע שטיינערנע מויערן האָבן א גאנצן טאָג דאָרעם־זון גע־טרונקען, און אַצעמען זיי ארויס פון זיך וואַרעמקייט, ווי פון אָנגעברענטע אויוונס. די קוראָרט־שטאָט שלאָפט פאר־

הילט און באהאלטן אין לופטיקע דורכזיכטיקע ווילייס, ווילייעס זעען אויס אין דער פינצטערער נאַכט, ווי גרויסע פארצויבערטע טויבן מיט פליגל פאריסן צום הימל.

— פון וואָס לאַכט איר?

דער אגראָנאָם ענטפערט ניט גלייך, און ווען ער הייבט אָן ריידן, איז שוין זיין שטים ערנסט און פאַרשעט, ווי פריער:

— דאָ ניט לאַנג איז אהער ארײַפגעפאָרן איינער א שמענדריק פון א צײַטונג, אָפּגעווען א שאָ צײַט אָפּ די פאָנדן און הײַדא צוריק אין שטאָט... אין צוויי טעג ארום לייען איך אין צײַטונג: „די דרעשמאשינעס שטייען, ווי שטאָלענע פערד, גרייט צו דער פ רוזייקאמפאניע". נו, האָבן די פויערים אונדזערע אביסל געלאכט...

— פארוואָס האָט איר זיך גראָד איצט דערמאָנט אין דעם?

— איך ווייס אליין ניט... דאָ קומט אויס צו ארבעטן מיט בלוט, מיט שוייס, און מענטש. קומען, דערלאַנגען א קוק און מאכן דערפון ליטעראטור...

— ווי רופט מען אייך?

— דער נאָמען מײַנער איז בער, און די פאמיליע דינאָר.

— מאָרגן זעקס אינדערפרי וועל איך זיין בא אייך. האָט א גוטע נאכט.

— האָט א גוטע נאכט...

III

אין סטעפּ

— דער באָדן איז דאָ אין קרימ א הארטער. דער שטיין ליגט אין אנדערע ערטער גלייך אפן אויבער־פלאַך.

— ווי אזוי דערקאָנט איר?

— נאָכן געקלאַפּ פון די אווטאָמאָביל־רעדער, נאָך דער הייך פון גראָז.

בערס ווערטער קומען צו מיין אויער אָפּגעריסן און ניט קלאָר. ער זאָגט זיי ארויס הויך, שרייענדיק, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אז דער גערויש פון יאַם, דאָס קלאַפּן פון די אווטאָמאָביל־רעדער וועלן זיינע ווערטער פארטויבן. אונדזערע קליידער זיינען שוין שטויביק־ווייס, ווי דער געשלענגלטער קאַלכיקער וועג אונטער די רעדער.

א ווינט בלאָזט פון יאַם, טרייבט אויף כאָפּטעס שטויב אין סטעפּישער פוסטקייט, פארשיט אונדז די אויגן, די צורעס, און דער יאַם פונוויטן זעט אויס מעשונע־בלאָ.

מיר, א געבאָרענעם אין ליטע, וואָס האָט קינדער־יאָרן פארבראַכט אפ דעם גראָען טייַך דווינע, דוכט זיך, אז שולדיק אין דער יאַם־בלאָקייט זיינען די עטלעכע וועשערנס, — דאָס האָבן זיי צופיל בלאָווייס אין יאַם אריינגעשאָטן...

— שוין א צייַט, ווי איר ארבעט אַפּ די יידישע פּאָנדן?

דינאָר קוקט אַפּ מיר פאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט ערשט איצט באמערקט, אַז אַ ווילד־פרעמדער זיצט מיט אים אין אווטאָמאָביל.

ער פרעגט שולדיק איבער:

— וואָס זאָגט איר?

— שוין אַ צייַט, ווי איר אַרבעט אַפּ די פּאָנדנ?

— באַלד צוויי יאָר.

און פריִער ווו האָט איר געאַרבעט?

— איכ האָב פאַרוואלטעט דאָ אין געגנט מיט די נאַציאָנאליזירטע פּריציש‌ע הויפנ.

— ווו האָט איר זיכ געלערנט פאַר אנ אגראָנאָמ?

— באמ טאטנ.

— איר מיינט ערנסט?..

— איכ ענטפער אייכ גאַנצ ערנסט. דער טאטע מייַנער האָט געהאַט ערד הינטערנ שטעטל.

דינאָר דרייט אויס זייַנ פּאָנעמ אָנ א זייַט, ווי ער וואָלט מיטנ שאַרפנ קער פונ קאָפּ וועלנ זאָגנ, אַז ער וויל מער ניט ריידנ, אויגנ קוקנ אַראָפּ צומ קאלכיקנ באָדנ, ווי זיי וואָלטנ אונטערנ ווייַסנ שטויב, אינ שיטערנ גראָז וואָס געזוכט.

דער אווטאָמאָביל שלעפּט זיכ באַרג־אַרופ. דער וועג איז א שמאָלער, שטיינערנער, צעגראָבנ אינ טיפע גרי־בער, אינ שפּיציקע בערגלעכ.

דער אווטאָמאָביל איז שיקער פונ מידקייט, פונ שווערנ וועג, פונ צעגראָבענעמ טראקט. דער שאָפער ליגט מיט

זיין גאַנצן גוף אַפּ דער ראָד אָנגעלייגט. דער שאָפער גע־דענקט:

איינע פאַלשן קער, און מיר פליִען אונטערן גראָבן.

בער הייסט אָפּשטעלן דעם אווטאָמאָביל:

— קאָסטיע, קריך אַפּ מיין אָרט. ווערסט דערווייל אויסרויכערן א ציגאַרעטל. איך דאַרף באַקוקן די געגנט.

דינאָר זיצט איצט אַפּן אָרט פונעם שאָפער. גרויסע הענט, הענט ניט קיין אָפּגעהובלטע, ווי זיין גאַנצער גוף, ליגן איצט אַפּ דער ראָד. ער דרייט זי פּאַראַקשנט און בייז.

דער אווטאָמאָביל דערפילט, אַז קאָסטיע — דער גוט־מוטיקער יונג, וואָס בענקט שוין לאַנג נאָך אַן עמעסן לעבעדיקן פערד און הילצערנעם וואָגן, איז אוועק.

מיט אַלע אייזערנע גלידער דערפילט דער אווטאָמאָביל א היציקן, אומרויִקן פירער, הייבט זיך אָן צע־טומלט טראָגן איבער בערג און גריבער און בלייבט שטיין אין טאָל.

בער קריכט אַראָפּ פון אַווטאָמאָביל, געפינט א שטיין, וואַרפט אים עטלעכע מאָל אַפּן הארטן באָדן.

א הילכיקער קלאַנג פון געוואָרפענעם שטיין צע־טראָגט זיך אין דער אַרומיקער שטילקייט, הילכט טאָפּ ער־געץ ווייט, ווייט און פאַרגייט מיטן ווינט.

— דער באָדן שווייגט, שטום געוואָרן, — וויל איך די ערנסטקייט פון בערס פּאָנעם פאַרטרייבן.

— ער וועט באַלד ריידן, — ענטפערט ער זיכער.

דינאָר ציט זיך אויס מיט זײַן גאַנצער לענג אפ דער ערד און הייבט אָן שלאָגן מיטן שטיין דעם באָדן. ער שלאָגט אים פּאַמעלעך און מיט אסאך געדולד, קריכט אום אפ די קני, אפ אלע פיר. פון אונטער זײַן העמד קוקט ארויס א ברוינע אָפּגעבערענטע הויט, א הויט א גלאַנציקע, גלאַטע, ווי אויסגעטריקנטער לעדער. א זונ אפ אים ליגט א הייסע, אוראלטע, און ער אליינ דערמאָנט אנ אמאָליקן בושמענער, וואָס קלאפּט אויס פּײַער פון שטיינ.

פון באָדנ הייבט ער אופ א פּאָנעמ א פּארשוויצטס. טראָפּנס שווייס קײַקלענ זיך פון שטערנ אפ די באקנ און רינענ אויס אינ באוואקסענער ברוסט, רונדע אויגנ פינקלענ פריילעך און מיט ניצאָכנ:

— אָט דאָ וועלנ מיר נעמענ שטיינער פּאַר די געבײַדעס. דער שטיינ ליגט גלײַך אפּנ אויבערפלאך, און דאָס אָרט איז ניט ווײַט פינ די יישוווימ.

— ווי אַזוי דערקאָנט איר? — פרעג איך נאָכאמאָל פארוווּנדערט.

— פּאָשעט, לויטנ אָפּהילך פון געוואָרפענעמ שטיינ. די היגע שטיינשנײַדער דערקאָנענ דעמ באָדנ לויטנ טראָט פון פוס, נאָר איך בינ נאָך דאָ א גרינער, קומט מיר אויס מאכנ אָט די אלע קונצנ. איר זײַט נאָך ניט מיד?

— ניינ.

— וועלנ מיר צופּאָרנ זענ, ווי מע זעגט דעמ שטיינ פון באָדנ.

— גוט.

ער באקומט ארויס פונ זײַנ לעדערנעמ זאָרבעלע א געגנטמאפע, זוכט צווישנ רויטע אונ בלאָע ליניעס דאָס אָרט, אפ וועלכנ מיר שטייענ, אונ הייבט אָנ אויסרעכענענ, וויפל וויאָרסט איז עס פונ צווייונצוואנציקסטנ ערדביילעק.

אינדערווײַט טרינקט זיכ אינ זונ אנ איינציק פויערש הויז, דער קוימענ וויקלט א דינעמ פאס רויכ צומ לויטערנ הימל, האָבנ סטעפישע ווינטנ ניט וואָס צו טאָנ אינ אזא פוסטער ברייטקייט, כאפנ זיי אונטער דעמ דינעמ פאס רויכ, דרייענ אימ אינ רייפנ אונ צעטרײַבנ אימ אינ ארומיקער לויטערקייט.

מיר פאָרנ ווײַטער.

אַנטקעגנ אונדז קומט א ייד מיט אַנ אָקס. דער אָקס איז געשפאַנט אינ א לאנגנ וואָגנ. ביידע, אי דער ייד, אי דער אָקס, זײַנעמ שטויביק אונ פארוואקסנ. ביידע, אי דער ייד, אי דער אָקס, שטעלנ טריט שווער אונ פאמעלעכ, ווי זיי וואָלטנ איינ מאָל פאר אלע מאָל באשטימט, אַז דאָ, אפנ האַרטנ שטיינערנעמ באָדנ וועסטו מיט אײַלעניש אונ אימפעט גאָרניט אופטאָנ, דאָ דארפ מענ שטעלנ טריט אויסגערעכנטע אונ טיפע.

דעמ אָקס איז שוינ באקאנט דאָס גרילצעדיק געשריי פונ דעמ אווטאָמאָביל, בלײַבט ער האכנאָעדיק שטיינ, וואַרט מיט אָקסישנ גלײַכגילט ביז זײַנ באַלעבאָס וועט ענדיקנ ריידנ מיטנ אגראָנאָמ.

דער ייד איז א שווארצער, רירעווודיקער, שטייט א רעגע ניט איין אף איין אָרט. אף די פּלייצעס טראָגט ער אן אלטן אויסגעטראָגענעם סורדוט, אף די פיס — לייַ־ווגטענע הויזן. באָרוועס. ער שטייט אפן אווטאָמאָביל־גאַנעק און דערציילט א פאַרפּלאָנטערטע מייַסע וועגן צוויי שטעטלדיקע יידן... די יידן האָבן אים געגעבן געלט, ער זאָל פאר זיי אָנקוקן און פארפעסטיקן א נאכלע... דאָס געלט זייערס האָט ער פאַרטאָן אפן אָקס־ און וואָגן... און קיין ערד פאר זיי איז ניטאָ... איז עפשער קאָן דינאָר אים געבן א צעטעלע, אז ער איז א קאפּצן. בלויז א צעטעלע.

דער אָקס האָט שוין פון דערפארונג געוווסט, אז פון די אלע הינטערוועגישע שמועסן קומט גאָרנישט ארויס, אז סייווי־סיי וועט ער דעם באַלעבאָס זיינעם דארפן פירן אין דער דערבייַיקער שטאָט, אין קאָנטאָר ארייַן... דעם אָקס איז דערעסן געוואָרן שטיין אָן טאַכלעס אפן צע־דרייטן וועג, האָט ער דעם וואָגן און געשפּאַן א שלעפּ געטאָן פון אָרט — אוועק מיט א געבויגענעם קאָפּ צום יישעוו.

דער ייד איז פון אווטאָמאָביל־גאַנעק אראָפּגעשפּרונגען, מיט באָרוועסע פיס נאָכן אָקס־און וואָגן געלאָפן און גוטמוטיק דעם אָקס געזידלט:

— שטיי, בעהיימע!.. שטיי, אָקסענער קאָפּ!.. א וואָרט מיט א מענטשן לאָזט ער מיר ניט אויסריידן.

דער אווטאָמאָביל פאָרט מיט אָפּטע איבערייַסן.

פון דער ברעג־יאמיקער שטאָט, פון יעווּפּאטאָריע ציִען זיך פורן באַזעצט מיט יִדישע פויערים.

זיי קוקן בייז אפן אויסגעטריקנטן הימל, א הימל, וואָס ליגט שוין וואָכנלאנג אָ א טראָפּן פייַכטקייט אפּ אויס־געדארטע, אויסגעטריקנטע פעלדער. א ווינט ברענגט צו שלעפּן א שטיק וואָלקן פון יאַם. דער וואָלקן קריכט אָן פּאַמעלעכ, ער איז א שווערער, בייַכיקער, מיט צוויי העלע פלעקן אינדערמיט.

אין בייזע אויגן פון פויערים צינדט זיך אָן פריידּ; אין צעקנייטשטע, פארברוינטע צורעס לייַטערט זיך אויס א האָפענונג:

— א רעגן!!!

— שלוימע, א רעגן!!!

קייַקלט זיך דורך די פריידיקע פּסורע אין פּוסטן פארטריקנטן סטעפּ, קייַקלט זיך דורך פון וואָגן־צו־וואָגן, קלינגט אָפּ אין פויערישע הערצער מיט גליק, מיט גע־רעטעניש, מיט אופגעגאַנגענעם ברויט אפּ אויסגעטריקנ־טע פעלדער.

זיצן יִדישע פויערים אין די לאנגע הילצערנע פורן, קעפּ פאריסן צום שוואַרצן וואָלקן מיט די צוויי העלע פלעקן אינמיטן אוןווארטן אפּן רעגן, ווי פריִער באַ גאַנקעס פון פוסטע קרעמלעך אפּ לייזונג, און דער רעגן, ווי די געגאַרטע לייזונג אמאָל, קומט ניט; א ווינט צעדרייַסט דעם וואָלקן, צעדרייַסט אים אַפּ שטיקלעך און לאָזט אים הענגען אפּ קעפּ פון פויערים,

ווי קריע; א גלייכע דאַרעמ־זון, א געלע, שאַרפע, ווי יאָרצייטליכט, ברענט אָן א טראָפּן ראַבּמאָנעס די פּויע־רישע האָפענונגען.

אויגן בא פויערים לעש זיך אויס, צורעס ווערן צו־ריק שוואַרצ און צעקנייטשט, ווי דער צעריסענער וואָלקן וואָלט זיך צו זיי אין די צעקנייטשטע צורעס פאר־קליבן, און לאנגע בייטשן קנאַקן אינקאעס אפ דארע רוקנס פון מידע אָקסן:

— ניטאָ קיין רעגן!

— ניטאָ!

IV

כאַנע

כאַנע זיצט אפ א בערגל בא א קופּע אויסגעזעגטע שטיינער און קייט א שטיק סיטנע ברויט. זי דערהערט פונדערווייטן דאָס פּייפן פון אווטאָמאָביל, שפּרינגט אוף פון אָרט, ווי זי וואָלט זיך קלייבן אונדז לויפן אנטקעגן.

אנשטאָט צו לויפן אונדז אנטקעגן, ציט זי אַרופ אפן פּאָנעם גלייכגילט און קייט ווייטער איר שטיק ברויט.

בער דערקאָנט זי פונוויטן, דערקענט זי נאָכן פאר־ביקן קאָרטענעם קלייד, וואָס זיצט פעסט ארום איר יונגן גוף ארומגעוויקלט. די רונדע אויגן בא בערן ווערן אופגעלעבט יינגלשער, און זיין גאַנצער שלעכט־אָפּגעהובעלטער גוף ציט זיך אָן, ווי ער וואָלט וועלן א שפּרונג טאָן.

— ווער איז זי?

— א יונגע פּויערטע. זי איז אַהער געקומען פון א ווײַסרוסיש שטעטל אסטראָשיצקי־האָראָדאָק... מיטדערצײַט וועט זי נאָך זיך פירן די היגע פּויערים... זי אַרבעט גוט...

בער באמיט זיך ריידן געלאסן און פויל, ווי די יונגע פויערטע באם בערגל שטיינער גייט אים ווייניק אָן, — אייגע פון אסאך פויערטעס, וואָס וועלן מיטדערצײַט גוט ארבעטן...

נאָר אויגן קוקן צו ברייט און אופגעלעבט, און ווערטער פון פארטריקנטע ליפּן פאַלן צו ווייך אין באַהארצט.

בער שרײַט פון אווטאָמאָביל:

— כאנע, וואָס טוט איר דאָ?

— איך היט די שטיינער.

— ווו איז גערשן?

— אוועקגעפאָרן אין שטאָט.

— ער האָט היינט געארבעט?

— ביז זיבן אינדערפרי. באלד וועט ער זיך אומקערן.

כאנע קוקט ניט אף בערן. כאנע קוקט אף די אויסגעזעגטע שטיינער, וואָס זעען אויס, ווי גרויסע סאָלדאטישע לאבנס ברויט. בער שטייט הארט נעבן איר און זוכט ווערטער, זוכט און געפינט ניט. כאנע קערט אויס איר פּאָנעם צום אגראָנאָם און דערציילט פריילעך:

— איר ווייסט, כאווער דינאָר... איך בין נעכטן אינדערפרי געווען בא אייך...

בערס אויגן ווערן גרעסער, רונדער, און א רויטקייט פארשווענקט זיין אָפּגעברענט פּאָנעם. ער פרעגט פאר־ווונדערט:

— אין שטאָט?

כאנע לאכט זיך הילכיק פאנאנדער, צוויי שורעלעך ציין פינקלען אף דער זון. די ציינער זיינען געדיכטע, שמאָלע און קריכן אָן איינע אף די אנדערע...

— מיט וועמען זייט איר געפאָרן?

— איך בין צופוס געגאנגען.

— צווייונצוואנציק ווי̇אָרסט!

— איך בין ארויס פארטאָג, אינדערפרי בין איך שוין געווען בא אייך.

— און ניט געטראָפן?

— איר האָט ניט געגעכטיקט אינדערהיים.

אף כאנעס פּאָנעם רוקט זיך אָן א בארויגעזדיק וואָלקנדל, פארציט עס מיט פארדראָס פאר צווייונצוואנ־ציק וויאָרסט צופוסגיין... און עפשער טוט איר וויי, וואָס דינאָר האָט די פאָריקע נאכט ניט געגעכטיקט אינדערהיים?

— כאנע, פארוואָס האָט איר ניט געזאָגט, אז איר וועט בא מיר זיין?

ווערטער פון בערס איבערגעטריקנטע ליפּן פאלן איצט הייזעריק, מיט א שטארקער כאראָטע פאר א

פארשפּילטער באַגעגעניש. כאַנע ענטפערט גאָרנישט. כאַנע האָט איר שמאָלן גוף אויסגעקערט צום סטעפּ, צו זונ און געשוויגנ.

בער איז מיט איבערגעטריבענע גיכע טריט אוועק אהינ, ווו אכט זעגער האָבנ מיט קורצע זעגנ געשניטנ דעם שטיינ פונ באָדנ.

אפ קעפּ פונ ארבעטער איז געלעגנ א מאסיווער שטיי. ערנער דעק, געלעגנ שווער אונ צעשרומפּנ אינ שארפע ווינקלענ, וועט האָבנ זיכ געשלענגלט טיפ, טיפ, געעפנט שמאָלע צעדרייטע דורכגאנגענ אונ שפּאלטנ, אונ וואָס ווייטער בער איז געקראָכנ, אלץ טונקעלער אונ קילער איז אינ הייל געוואָרנ. דער הייל האָט שטארק דערמאָנט א פרישע, ניטלאנג אופגעריסענע קוילנ־שאכטע.

אונ די לופט איז דאָ אויכ געווענ אזא געדיכטע, אָנגעשטרענגטע, אָט־אָט רייסט זיכ אָפּ א שטיק דאכ אונ פארשיט אונ באגראָבט די אכט זעגער איינעמ מיט בערנ...

ניינ, דער דאכ האָט זיכ ניט אָפּגעריסנ, געבליבנ הענגענ מיט זיינ שארפנ פארשניטענעמ קאָפּ צו זונ פּאריסנ, אונ בער מיט די אכט ארבעטער האָבנ גענו־מענ מעסטנ די ברייט־לענג פונ די אָנגעוואָרפענע שטיינער.

איכ בינ געזעסנ אָפּגערוקט אונ פונוויטנ געקוקט, ווי די אכט זעגער שניידנ מיט קורצע זעגנ דעם שטיינ פונ באָדנ, אונ געטראכט אזוי:

„טויזנטער יאָרן איז שטיינערנער באָדן געלעגן שטום און פארגליווערט, געבענקט אין עלנטער פארלאָזנקייט, אין סטעפּישער פּוסטקייט נאָך מענטשישע טריט. זעלטנווען האָט זיך א טאָטערשע איינזאמע פור געשלעפּט אף זיי̆ע ברייטן, געשלעפּט זיך צענדליקער מײַלן צו א פארוואָרפענעם דערפל, און ווידער האָט א דאָרעמזון געכאָוועט איר היץ אין לאנגע אויסגעצויגענע זרמער־טעג; ווידער האָבן סטעפּישע ווינטן געפּוסטעפּאסעוועט אין ווילדע שטעכיקע גראָזן, און באדערנאכט, ווען זון ווערט רויט און קײַלעכדיק, ווי א שטיק צעשמאָלצן אײַזן, און יאם־כוואליעס שרײַען, ווי ניט דערקוילעטע אָקסן,— באדערנאכט קושן גראָע שוימיקע קעפּ פון פארמאטערטע כוואליעס דעם זאמדיקן ברעג, קושן אים טויזנטער יאָרן און ווערן ניט זאט.

„האָט א פארלאָזטער סטעפּ ניט געוואַרט, ניט געכאָלעמט, אז אין יאָר אין טויזנט נײַן הונדערט פינפונצוואנציקסטן וועט זיך אָרעמקייט פון די יידישע שטעטלעך:

הארָאדאָק, קאפּולע, סלוצק, אָוורוטש,

נעשוויזש, פאריטש, זעמבין, טשערעשני, נעמיראָוו —

פון די צוגעבונדענע ערטער אָפּרײַסן, אָפּרײַסן זיך און אוועקגיין צופוס און אף באנען, אף פערד און אף אָקסן, זוכן ערד און ברויט אפן ברעג פון שווארצן יאם.

„סטעפּ האָט ניט געזען, ווי הילצערנע, האלב־אײַנגעפאלענע קרעמלעך, מיט שילדן אלטע און פארזשא־

ווערטע, ווי מאַצייווע־שטיינער, האָבנ בלינד באַגלייט ייִדנ בערדיקע אונ געגאָלטע, מיט ווײַבער אונ קינדער, מיט שטוביקנ אַלטוואַרג אונ דאַלעס.

„סטעפּ האָט ניט געהערט, ווי אינ געוועזענע שטעטלשע באָטעמעדראָשימ — איצטיקע קלובנ — זײַנענ רעדנער ביז שפּעט אײַנדערנאַכט געשטאַנענ אַפּ טריבונעס, געוועזענע בימעס, אונ גערעדט וועגנ ערד אונ טאַכלעס פאַר קינדער. אונ ייִדנ האָבנ געהערט אונ ייִדנ האָבנ פאַרשטאַנענ, אַז שווער וועט זײַנ דער וועג, נאָכ שווערער די פּויערישע מי, נאָר שטאַרבנ דאָ פונ הונגער, בײַ גאַנקעס פונ טויטע קרעמלעכ ווילנ מיר ניט.

„אונ ייִדנ זײַנענ געפאָרנ צו ערד, ווי אַמאָל אינ פאַרצײַטנ צו כאַסענעס: מיט מאַטאָנעס אונ באַגלייטער, מיט געוויינ אונ ווינטשענישנ. פאָרויס האָבנ שטעטלדיקע קלעזמער געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל”, אונ לײַוונטענע פאָנעס האָבנ איבער קעפּ געפלאַטערט, ווי כופּע־שטענגלעכ.

„שטעטלשע ווײַבער האָבנ זיכ מיט שמוציקע פאַרטעכער געווישט די אויגנ, אונ שוינ בײַם באַנ, בײַם סאַמע אָפּפאָרנ, דערמאָנט אַנ אַלטע באַדכאָנישנ ליד.

„די ליד האָבנ ייִדנ איצט געדאַרפט, געדאַרפט ווי ברויט, ווי אַ העמד אַפנ לײַב. הייזעריקער געזאַנג האָט זיכ שווער געלייגט אַפּ שינדלדיקע, מיט מאָכ פאַרוואַקסענע דעכער, אַפּ שמאָלע געסלעכ, געבליבנ ליגנ אַפּ קעפּ פונ געלאָזענע קרעמלעכ, ווי שוויגערישע קלאָלעס.

„הערט זיך אײַנ איצט דער שטײנערנער באָדנ, ווי קורצע מעסערס צעשנײַדנ זײַנ טויזנטיאָריקע פאַרגלײ־ווערטקײט, פאַרנעמט טיפֿנ טראָט פֿונ אקער, געשרײ פֿונ אײַלנדיקנ אווטאָמאָביל, געקלאַפּ פֿונ פּויערישע פורנ, אונ וויל אַלצ נאָך ניט גלויבנ, אז ייִדנ פֿונ ווײַסרו־סישע אונ אוק־אינישע שטעטלעך האָבנ זײנ דו אונ שטומקײט אפֿ שטענדיק צעטראָטנ.

אזוי זע איך — א געקומענער ראָמאַנטיקער, א פאַרליבטער אינ גרויסע איבערוואנדערונגענ. אונ דער אגראָנאָם דינאָר זעט ניט אזוי. דער אגראָנאָם דינאָר זיצט לאַנג אינ דער ארומרינגלונג פֿונ די זעגער, רעכנט אונ צײלט, וויפֿל שטײנער פֿונ באָדנ זײ האָבנ אויסגעשניטנ. אַר אנ אויסגעזועגטנ שטײנ צאָלט ער זײ פֿופֿצנ קאָפּיקעס. די זעגער זײנענ אינקאַעס אונ האָבנ טײַנעס:

— צוויי טעג זײַנענ זײ ארומגעגאנגענ לײדיק.

— כאווער אגראנאָם! — שרײַט א הויכער ייִד מיט א געל בערדל אונ פאַרזשמורעטע אויגנ — מ'דאַרפֿ מאַכנ א סאָפֿ צו די רײַסערײַענ אינ קאָלאָניע. צוויי טעג גע־פּאַטערט צוליב יאַשקע טולטשינער, — אימ פּאסט ניט, דעמ וויסטנ באַלעבאָס, בויענ זײַנ „אימעניע” מיט די „רויטע ייִדעלעך”, — אָנ וואלגערנ זיך צוויי קופּעס שטײ־נער, אונ מע רירט זײ ניט... אונ כאַנע איז מעכויעוו גאַנצענע טעג דאָ זיצנ?.. זי האָט ווײניק ארבעט אינ דער באַלעבאַטישקײט?.. פּאַרנ היטנ דעמ סטעפּ וועט מענ איר קײנ זשאַלעוואַניע ניט צאָלנ...

— זיך פאנאנדערגערעדט אינמיצקע דערינענ. די הענט טויגנ אינ דער ערד, אונ דער צונג פאַרדינט רייד. געַ־ נוג קלאָגנ אפ דער מאַראָכע. די נאכט ליגט שוינ אַפנ קאָפּ.

דער הויכער ייִד ענטפערט גאָרניט, הייבט אופ פונ דער ערד די זעג אונ גייט אוועק צו דער שטיינערנער וואַנט. דער יונגער באָכער, וואָס האָט אים אָט ערשט געצווונגענ שוויַיגנ, בלייַבט שטיינ אנ אָפּגענאַרטער אונ עטוואָס פארלוירענער. ער האָט געהאָפט, אז דער ייִד מיטנ געלנ בערדל וועט זיך מיט אים פארמעסטנ, אונ דאַנ וואָלט ער אים דערציילט זייַנ ייִכעס.

ניסנ סאָלאָדוכע איז שוינ זעקס כאַדאָשימ אפ די פּאָנדנ. די ערשטע צוויי כאַדאָשימ האָט ער געשוויגנ. שרעק אונ צעשלאָגנקייט האָט אימ פונ שטעטל באגלייט, געזעסנ פעסט אפ זייַנע דאַרע, עטוואָס אופגעהויבענע פּלייצעס, ווי זיי — די פּלייצעס — וואָלטנ שטענדיק אונ אלעמאָל געוואַרט אפּ א קלאפּ.

א גענגעלע האָט ער געהאט א לייַכטס, א שווימענ־ דיקס, ווי ער וואָלט מוירע געהאט די ערד אָנרירנ.

אזוי איז ער צוויי יאָר אומגעשווומענ מיט זייַנ לייַכט גענגעלע איבער אלע מערק פונ זייַנ געגנט, האָט אריַינגערוקט זיינע עטוואָס אופגעהויבענע פּלייצעס צווישנ מארק־בייַדלעך, געקויפט אונ פארקויפט, אונ איז שטענדיק ארויס מיט דער טאָרבע אונ מיט א שווערנ כויוו דעמ פינאַפטייל...

דינאָר באמערקט קורצ:

— ער וועט זײַנ א פויער. אויב ער האָט שוינ טײַ־נעס אונ מאָנט, וועט ער זײַנ א פויער. ערגער איז געוועג, ווענ ער האָט געשוויגנ.

דינאָר מאַכט די לעצטע פאַראָרדענונגענ אונ גייט צוריק צומ אווטאָמאָביל.

כאַנע זיצט אפ איר פריִערדיקנ אָרט, בא דער קופּע שטיינער, אונ אויגנ קוקנ אראָפּ, צו דער ערד.

דינאָר וואַרפט ווערטער גלאַט אזוי, אינ סטעפּ אריַינ:

— איכ פאָר באלד אינ שטאָט.

כאנע ווייסט, אז די געוואָרפענע ווערטער געהערנ איר. זי הייבט אופ דעמ קאָפּ אונ ענטפערט פריילעכ:

— געזונטערהייט!

בער ציט ארופ אפנ ברייטנ ביינערדיקנ פּאָנעמ דעמ גאנצנ ערנסט אונ דערקלערט שטארק זאכלעכ:

— אויב איר דארפט אינ שטאָט, קאָנ איכ אייכ מיט־נעמענ.

— אז איכ וועל דארפנ קומענ, האָב איכ פיס.

כאַנעס מויעכ איז איצט וואַכ אונ בויגעוודיק. זי לאָקערט נאָכ יעדנ קער אונ ריר פונ בערס געדאנקענ, אונ האָט שטאַרק האַנאָע, וואָס בער קאָנ זײַנ פארלאנג זי צו זענ ניט באַהאַלטנ אונטער טרוקענע ווערטער־פעלעכלעכ.

בערנ ווערט דערעסנ איר שפּילנ זיכ מיט ווערטער, אונ עפּשער רעגט אימ אופ איר קוקנ אַראָפּ. ער גייט צו

נאָענט צו כאַנענ, ליגט אַרופּ זיינ גרויסע האַנט צו איר אַפּ דער פּלייצע, אונ ווערטער פונ זײַנע צעשפּאַלטענע ליפּנ זײַנענ אָפּענע, פּאָשעטע — ווי די פּירקאַנטיקע אויס־געזעגטע שטיינער:

— כאַנע, איך וויל הײַנטיקנ אָוונט זיינ מיט אייך, פּאָרט אינ שטאָט...

נאָכנ גלאַנצ פונ זײַנע אויגנ, נאָכ זיינ אָפּגעהאַקטנ אָטעמ ווייסט כאַנע, אַז בער וועט מער קיינ איינ וואָרט ניט אויסריידנ, מער וועט ער ניט בעטנ. זי קוקט א ווײַלע פאַרלאָרנ אינ זײַנע ברייטע שוואַרצאַפּלענ, וואָס פאַרנעמענ איצט דעמ גאנצנ קײַלעכ פונ די אויגנ־רייפּלעכ, אונ פרעגט שטיל:

— בער, ווו זאָל איך וואַרטנ?

— אָט דאָ, באַ די שטיינער. איך פאָר באלד צוריק.

V

באַרג־יידנ

לאַנג שטייט נאָכ כאַנע אונ קוקט אַפנ רויכ פונעמ אָפּפאָרנדיקנ אַווטאָמאָביל. פונוויַיטנ זעט זי אויס, ווי א פארביקער פלעק אינ דער אַרומיקע פוסטקייט.

בער שווײַגט, אונ ווענ ער הייבט אָנ ריידנ, רעדט ער ניט וועגנ כאַנענ, וועגנ די שטיינער. ער דערציילט פּלוצימ, אַז זעקס יאָר האָט ער געאַרבעט אינ אַ וורשט־פאבריק. די פאַבריק איז געווענ אַנ אלטע, קוסטארישע.

אפ פינפ פוד פריש פלייש האבנ מאשינ-ציינער צעריבנ איינ פ׳ד פאדלע, נעוויילע. אונ דא אפ די פאנדנ איז דער פראצענט פונ אפפאל אסאך א גרעסערער...

ער קערט אויס זיינ פאנעמ צו מיר, אונ ווערטער קומענ צו מיינ אויער סקריפענדיקע, ניט-געשמירטע. אינ האלדז בא אימ ליגט זייער פיל שטויב, מאכט הייליק די ציינער, קלעפט דעמ צונג צומ גומענ.

— די בארג-יידנ, א קליינער, פארווארפענער שייוועט מיט א מאדנער טאוגעמ-שפראכ. זיי לעבנ שוינ הו.דערטער יארנ אפגעזונדערט פונ יידנ, צווישנ די קאווקאזער פעלקער. ווער האט געקאנט פארויסזעענ, אז גראד איצט, אכט יאר נאכ דער רעוואליוציע, וועלנ זיי זיכ אופהייבנ פונ די איינגעזעסענע ערטער אונ קומענ זוכנ דא ערד? אויב דא וועלנ מיטדערצייט זיינ אויסגעצייכנטע ווירטשאפטנ, — וועט עס געהערנ צו זיי, אבער נאכ טשיקאווער איז, וואס זיי ווילנ זיכ באהעפטנ אונ אויסמישנ מיט אונדזעריקע. אונ אונדזערע פאריטשער „איי אפייער" קוקנ אפ זיי פונויבנ אראפ, רופנ זיי די „ווילדע ברוימ". אט פארנ מיר איצט אפנ צווייונצוואנציקסטנ ערדכייל-ק. איר ווייסט וועגנ וואס דארט גייט א קריג? — די יידנ פונ די ווייסרוסישע שטעטלעכ ווילנ ניט בויענ זייערע הייזער איינעמ, פאדערנ פאר זיכ א באזונדערנ קווארטאל ...

בער ווערט אנטשוויגנ.

דער צווייונצוואנציקסטער ערדכיילעק ליגט פאנאנדער־

געוואָרפן אין עטלעכע גרויסע שטאַלן. די שטאַלן זײַנען אַלטע, צעבראָכענע, דערלעבן שוין די לעצטע טעג.

אפן הויף זיינען אָנגעוואָרפן קופּעס שטיינער, זאמד, ברעטער. פורן שטייען אויסגעשפּאנטע, און פּאַרמאַטערטע אָקסן רוען אפן שיטערן גראָז הינטער די שטאַלן.

א יונגער פויער שלעפּט פון פעלד אָפּגעשניטענעם קלעווער. דער קלעווער איז קורץ און שלעכט אופגעאנגענ.

אין מיטן הויף ארבעט א דרעשמאשין. זי פּאַרשפּרייט אין פּוסטן ארום א טרוקענעם טומל, ווי ערגעץ ווײַט־ווײַט וואָלט שווער און מארודנע גיין א באַן. א שטויב פארשיט די צורעס און קליידער פון די פויערים.

פויערים ארום דער מאשין אַרבעטן הוילע, אָן העמדער, און ס'איז שווער צו דערקענען, פון וואָס איז בא זיי אזוי שוואַרץ די לײַבער — פון זון, צי פון שטויב?..

אין א הויף־ווינקל שטייט אן אלטע קאווקאזער יידענע און קלעפּט פון פערדישן מיסט קעסטלעך אַפּ צו האלטן שפּײַז

דאָס מיסט איז דורכגעקנאָטן מיט ליים און וואסער, קוואדזשעט צוויש. אירע דארע פינגער. זי טוט איר ארבעט געניט און פאַרכאפּט. גרויע פּאסמעס האָר ליגן צעוואָרפן אפן פּאָנעם, און דאָס פּאָנעם איז איינגעשרומפּ: און דאַר, ווײַזט אלע באקנביינער. אנשטאָט א קלייד טראָגט זי ברייטע פארביקע הויזן. זי טראָגט זיי עטלעכע פּאָר, לענגערע און קירצערע. א נ די אויערנ

באַמבלען זיך שווערע זילבערנע אויריינגלעך, און די אויערן גופע זײַנען דארע, אײַנגעשרומפּענע, ווי איבער־געטריקנטע פײַגן.

אַרום דער קאווקאזער ייִדענע שפּרינגען אַרום אָפּ־געריסענע ייִנגלעך מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און גע־גרײַזלטע האָר. די ייִנגלעך זײַנען שטאַרק ענלעך אַף הימלאָזע ציגײַנערלעך. זיי שפּילן מיט הילצערנע, דינ־פאַרשניצטע שווערדן אין א געשלעג. די הילצערנע שווערדן, שווינדלען אין קינדערשע הענטלעך געניט און פינקטלעך, אין שוואַרצע אייגעלעך ברען ען פײַערלעך, און שלאַנקע לײַבלעך זײַנען פלינק און בויגעוודיק.

פון שטאָט קומט צו רײַטן א יונגער באַרג־ייִד. דאָס פערד אונטער אים איז ווילד, נאָך ניט געוווינט צום צאָם און רײַטער, דאָס פערד שטייט ניט אײַן אַף אן אָרט, שפּריצט פון מויל ווײַסן שום, די ווײַסלעך פון די מידע אויגן זײַנען צעשפּאַלטן, און די אויערן צי־טערן פאַר אופרעגונג. ער וויל דעם רײַטער ניט אנדערש פון זיין פאַרשוויצטן גלאַנציקן רוקן אַראָפּוואַרפן, נאָר דער רײַטער מיט אן אלטן ביבלישן נאָמען, יעשוא, זיצט אפ אים זיכער און פעסט, די באָרוועסע פיס אײַנגע־קלאַמערט אין בויך. ער שפּרינגט זיך אַראָפּ פון פאַר־שוויצטן פערד, בינדט אים צו צום דערבײַיִקן סלופּ אין בעט אפ טאַטיש בא דער אלטער עסן.

די אלטע ווישט אָפּ אירע שמוציקע הענט אָן די פאַרביקע הויזן, ווישט זיי לאַנג און ביז טרוקן, גייט

פֿאַמעלעכ אוועק הינטערן שטאל, קײַקלט אַראָפּ פֿון א גרוב א גרויסן שטיין און שלעפּט אַרויס פֿונדערטיפֿ א פֿארבֿרענטע שטיק פֿלייש...

קאָסטיע דריקט מיט אַלע קויכעס דעם געגומענעם פֿענכער. דער פֿענכער רעוועט, שרײַט, רופֿט צוזאַמען די פּויערים.

— דער אגראָנאָם איז געקומען! — טראָגט זיך אַן אָנזאָג פֿון הויף צו דער דרעשמאשין, פֿון מאשין — צום פֿעלד.

די פּויערים פֿאַרלאָזן אַפֿ א ווײַלע זייער אַרבעט און הייבן זיך אָן קלײַבן אין שטוב.

די שטאלן, וווּ די פּויערים לעבן דערווײַל, זײַנען לאנגע, האלב־אײַנגעפֿאלענע, זען אויס ווי קאזארמעס, אַפֿ הילצערנע נארעס דרימלען עטלעכע איבערוואנ־דערער.

אַפֿ איין נארע — די קאווקאזער.

אַפֿ דער צווייטער — די ווײַסרוסישע.

באזונדער און אָפּגעטיילט.

זיי רינגלען ארום דעם אגראָנאָם און הייבן אָן אַלע מיטאמאָל קלאָגן אפֿן הימל:

— דער ווייץ ווערט פֿארברענט. א פֿאַרשאָלטענע געגנט דאָ. שוין דרײַ וואָכן, ווי ס׳ איז קיין טראָפּן רעגן ניט געווען... און וואָס וועט זײַן?.. די גאנצע האָפֿענונג איז דאָך — דער ווייץ.

דינאָר ענטפֿערט גאַרנישט. דינאָר קוקט מיט זיינע

פארשטויבטע אויגן אפן בינטל פויער מ און שרײַט זיך פאנאנדער:

— פארוואָס בויט איר ניט די הײַזער?! פריִער איז געווען טײַנעס: שטיינער, געהילצ. איצט ליגט עס ניט גערירט אָפּן הויף...

פון דער ווײַסרוסישער נארע קריכט אַראָפּ א נעפּעש, דער רוקן עטוואָס געבויגן, און גרויסע ברילן זיצן באם סאמע שפּיץ נאָז, אָט־אָט וועלן זיי זיך אַראָפּגליטשן, און דער נעפּעש וועט בלײַבן שטיין א קורצזיכטיקער און פארלוירע ער. ער האלט צו די ברילן מיט ביידע הענט און טרייסלט מיט די פּלייצעס, ווײַל ער דארף נייטיק האָבן די פארנומענע הענט צום ריידן...

— מיר קאָנען די הײַזער מיט זיי אינײנעם ניט בוי־ען, ווײַל מיר זײַ.ען מענטשן קולטורנע! שטאָטישע! און זיי זײַ ען נאָך גאָר ווילדע...

דער יונגערמאן שיט ווערטער גיך־גיך, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אז די ווײַטערדיקע געדאנקען וועלן פון אים אנטלויפן. נאָר קיין סאך וואָס צו זאָגן האָט ער ניט. ער כאזערט עטלעכע מאָל איבער די ווערטער „קולטורנע", „ווילדע", און ווען די אייגענע אויערן ווערט דערעסן הערן, ווי דער צונג קײַט אָן אופהער איינע און דיזעלבע ווערטער, שרײַט ער פּלוצים אויס:

— אז זייערע ווײַבער גייען נאָך אין פּלודערן!..

די פויערים אַרום לאכן זיך הילכיק פאנאנדער... דער יונגערמאן צעהיצט זיך פון דער אייגענער כאָכמע, פון

אַרומיקן צופרידענעם געלעכטער. ער לויפט צו דער טיר, עפנט זי ברייט פאנאנדער, און ווייזט מיט א דארע־פּאַריזענער האַנט:

— אַט, כאַוער דינאַר, זעט א קאַרטינע!

די קאַווקאַזער יידענע דערשרעקט זיך פאַרן הילכיקן געלעכטער, פאַר אזויפיל אַנגעשטעלטע אויגן; זי הייבט זיך אוף פון דר'ערד, ווישט אָפּ נאָכאמאָל די הענט אָן די רויטע פלודערן, קוקט מיט ברייטצעעפנטע אויגן אַפן אַגראַנאָם, ווי זי וואָלט בא אים הילף געבעטן.

— נו, איצט האָט איר געזעען א הוילעכ?.. און עפשער ווילט איר וויסן, ווי זיינ קאָכנ — זייט זיך מאַט־ריעכ און קומט מיט מיר הינטערן שטאל. הינטערן שטאל האָבן זיי אויסגעגראָבן א גרוב, אָנגעוואָרפן אהינ שטיי־נער. זיי ברענען אָן מיט שטיקלעך האָלץ די גרויסע שטיינער, ווארפן אהינ ארייַנ א שטיק פלייש אָדער קאָרענע באָ.דעס און שלעפן עס ארויס אָפּגעסמאַליעטע... אז איכ זאָג אייכ נאָכאמאָל: מיר זיינען צוויי באַזונדע־רע נאַציעס... אנדערע עלעמענטן, — פארענדיקט דער יונגערמאַן, מאַכט צורעכט די גרויסע ברילן אפן נאָז, בלייבט שטיינ קעגן דינאָרן, ווי א זיגער.

פון דער צווייטער נארע, פון דער „קאַווק־זער" קריכט אראָפּ א זאָקן. ער איז ברייטפּלייציק און הויכ, דער אַל־טער; א באָרד א לאַנגע, פּירקאַנטיקע, איז שוינ לאַנג ניט געקעמט און קוקט אָנ א זייט, ווי זי, די באָרד, וואָלט שטארק אינקאַעס זייַנ, וואָס מ'האָט איר רו געשטערט.

לאנגע וויִעס פארשטעלן די אויגן, און די אויגן גופע זײַנען פאַרצויגן מיט א נעפּל. אזוינע אויגן, זאָגט מען, קוקן מער אין זיך, ווי אין דער וועלט אַרײַן. ער גייט צו מיט פאמעלעכע טריט צום אגראָנאָם, פאַרנייגט זיך נידעריק. ער קיקט נאָר אפ דינאָרן, ווי א כוץ אים וואָלט דא קיינער ניט געווען, און הייבט אָן טײַנען:

— דער אשקינאזי זאָגט ניט עמעס!.. ניט עמעס... איין נאציע... יאהודים זײַנען מיר... יאהודים... געדענקסט, ווען האָמען האָט די יידן פון שושאן־האבירא פאַרטריבן, אָט, ווען אַכאשווירעש איז געווען א מיילעך, נו, פארשטייסט, א צאר... אָט יעמלט זײַט איר אוועק אין דײַטשלאנד, אין פוילן, אין ליטע... און מיר — אין די קאווקאזער בערג... קענסט מאָרדכען?... פון מאָרדכען שטאמען מיר...

עפשער דערפאר, ווײַל ער קאָן שלעכט די שפּראַך, און עפשער דערפאַר, ווײַל ער איז צו לאנג געלעגן אפ דער הארטער נארע, פלאָנטערט זיך בא אים אין קאָפּ אן אלטע פארצײַטיקע מײַסע, און קומט ארויס אזוי נײַ און נאָענט, ווי זי וואָלט אָט ערשט, מיט עטלעכע יאָר צוריק פאָרגעקומען. די ווײַסרוסישע יידן שמייכלען אײַנגעהאַלטן, און דינאָר קוקט גלײַכגילטיק פאר זיך, טראכט וועגן די שטיינער, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן אין העפקער. דער קאַוקאַזער זאָקן לויפט מיט געײַלטע טריט אַוועק צו זײַן נארע, באקומט פון אַ טאָרבעלע אַן אַלט, פאַרגעלט סייפערל. ער מישט אופ מיט געפּלאָנ־

טערטע פינגער „מעגילעס־עסטער” און הייבט אָן מיט אַ פאַרבענקטן קאַווקאַזער ניגן לייענען:

— וויַהי באַיאָמים האָהיימ — אָט פונדאַנען שטאַמען מיר! — טייַטלט ער מיט אַ פינגער אין בלעטל.

זייַן לאַנגע באָרד ציטערט פאַר אופרעגונג; זייַנע פאַרצויגענע אויגן זייַנען איצט גרעסער און ברענען מיט פייַער. די באַרג־יידן, אויך אַזוינע הויכע, בערדיקע און אַמאָליקע, שטייען אַרום אים, שאָקלען שטום מיט די קעפ און דערמאנען אַן אַלטע פאַרשטויבטע גראַווירע, וואָס מע האָט אַפ אַ בוידעם פון אַ בילדער־מוזיי געפונען, דעם שטויב פון יאָרהונדערטן אָפגעווישט און געצווונגען זיי לעבעדיק ווערן און אומגיין אַפן פויערישן הויף.

און קינדער פון ווייַסרוסלאַנד, פון אוקראַינע, פון קאַווקאַזער בערג גייט ווייניק אָן דער קריג פון טאַטעס, זיי לויפן אַרום איבערן גרויסן שטאַל, פאַרשפרייטן אַ קינדערשן מונטערן טומל...

אין שטאַל גייט אַרייַן דער יונגער באַרג־ייד, אָט דערזעלביקער, וואָס איז ניטלאַנג געקומען צו רייַטן פון שטאָט. ער באַקוקט גיך דאָס רעדל פויערים, הייסט דעם אַלטן צוריק אָוועקטראָגן דאָס סייפערל.

אין פאַרביקן גורט איז באַ אים פאַרפלאָכטן אַ שאַרפער אויסגעדרייטער מעסער, און דער גורט אַרום די לענדן איז אָנגעצויגן פעסט, באַווייַזט אַ בויגעוודיקן, גוט־אויסגעפורעמטן קערפער.

די אַלטע באַרג־ייִדן ווערן פרײלעכער, לאָזן אים דורך פאָרויס און הייבן זיך אָן רוקן נעענטער צו אים, ווי דערשראָקענע קינדער אַרום אַ טאַטן. ער רעדט אָפּגעריסן און בייז:

— מאָרדכע געווען אַמאָל... אַמאָל... אשקינאזים — אַמאָל, יאַהודים — אַמאָל... מיר האָבן געלעבט אַפּ הייכע בערג, באַם הימל... געטראַכט: מיר זײַנען העכער פון אײַך... פון אַלע ייִדן זײַנען מיר העכער... דער טאַטע אַזוי געזאָגט... דער זיידע — אַזוי געזאָגט... דער טאַנאַך אַזוי געזאָגט. . אַ ליגן! אַ ליגן! די רעוואָליוציע העכער... אַלעמען גלײַך געמאַכט. אַלע איין פויערים־פאָלק. אומזיסט זידלט שולמאַן מײַן באַבע. זי איז ניט שולדיק. . זי טראָגט הויזן... אַלע לאַכן... אַזוי האָט מען באַ אונדז געלערנט... אַפּ מיר קוקט!.. אַפּ די קליינע קינדער קוקט!.. איך לייען אַ ייִדישע צײַטונג אַזוי ווי אַלע... מיר ווילן ניט זײַן באַרג־ייִדן, פויערים ווילן מיר זיין... און קיינער בויט ניט. אַפּ די נאַרעס שלאָפן אַלע, ווי אָקסן, ווי בעהיימעס... מענטשן טאָרן ניט אַזוי. פאַרוואָס זיי שעמען זיך מיט אונדז בויען אײַנײַנע?.. פאַרוואָס זיי האָבן פײַנט אַ קאַווקאַזער? — איך ווייס ניט. דער זומער גייט אַוועק. ווינטער וועט אַלץ זײַן פאַרפאַלן...

ער פאַרענדיקט פונקט אַזוי פלוצים און אָפּגעריסן, ווי ער האָט אָ געהויבן, קאָן פאַר אופרעגונג ניט אײַנשטיין אַפּ איין אָרט, דערלאַנגט אַ שאַרפן מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק צו דער „קאַווקאַזער״ נאַרע...

אָוונט, זון־זעצט זיך אַפּ נאַרעס, אַפּ פּויערישע צורעס, אין שטאַל ווערט טונקל. אין דער טונקלקייט זעט אויס בערס פּאָנעם צעשוואומענער און ברייטער; זיין בידעריקער, שלעכט אָפּגעהבעלטער גופּ מישט זיך אויס מיט די אַרומיקע פּויערים, און ס׳איז שווער אים איצט אָפּשיידן פון זיי. אים איז שטאַרק לאַנגווייליק פון דער גאַנצער מײַסע, ער אײַלט זיך אהיים. און עפּשער גערעדנקט ער די גאַנצע צײַט, אַז כאַנע וואַרט אַפּ אים בײַ די קופּעס שטיינער? זיין שטים איז טרוקן, ווי ער וואָלט גערעדט דורכן טעלעפֿאָן, אָדער עמעצן דיקטירט:

— אָט וואָס, כאַווײַרים, קיין נײַע געטאָ פאַר די קאַווקאַזער יידן וועלן מיר ניט דערלויבן בויען. זיי זײַנען בײַ אונדז פּונקט אַזוינע יאַכסאָנים, ווי איר. ברויט און ערד זײַנען זיי אַהער געקומען זוכן, זיי ווילן זיך מיט אייך באַהעפטן און צונויפגיסן. ניט אָפּשטויסן דאַרף מען זיי, נאָר פאַרקערט, צוציען און איבערשמעלצן... מאָרגן אינדערפרי שטעלט זיך בויען די הײַזער.

ער בלײַבט שטיין אינמיטן רעדל, טראַכט אַ ווײַלע, צי ער האָט שוין אַלץ געזאָגט, און גיט גיך צו:

— פּויערים זײַנען זיי גוטע. זיי אַרבעטן ניט ערגער פון אײַך... דאָס איבעריקע איז אַלץ נאַרישקייטן... נאָכשלעפּענישן פון אַמאָל.

— אַז ווער זאָגט, אַז זיי אַרבעטן שלעכט — מישט זיך אַרײַן אַן אַלטער פּויער. — די מינהאָגים זייערע...

— מינהאָגים, שמינהאָגים, מע דאַרף גיין פֿויען די פֿערד, — שלאָגט איבער אַ ווײַבערשע שטים.

די פּויערים דרייען אויס די קעפּ צו דער טיר. אין טיר שטייט כאַנע. אין האַנט האַלט זי אַ נײַעם בלעכע־נעם עמער. פֿינקלט אָוונט זון אין בלאַנק בלעך, שײַ־נען אָפּ ווי אין אַ פֿאַרהויכטן שפּיגל, פּויערישע צורעס.

— שאַ, די ווײַבערשע זאָגערן איז שוין געקומען. איצט, כעוורע, היט זיך, באַלד וועט איר קריגן שמיץ.

— בעסער אַרײַנפֿאַלן צו אַ ר אין די הענט, איידער אין מויל, — ווייצלט זיך דער ערשטער רעדנער פֿון דער ווײַסרוסישער גאַרע.

כאַנע גייט אַרײַן אין שטאַל, באַקוקט אַ ווײַלע דאָס רעדל פּויערים און שרײַט זיך פֿאַנאַנדער:

— גיטאָ וואָס צו פּאַטערן צײַט אומזיסט, גענוג שוין גערעדט. און איר, כאַוועך אַגראָנאָם, האָט אויך געמעגט קומען נאָך דער אַרבעט, גיטאָ וואָס צו מיטי גען אין־מיטן טאָג...

בער פֿאַרשטייט ניט, צי כאַנע מיינט עס ערנסט, אָדער טרײַבט מיט אים שפּאַס. בער וויל איר ענטפֿערן, נאָר כאַנע שטייט שוין הינטער דער טיר און שרײַט אַרײַן פֿון דרויסן:

— מאַנצבלען, ברויטגעבער, גייט צו דער אַרבעט... גענוג באַלעבן צײַט...

VI

באַ דער קופּע שטיינער, אַפּ זעלביקנ אָרט, ווי פרייער איז געשטאַנען אַ דאָרפיש מיידל אינ אַ קורצנ קלייד מיט באָרוועסע ברוינע פיס, שטייט איצט אַ שטאַלטנע שיינ־געקליידטע פרוי, זי דרייט פונ לאנגווײַל אַ לעדערנעם טײַסטער, אַ דינע באַטיסטענע קלייד פארמאָגט אסאַך פאלדנ. די פאַלדנ זײַנענ אינ גורט שטײַפ פאַרפרעסט אונ לאָזנ זיך פאַנאַנדער ברייט אונ גראָם באַ די פיס. אַפּ די פיס טראָגט זי איצט דינע דורכזיכטיקע זאָקנ מיט שוואַרצע לאַקירטע טופליעס.

דער ווינט רײַסט פונ קאָפּ איר שטרויענע הוט, אַ הוט אַ מענערישע, מיט ברייטע ראַנדנ, וואָס פארדעקנ דאס גאַנצע פּאָנעם.

מיר בלײַבנ שטיינ נעבנ דער קופּע שטיינער, אונ בער פרעגט פאַרוווּנדערט:

— כאַנע, דאָס זײַט איר?

— יע, דאָס בינ איך... וואָס קוקט איר אזוי פאַרוווּנדערט? צײַט איך בינ אהער געקומענ, האָב איך זיך ניט צוגערירט צו מײַנע היימישע זאַכנ. הײַנט איז מיר באַפאַלנ אַ גרויס ראַכמאָנעס. וואָס זײַנענ, נעבעך, שולדיק די לאַקירטע טופליעס, אַז דאָ דאַרפ מענ זיי ניט האָבנ?.. נו, גיט אַנ אָרט!

זי שפּרינגט ארײַנ אינ אווטאָמאָביל. ס'ווערט ענג אונ פריילעך. כאַנע געפינט פאַר זיך קיינ אָרט ניט. זיצט

פריער בא דינאָרס זײַט, דערנאָך — בא מײַנער, הייסט אָפּשטעלן דעם אווטאָמאָביל, קריכט אַריבער צום שאָפער:

— קאָסטיע, בא דיר איז גראָמער, און ריידן דארף מען ווייניקער...

קאָסטיע לאכט, פאַרלוירן און ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן.

קאָסטיע דערשפּירט נאָענט און דערבײַ אַ ווארעמ ווײַבערש לײַב און הייבט אָן גיך טרײַבן די מאשינ, ווי ער וואָלט וועלן די ווײַבערשע וואַרעמקײַט אינ גיכנ געלויפ פונ מאשינ צעווייענ...

קאָסטיע פאַרמעסט זיך מיט ווינט, מיט פוסטנ סטעפּ. לעצטע יידישע פעלדער בלײַבנ ליגנ מיט וואָרצלענ גע־בונדנ צום האַרטנ צעאַקערטנ באָדנ, זעלטנ־ווו לויפט אונדז אנטקעגנ אַ בוים, א שטיק גראָז, אַ טאָטערש הײַזל, און ווידער שווינדלט פאַר די אויגנ גראָער פאַרלאָזע־נער סטעפּ, ווידער פוסטקייט.

אָנהויב נאכט ציט צוזאַמענ באַטאָגיקע זונ אינ עק הימל, און דער הימל דאָרט ווערט רויט, געדיכט און פאַרגליווערט.

לאַנג ליגט אַ לעצטע שטיק זונ אפנ טונקל־געוואָרע־נעם הימל, וויקלט זיך פאמעלעך צוזאַמענ אינ א ראָד, פאַרקײַקלט זיך צום יאַם, ווערט אינ אים דערטרונקענ.

אינ דער אָנגעפאַלענער טונקלקייט זעט קאָסטיע ניט דעם וועג. קאָסטיע פילט דעם וועג אינ די הענט, ער דרייט די ראָד מעכאַניש און מיד, און געדענקט די

גאַנצע צײַט, אַז האַרט נעבן אים זיצט כאַנע, זיצט מיט אויגן צעשפּרייטע אינאָנהויב נאַכט, מיט הענט פאַרלייגטע אַף די קני און דערציילט אים וועגן די מאָדנע מינהאָגים פון די באַרג־יידן. קאָסטיע הערט מיט אַ שטאַרק־ערנסטן פּאָנעם און רײַסט זעלטן איבער איר פאַרוווּנדערטן דערציילן מיט אַ באַשטעטיקונג־פּראַזע;

— אַלע קאַווקאַזער פירן זיך אזוי... איך ווייס... איך האָב צוויי יאָר געלעבט צווישן קאַווקאַזער.

די ברעג־יאַמיקע שטאָט קריכט אָן אַף אונדז מיט שמאָלע צעדרייטע הינטערגעסלעך, ווײַסע שטיינערנע ווענט, אַ שמוציקער צעוואָרפענער מאַרק, גידעיקע קרעמלעך, הויכע שפּיציקע מעטשעטן. אַן אויסגעצויגענער רוף פון טאָטערשע באַלטפּילעס פאַלט פון די הויכע טעמפּלען און שטאַרבט אָפּ אין די קנייטשן פון מאַרק, און ווײַטער, הינטער די צעדרייטע געסלעך און צעוואָרפענעם מאַרק, ברענען שוין אין פײַערן דורכזיכטיקע ווילייעס, פרייליכער ברעג און נאַכטישער יאַם.

די מאַשין בלײַבט שטיין בײַ דינאָרס ווינונג — אַ נידעריקער, איינגאָרנדיקער מויער מיט אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן אַף דרײַ גאַסיקע פּענצטער. דינאָר מיט כאַנען פאַרשווינדן הינטער דער טיר. קאָסטיע, דער שאָפער, קוקט מיט אומעטיקע אויגן אַף דער פאַרמאַכטער טיר, אַף די דיקע גאַדינען, וואָס פאַרשטעלן די דרײַ גאַסיקע פּענצטער פון דינאָרס ווינונג, און טרײַבט דעם

אווטאָמאָביל אוועק אַפּ רו, אַפּ נאַכטלעגער, און זיך טראָגט ער אוועק אין דערבײַיקן רעסטאָראַן, פֿונוואַנען ס'טראָגן זיך פֿארבענקטע מוזיק־קלאַנגען.

איך שלעפּ זיך נאָך לאַנג אַרום איבער אַלט־שטאָט, — אַזוי רופט זיך דער טייל שטאָט, ווו ס'לעבן די טאָטערן. הײַזלעך שטייען דאָ נידעריקע, קאַלכיקע, מיט פֿענצטער צו די ענגע הויפֿן אויסגעדרייט, און הויפֿן זײַנען פֿון דרויסן, פֿון גאס פֿארהיט מיט הויכע דיקע ווענט, — קיין אויג פֿון א פֿרעמדן זאָל ניט ארײַנדרינגען.

אינאָנהויב נאַכט, ווען לעצטע טשערעדע פֿארשווינדט הינטער די דיקע קאַלעכנע ווענט, זעען אויס שמאָלע צעדרייטע געסלעך, ווי אַ באַלאַגערטע פֿעסטונג, טויטשטיל, און נאָר הינט בילן פֿארלאָזן און איינזאַם.

באַם מאַרק, אין אַ בירהויז שפּילט אַ מיזראָכישער אָרקעסטער. די שפּילער זײַנען שוין פֿארמאַטערט, שרײַען הייזעריק און פֿארשטיקט. דאָס באַגלייטן זיי מיט אָפּגעריסענע פֿריילעכע געשרייען זייערע אומעטיקע פֿארכאָלעמטע ניגונים. עלטערע טאָטערן בײַ די טישלעך טרינקען שווײַגנדיק און ערנסט, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן צו נאַכט־טפֿילע. ווען זיי פֿארטרינקען אַ טאָגפֿאַרדינסט און זײַנען נאָך ניט שיקער, הייבן זיי זיך אָן שטיל קריגן.

אַפֿן מעטשעט רופֿט נאָך אַלץ דער מולאַ צו דער נאַכטיקער טפֿילע, רופֿט לאַנג, אויסגעצויגן; זײַן שטים,

ווי אַ האַרבסטיקער ווינט, פאַלט בא טאָטערשע טויערן און טירן, הייבט קיינעם פון די נידעריקע גאַנקעס ניט אויף. דער מולאַ גייט טרויעריק פון שפּיץ מעטשעט אַראָפּ און טײַנעט צו אַ באַגעגנטן טאָטער:

— אויסגעלאָסענע צײַטן געקומען. קיינער וויל צו דער נאַכטיקער טפילע ניט גיין...

און איך גיי אַהיים, צו מײַן ברעג־יאַמיקן צימער, דער קאָפּ איז שיקער פון א טאָג־באַוועגונג, פון סטעפּישן ווינט, פון יאַמיקן געררויש, און דאָס האַרץ איז פול, ווי די ווײַנטרויבן אין די דערבײַיקע גערטנער. וועל איך שוין הײַנט ביז שפּעטער נאַכט זיצן בא שמאָלע בויגנס פּאַפּיר און פײַלן און שלײַפן איינציקע שטיינער פון האַרטן קרימער באָדן...

יעווּפּאַטאָריע, 927, יאָר.

אפן געוועזענעם מינסקער בעסוילעם
(דערציילונג)

I

גאַנצענע טעג האָבן אַפן פוסטן פלאַץ, אַפן געוועזענעם ייִדישן בייסוילעם אימגעשפּאַנט טעכניקער אינ הויכע שטיוול, מיט רונדע מאָסן גערעכנט די לענג־ברייט פון פוסטן פלאַץ, געפּרוווט מיט טעמפּע נעזער פון זייערע פאַרשטויבטע שטיוול, צי די אַלטע האַלב־אײַנגעפאַלענע מאצייוועס זיצן פעסט און טיף אינ דר'ערד, און — אזוי פלוצים ווי געקומענ, אזוי פלוצים פאַרשווונדן.

ווידער, ווי פריִער, האָבן אַפן פוסטן פלאַץ געהוליעט ליידיקגייערשע ווינטן.

ווידער, ווי פריִער, האָבן זיך אינ פרילינג-אָוונטן אהער געקליבן היימלאָזיקע פּאָרלעך, צווישן די אײַנגעפאַלענע מאַצייווס, אפן דאַרן גראָז ליב און ווארעמקײַט געפונען, ביז זונ־אופגאַנג צווישן אַלטע מאַצייווע-שטיינער זיך געוואַלגערט.

און פרילינג־טעג האָבן זיך דאָ געפּאַשעט מיט שטאָטישע ציגן, מיט פײַפערײַ פון דערבײַיִקן באַן, מיט גרויסן לאַנגווײַל פון פוסטן ארום.

ווען די טעכניקער זיינען צום צווייטן מאָל געקומען, איז שוין געווען אָנהויב זומער.

א יונגע זון איז געלעגן פארכאַלעשט אפ א בערגל ציגל, געלעגן ווי א הייסער פענכער אפן בויך פון א כויל. און ציגל זיינען פון צופיל זון געוואָרן ברוין און פאַרברענט, ארויסגעאָטעמט פון שפּאַלטן אייַנגעזאַפּטע זוניקע טעג, היץ און גלי.

אין איינעם א פאַרטאָג, ווען זון איז געווען פארוקט אינטער א שווערן וואָלקן, און איינציקע טראָפּנס רעגן האָבן לאַנג געטראַכט, צי זיי זאָלן ווייַטער פאלן, אָדער אופהערן — אין אזאַ גראָען פאַרטאָג זייַנען צוועלף לאָמען באַפאַלן די אייַנגעהויקערטע מאַצייוועס, זיי צעשאָטן און צעשפּאַלטן אפ שטיקער:

פ. נ. הרבנו

מופלג

מרה נחמה

יצחק

מור

ב״ר

צעבראָכענע מאצייוועס האָבן יאָרהונדערטן געהיט אין שטיינערנע שפּאַלטן אן אריינגעקריצטן, פארשימלטן ייכעס, אים דורכגעטראָגן דורך מילכאָמעס, אָקופּאַציעס, רעוואָ־ליוציעס.

פון צײַט און יאָרן זײַנען העברעישע אופשריפטן גרינ געוואָרן, פאַרוואַקסן מיט זשאַווער, מיט מאָכ. און ווערטער האָבן זיכ צעפלאָנטערט, ווי געדאַנקען בײַ אַן אויוויערבאָטל. דער טויטער ייכעס פון פאַרפוילטע, צעפרעסענע ביינער איז איצט געלעגן צעשפּאָלטן אפ שטיקער, מיטן קאָפּ אראָפּ, געזוכט אקשאָנעסדיק אינ קלעפּיקער ערד אַן אָרט, ווו בלײַבן ליגן אינ רו פאַרגליווערט, און ניט געפונען.

די טעכניקער האָבן די העברעישע אופשריפטן ניט געלייענט. די טעכניקער האָבן מיט שאַרפע העמערלעך געקלאַפּט אינ הארצ פון אלטע שטיינער, און באַשטימט פון זיי לייגן א פונדאַמענט פאַרן נײַעם ביניען.

די צוועלף לאָמענ זײַנען פלינקער, ראשיקער געפאַלן. די ארומיקע שטילקייט האָט טרוקן געקרעכצט. אַן איינגאָרנדיקער מויער, א געלער, אויסגעלעבטער האָט די קלעפּ דערהערט, פון אלטקייט א ציטער געטאָן און געבליבן שטיין אפ א זײַט געבויגן.

II

פראַדקע מײַזל, די באַלעבאָסטע פון גרויען מויערל, האָט א שטאַרקן ציטער געטאָן, די פארשלאָפענע אויגן אופגעריסן און געבליבן זיצן צעטומלט אינ ברייטן ניקלנעם בעט. א צײַט איז זי אזוי אָפּגעזעסן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צו דער טיר געווענדט, אלצ געוואַרט,

אַז עמעצער וועט אַרײַנקומענ אונ איר דערקלערנ, פונוואַנענ עס קומענ די טעמפּע שווערע קלעפּ. אונ אַז קיינער איז ניט אַרײַנ, האָט זי פאַרשטאַנענ, אַז גאָרניט אויסערגעוויינלעכס איז געשעענ; אַז אַפ איר קאָפּ ליגט נאָכ אַלצ די געלע אָפּגעקראָכענע סטעליע, א סטעליע, וועלכע מע האָט שוינ לאַנג געדאַרפט אָפּקאַלכנ... זי איז פונ בעט אַראָפּגעקראָכנ א באָרוועסע, אינ איינ העמד אוועק צומ גרויסנ טריומאָ־שפּיגל. אינ פאַרשטויבטנ גלאָז, אינ גרויסנ שפּיגל זײַנענ געבליבנ הענגענ אָנגעקוואָלענע קישעלעכ. די קישעלעכ אונטער אירע אויגנ זײַנענ איצט אומגעהויערדיק, ווי עמעצער וואָלט א גאַנצע נאַכט אהינ פאַרע געבלאָזנ.

זי האָט די אויגנ־הײַטלעכ צונויפגעצויגנ, ווי א מענטש, ווענ אימ איז שווער קוקנ אַפ דער זונ — די קישעלעכ זײַנענ געוואָרנ קלענער, אײַנגעפאַלנ, אונ שמאָלע אויגשפּעלטלעכ האָבנ שוינ צופרידנ באַקוקט אַ רונד פּאָנעמ, וואָס האָט אינ רויטע דיקע ליפּנ אונ קינ פאַרהיט די ס מאָנימ פונ געוועזענער שיינקייט.

פּאַמעלעכ אונ ניט געײַלט האָט זי אַפ איר ברייטנ פאַנאַנדערגעפּאָרענעמ גופ אָנגעטאָנ אַ קאָרסעט. ביז ווייטיק אינ די פינגער די שטריקלעכ פונ קאָרסעט אַרומ בויכ געצויגנ, ווי זי וואָלט געוואָלט די סאַכ איבעריקע פונטנ שמאַלצ אונטערנ בלאָענ אַטלעס פונ קאָרסעט דערשטיקנ.

דערנאָכ איז זי לאַנג געזעסנ פאַרנ שפּיגל, מיט א דינ

מעשנ צווענגעלע געצופט איינציקע גראָע האָר פונ קאָפ, אונ מיט זיי — מיט די גראָע האָר — געטײַנעט:

— קומ נאָר אַהער, קומ נאָר אַהער, טײַערינקער . . . קיינ אַנדער אָרט, ווי אַפנ מיט שײַטל, האָסטו ניט געפונענ . . . אָט וועל איכ דיר אַ צופ טאָנ, פייגעלע, וועסטו שוינ פילנ אַ טאמ . . . וואָס? ווילסט ניט ארויס! נו, זיצ נאָכ א ווײַלינקע . . . ס'זיינענ דאָ בײלכערע פונ דיר . . .

אַזוי איז זי איבערגעגאנגענ פונ האָר צו האָר, זיי פאָרזיכטיק אונ איינציקווײַז געצופט או אַלצ צוגעטראַכט נײַע ליבע ווערטער פאַר זיי.

פונ ווינקלדיקער עטאַזשערקע האָט אפ איר געקוקט אַ שלאַנק קאַלע-מיידל, דאָס קאַלע-מיידל איז געשטאַנענ אָנגעטאָנ אינ אַ ווײַס דורכזיכטיק קלייד, לאַנגע שווארצע צעפ אינ אַ הויכער קוקלע פאַרוויקלט, א רויטע בלומ א נ זײַט פאַרוקט, אונ צוויי גרויסע דאָרשטיקע אויגנ האָבנ פרעכ אַרויסגעקוקט פונ א יונג - לענגלעכ פאָנעמ.

פראַדקע האָט אופגעהערט צופנ די גראָע האָר פונ קאָפ, צוגעגאַנ צו דער עטאַזשערקע אונ גענומענ באַקוקנ איר מיידלשנ קאָפ.

הינטער דער טיר האָבנ זיכ דערהערט וויכע טריט, אונ אַ הייזעריקע שטימ האָט היימיש געפרעגט:

— פרידע סערגייעוונע — מע קאָנ?

— גייט אַריינ, וואָס שפילט איר אינ באַשיידנקייט.

אינ טיר איז געבליבנ שטעקנ א פליכער קאָפ מיט רוינ ע פאַרלאָפענע אויגלעכ.

פראַדקע האָט אַפּ זיך אַ לויזס שטוביק כאַלאַטל אָנגע־טאָן, די פּיס אינ אַלטע קאַלאָשנ אַרײַנגעשטעקט, געבליבנ שטיינ באַ דער עטאַזשערקע.

— אַ גליקלעכער מענטש זײַט איר, פרידע סערגייעוונע. אַרום אייך קערט זיך א וועלט. מע קאָנ זאָגנ, אַנ ערדציטערניש קומט פאָר... אונ אייך, אויב זאָל אָנהייבנ אַרנ. שטייט זיך א מענטש באַם אַלמער אונ קוועלט פונ אירע מיידלשע יאָרנ...

— מיך האָט מענ שוינ גענוג געטרייסלט, — האָט זי זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט, אונ דער פולער בוזעמ האָט זיך געוויגט אַרופ אונ אַראָפּ — מיטגעלאַכט.

דער פליכער קאָפּ האָט איר לאַכנ איבערגעריסנ:

— איך מיינ אינגאַנצנ ערנסט. מע צעגראָבט דאָך דעמ בייסוילעמ...

— וואָס? — האָט פראַדקע איר פולנ גופ פונ עטאזשערקע אויסגעדרייט.

— דעמ בייסוילעמ צעגראָבט מענ, מע קלײַבט זיך עפּעס בויענ. מע זאָגט, אַ גאנצ שטעטל.

— וואָס וועלנ זיי בויענ, אַכוץ קוואָרימ — האָט פראַדקע דעמ שמועס פאַרענדיקט, צוגעגאנגענ נעעטער צומ פליכנ קאָפּ אונ מיט איר גאנצנ צעפלאָסענעמ גופ זיך צו אימ אַפּ די קני אַראָפּגעזעצט...

III

אפֿנ פּוסטנ פּלאַצ זײַנענ אויסגעגראָבענע מאַצייוועס געלעגנ פֿאַרוואַקסענע ביז העלפֿט אינ זאמד, אויסגעזענ, ווי אַלטע צעפֿוילטע וואָרצלענ.

בא די אָפֿענע קוואָרימ זײַנענ געשטאַנענ געהויקערטע זקײנימ, ײדנ מיט גראָע בערד, מיט געלער פּאַרמעט־הויט אַפֿ צעקנייטשטע אויסגעלעבטע צורעס, געקוקט דורכ ברילנ אינ די קוואָרימ אַרײַנ, אונ געדאַכט האָט זיכ:

אַז די ײדנ זײַנענ ניט פֿונ אַלע עקנ שטאָט געקו־מענ זוכנ ביינער פֿונ טאַטעס אונ זיידעס.

געדאַכט האָט זיכ:

די ײדנ זײַנענ פֿונ די קוואָרימ אַרויס אונ באַקוקנ נײַגעריק זייערע דירעס, ווו זיי ליגנ שוינ אזויפֿיל יאָרנ באגראָבנ.

א ײנגל מיט אַ פּאַריסנ נעזל אונ נײַגעריקע אויגלעכ האָט לאַנג אונ פֿארוווּנדערט געקוקט, ווי א ײדענע אינ א שוואַרצער הויב אונ אַלטפֿרענקישנ יאַק מיט בופֿעס אפֿ די אַרבל, שאַרט מיט ציטערדיקע פֿינגער אינ זאמד.

— באַבעניו, וואָס זוכט איר דאָ?

די ײדענע האָט אַ קינדערשע שטימ אַפֿנ אײַנגעבויגע־נעמ קאָפּ דערהערט, אַ פֿארווייִנט פּאָנעמ פֿ'נ גרוב אופֿ־געהויבנ אונ שטיל געענטפֿערט:

— ביינדעלעך, מײַן קינד.

— פון ניס? — האָט דאָס ייִנגל איבערגעפרעגט.

— פון מײַן באָבע, ייִנגעלע. אַ באָבע האָב איך דאָ.

דאָס ייִנגל האָט זיין לינקע שלייקע פון זײַנע צערי־סענע הויזלעך אַף דער פּלייצע אופגעהויבן און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט:

— אָט דאָ האָט איר אַ באָבע? אָט דאָ לעבט זי?..

— געהאַט, געהאַט — האָט די ייִדענע גלײַכגילטיק אָפּגע־זיפצט און ווידער גענומען מיט דאַרע פינגער זוכן אין זאַמד.

אַרום דעם ערשטן אויסגעגראָבענעם ביין איז זיך צונויפ־געגאַנגען אַ רעדל מענטשן. די צוועלף לאָמען זײַנען שטיל געבליבן שטעקן אין דר'ערד. אַ הייסע האַלבטאָגי־קע זון האָט דעם ביין געמאַכט העל און דורכזיכטיק.

די ייִדענע האָט לאַנג דעם צעפּרעסענעם ביין באַקוקט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, אַז דער ביין האָט טאַקע אמאָל, מיט אַסאַך יאָרן צוריק געהערט צו איר באָבעס פוס. דערנאָך האָט זי פון איר אַלטפרענקישן יאַק מיט די הויכע בופעס אַפ די אַרבל באַקומען אַ ווײַס זעקל, דעם אויסגעגראָבענעם ביין אין זעקל באַהאַלטן און ווײַטער גענומען זוכן.

דאָס רעדל איז זיך צעגאַנגען, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שווײַגנדיק און ערנסט, און כאָטש דער אַלטער שטייו־שפּאַלטער האָט אין דער אַרומיקער שטילקייט געלאָזט פאַלן אַ סוואָרע:

— געמוזט זײַן א ייִדענע א גוואַר, — געזען א פּוס־ביין? — א האַלבער פּוד.

כאַימליב דער אַלטער שטיינשפּאַלטער האָט עס געזאָגט מיט א שטאַרק־ערנסט פּנים, ווײַל ער האָט אַלץ ליב געהאַט מעסטן אפּ דער וואָג. און די כאַוויירים זײַנע, די יונגע שטיינשפּאַלטער, האָבן זיך צעלאַכט הויך און קלינגעוודיק.

— וואָס שטשירעט איר מיט די ציין? פערד! איר וועט אויך פוילן. א געלענדער אפּ זיי!..

די איבעריקע ביינער האָבן שוין קיין פאַרווונדערונג ניט אַרויסגערופן. די איבעריקע ביינער האָט מען שטיל און פּאַשעט עליגט אין ווײַסע ציכלעך. די ביינער זײַנען געווען טרוקן און צעפּוילט, זיך צעבראָכן, ווי איבערגעטרי־קנטע מאַצע.

אפּן בייסוילעם איז געוואָרן אַלץ טומלדיקער, א קלאַ־פּערײַ פון שווערע לאָמען האָט זיך איבערגעמישט מיט געוויין פון אַלטע ווײַבער, מיט געשריי פון טעכניקער.

אן אָנגעהאָרעוועטע זון איז א מידע און פאַרמאַטערטע אוועק פון בייסוילעם, א ווײַלע נאָך געזעסן אפּ די צע־דרייטע צווײַגן פון בייסוילעם־בוים. דער בוים האָט יאָרן־לאַנג אײַנגעזאַפּט אין זיינע צעדרייטע צווײַגן שטילן גע־וויין נאָך טויטע נעשאָמעס. די קאָרע איז פון אַלטקייט אַראָפּגעפּאַלן, געלאָזן אים שטיין א נאַקעטן, שוואַרצן — אַ שטומען איידעס פון אָפּגאַנג און טויט.

לאַנג איז זון אפּן בוים ניט געזעסן, פּאַמעלעך און ניט

געײַלט זיך דערשלעפּט ביזן פּאַרקן און דאָרט אויסגעגאַנגען אַ בלייכע, אַ פּאַרטונקלטע.

די זעקעלעך ביינער האָט מען אין אַ שוואַרצן אָרן צונויפגעלייגט, צוויי קאָהע־שע פערד האָבן די אויסגעגראָבענע ביינער פון פוסטן פּלאַץ אַראָפּגעפירט.

נאָכן אָרן זײַנען נאָכגעגאַנגען אײַנגעשרומפּענע אַלטיטשקעס אין שוואַרצע הויבן, אין שפּיצענע פּאַטשיילעס, אין אַלטפרענקישע יאַקן, ייִדענעס, בײַ וועמען אין די אַלמערס ליגן שוין לאַנג געגרייט פּאַרטיקע טאַכריכים... און הינטער זיי, אַביסל אין דער זײַט, האָבן, הייזעריקע, געזאָגט טילים גרייזגראָע ייִדן אין רונדע קאַפּעליושן, אין ברוינע אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטעס.

IV

שוין צוויי כאַדאָשים איז די אַרבעט געגאַנגען. דער אַלטער פּלאַץ איז געווען צעאַקערט אין טיפע גראָבנס. בעטאָנענער גרונט איז זיכער געלעגן אין די געוועזענע קוואָרים.

בויער האָבן מיט גראָבע שטריק, מיט אײַנגעשפּאַנטע באַלקנס געשלעפּט צוריק די פורעם־ברעטער פון די גראָבנס. דער בעטאָנענער פונדאַמענט איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט אין די רינעס.

ווען די בויער האָבן די ערשטע וועגעלעך בעטאָן געשאָטן, האָט מען נאָך אַפּ זיכער ניט געוווסט, וויפל גאָרנ

וועט האַלטן דער מויער. דערנאָך, אין עטלעכע טעג שפּע־טער, איז קלאָר געוואָרן:

אַף דעם אָרט וועט שטיין דער מעדיצינישער קאָרפּוס, און זײַנע הייך וועט זײַן זעקס גאָרן.

כאַימליב דער אַלטער שטיינשפּאַלטער האָט פון קאַנאווע ביז אַרויסגעשריגן:

— אין דר'ערד אַן אָרט אַזוינע טעכניקער! מע לייגט שוין דרײַ טעג אַ פונדאַמענט, מע שלעפּט שוין די ברע־טער צוריק און מע ווייס ביז קאַלנידרע ניט, ווער דער כאַזן וועט זײַן...

כאַימליב פאַרמאָגט שווערע הענט און גרויסע פיס, אָבער אַ גוף איז בײַ אים אַ קליינער און אַ דאַרער, ווי דער גאַנצער קליי וואָלט אַוועק אַף אויסבויען די הענט און פיס. קיין האַלדז איז בײַ אים ניטאָ.

אַ רונדער קאָפּ, ווי אַ פאַרטיקער עפּל, וואַקסט זיך צו־נויף מיט פּלייצעס, און קליינע אויגן קוקן ביז אַף אַלעמען. ער איז שטאַרק באַליידיקט, וואָס די הויפּט־אינזשענערן האָבן באַשטימט דעם פונדאַמענט מאַכן פון בעטאָן און ניט פון שטיין.

— בין איך ניט כאַימליב, אויב די שיטערע קאַשע וועט אויסהאַלטן זעקס גאָרן... אין אַ כוידעש אַרום וועט זיך דער מויער זעצן. פאַרגעדענקט מײַן וואָרט...

אָבער די אינזשענערן ווילן זײַן וואָרט ניט געדענקען. אין מיט פונעם פוסטן פּלאַץ, אַפן אָרט, ווו ס'איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען אַ הויכע מאַצייווע מיט אַ פאַרפלאָנטערטן

ייכעס, ארבעטן איצט צוויי מאַשינעס מיט א דײַטשישער אופשריפט:

בעטאָנמישמאַשינ
פאַטענט
קייזער שליידעקער.

עלעקטרישע דראָטנ ציִען זיכ פונ א קליינער, אפגיכ אויס־געבויטער דינאַמאָ־סטאַנציע.

פיר ארבעטער שיטנ אָנ אופהער פורלעכ שטיינער, זאַמד, צעמענט אינ אנ אײַזערנעם פאַרטעכ. אפ צוויי מאָס זאמד ציינ מאָס שטיינער, איינ מאָס צעמענט. די מאַשי. שלעפט דאָס אײַזערנע קעסטל, וואָס זעט אויס ווי א פארטעכ, ארופ ביזנ שפיצ מאַשינ, קערט עס געשווינד איבער אונ גליטשט עס ארופ צוריק (אזוי גליטשט זיכ פונ א שנייִקנ באַרג א קינדערש שליטעלע). אינ פאַרמאַכטע קעסטלעכ קנעטנ אײַזערנע פינגער דעמ זאַמד אונ צעמענט, צעמישנ עס מיט קליינע שטיינער. די שטיינער רײַבנ זיכ איינע אָנ אנדערע, פאַרשפרייטנ איבערנ פוסטנ פלאַצ א געשריי, ווי מאכנעס הונגעריקע וועלפ וואָלטנ ביינער געגריזשעט. דער בעטאָנ פאַלט ארויס פונ דער צווייטער זײַט א נאַסער, קלעפיקער, גראָער אונ צעקײַטער.

אפ קליינע וועגעלעכ פירט מענ אָפ דעמ בעטאָנ־געמיש צומ אָרט, ווו צונויפגעקלאפטע ברעטער צייכענענ די ברייט אונ טיפ פונעמ פונדאַמענט.

כאימלייב קוקט מיט פארכמורעטע אויגנ אפ די פורלעכ

בעטאָן־געמיש, ליגט די נאַסע שטיינדלעכ אינקאַעס און פאַרביסן.

נעבן כאַימלייבן, פון ביידע זײַטן, ארבעטן דרײַסיק ציטאָווצעס*.

זיי באַוועגן זיכ פלינק און ראַשיק. די לײַבער—הויל און פאַרברענט; לאָפּעטעס אין די הענט ליגן ניט זיכער, און באוועגונגען זײַנען איבערגעטריבן אײַליק — זיי זײַנען דאָס ערשטע מאָל אַפ אַ ביניען.

כאַימלייב זידלט זיכ:

— אויכ אַן אַרבעט. טראָמבעווען די קאַשע — דאָס קאָן אַ יעשיוועבאָכער אויכ טאָן.. פּרוווט אין אַ טאָג צעשפּאַלטן א 300 פּוד שטיינ — אָט דעמאָלט וועט איר וויסן, וואָס הייסט זיינ א בויער...

די יונגע ציטאָווצעס פאַרשווײַגן ניט. די ציטאָווצעס דערציילן כאַימלייבן, אז אין דײַטשלאנד איז דערופ פאַראַן מאַשינעס. כאַימלייב קערט פאַרדראָסיק אויס זײַן רונדן קאָפּ און רעדט שוין צו זיכ, צו דער שיטערער קאַשע:

— פּראָפעסאָרן, און ניט קיין אַרבעטער. גיי רייד מיט זיי...

א זון אַפן פוסטן פלאַצ ליגט איצט צעהאַקט פון האַמערס, צעמישט מיט שטויב, געשריי און אימפּעט. זי געפינט זיכ קיין אָרט ניט און בלײַבט ליגן מיט איר גאַנצער היצ אַפ בערגלעכ ציגל, די ציגל ווערן פון צופיל זון

* ציטאָווצעס — שילער פונעם צענטראלן ארבעט־אינסטיטוט.

צעטריקנט און זאַפּן דערנאָך אײַן אין זײערע שפּאַלטן דעם גאַנצן צעמענט.

לײַוונטענע רערן טרײַבן מיט קאַלטע שטראָמען־וואַסער די זון פון איר לעצטער באַהעלטעניש, פון די בערגלעך ציגל, און ציגל ווערן פון קאַלטע שטראָמען־וואַסער ברוין און טונקל, ווי די לײַבער פון די יונגע בויער.

זון שלעפּט זיך אום צווישן די גראָבנס אַן איבעריקע און פאַרטריבענע...

V

אינאָוונט, ווען בויער פאַרלאָזן דעם צעגראָבענעם באָדן, און מאַשינעס בלײַבן שטײן אין שטומער בענקשאַפט נאָך באַוועגונג, אינאָוונט, בלײַבן אפן פוסטן פּלאַץ צווי שאָמרים, — דער הולער בוים מיט די צעדרײטע צווײַגן און פראַדקע מײַזל.

פראַדקע זיצט אפן גאַנעק פון אײַנגעהויקערטן מויערל און וואַרט אפן „פליכן קאָפ״. דאָס פּאָנעם איז איצט, אינאָוונט, בא איר עלטער און אָפּגעלעבטער. צווי טיפע קנײטשן ציִען זיך פון נאָז צום מויל, און דאָס מויל געענעצט פון לאַנגווײַל און עפּשער פון אָנגעשטרענגטן וואַרטן.

אף די נאַקעטע פּלײצעס הענגט א דינער זײַדנער טוך.

די עקן פון דעם זײַדענעם טוך קנײטשן זיך צווישן די פיס, און אף גראָבע פיס טראָגט זי געלע שיך.

דאָס דיִנ זײַדנ טיכל האָט איר דער מאַן געשענקט אינעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט אָט דאָס אײַנגעאָרנדיק מויערל

אָפּגעקויפט. אינ צוויי וואָכנ ארומ האָט מענ אימ צעשאָסנ פאר צושטעלנ פּאַרפוילט האָלצ די דייַטשנ.

ס'איז געווענ דאַנ פּונקט אזאַ זומערדיקער אָוונט, ווי הייַנט. א זונ, הי טער דער באַנסטאַנציע, הינטערנ בּייסוילעמ־פּלויט, איז פארגאַנגענ א צונטער־רויטע, געבּליבּנ זיצנ אפנ ראַנד הימל אונ קיינ קויעכ ניט געהאַט פונדאָרט אוועקגיינ.

בּאַ פראַדקעס איינ גרויסנ זאַל, ארומ א רונדנ דעמבּענעמ טיש זייַנענ געזעסנ דרייַ דייַטשישע אָפּעצערנ אונ זייער פיל געטרונקענ.

פראדקע געדענקט:

זי האָט דאַנ געטראָגנ אַ טונקל־ברוינ סאמעטנ קלייד. — דאָס קלייד איז אלע ווייַלע פונ די נאַקעטע פּלייצעס אראָפּגעפאלנ. זי האָט מיט א געמאַכטער שעמעוודיקייט דאָס קלייד צוריק אפ די נאַקעט־געבּליבּענע פּלייצעס געהויבּנ, אונ וואָס מערער זי האָט זיכ בּאַמיט, אלצ נידעריקער, טיפער איז דאָס קלייד אראָפּגעפאַלנ, געלאָזנ הויל אונ אָפּגעדעקט א פּאָר פּליישיקע רונדע הענט, א וויַיסנ אָנגעפּודערטנ האַלדז אונ אָנהויבּ בּרוסטנ. די אָפּעצערנ האָבּנ מיט שיקערע הענט זי ארומ גורט געדריקט, אונ דער מאַנ האָט מיט א געמאַכטער צופרידנקייט איינ געלנ, שאַרפּ־פאַרשוירענעמ בּערדל געלאַכט.

בּא די אָפּעצערנ זייַנענ אויגנ געווענ רונדע, גלאַנציקע, צעשפּאַלטנ פונ רויטע שיקערע אָדערלעכ.

ווענ קיינ וויַינ איינ די פלעשער איז שוינ מער ניט

געוועג, זײַנען זיי פויל און שווער פון די ערטער אויפ־געשטאַנען, צעפּלאָנטערט גענומען דערקלערן, אַז אייגנט־לעך זײַנען זיי געקומען אים ארעסטירן. דער מיליטער־קאָמענדאַנט רופט אים צו זיך.

דער מאַן האָט אַלץ געשמייכלט אין געלן בערדל, און האַלב־שיקערע וואַסעריקע אויגן האָבן שוין דערשראָקן געקוקט אַף די דרײַ אָפיצערן, באַ וועמען די רייגנעגאָל־טע צורעס זײַנען געוואָרן אידיאָטיש ערנסט און שטרענג.

צוריק איז ער ניט געקומען. אין דערזעלביקער נאַכט האָט מען אים דערשאָסן אַפן הויף פון מיליטערישן קאָמענ־דאַנט. אינדערפרי האָט איר אַ דײַטשישער סאָלדאַט געבראכט אַ צעפּלאָנטערטן בריוו.

דער בריוו האָט געאָטעמט מיט מעשוגאַעס, שיקרעס און שרעק פאַרן טויט.

די ערשטע יאָרן האָט זי געלעבט פון באַהאַלטן געלט, פון פארקויפטע שטוביקע זאַכן, און די לעצטע יאָרן לעבט זי פון „פּליכן קאָפּ". פריער, גלײַך נאָכן מאַנס טויט, איז דער „פּליכער קאָפּ" אָפּגעזעסן גאַנצענע אָוונטן באַם רונדן דעמבענעם טיש און אַלץ גערעדט וועגן צעשאָסענעם.

אַכט כאַדאָשים האָבן טונקעלע ווענט געהערט אַ טויטן שמועס, אַ לאַנגן, נודנעם, קלעפּיקן, און אַלע אָוונט דעמזעלביקן.

אין סאָף פון אַכטן כוידעש האָבן ווענט גענומען פאַרשטיין:

ווערטער און זיכרוינעס וועגן דערשאָסענעם מאַן איז באַ פראַדקען געוואָרן אַלץ ווינציקער, און שוואַרצע אויגן פינקלען שוין ווידער מיט אַ לעבעדיקן גיריקן גלאַנץ...

דער „פליכער קאָפּ" האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ זיכערע בוכהאַלטערישע שטעלע אין איינעם פון די ראַטן־אַנשטאַלטן, אַ קראַנק ווײַב מיט פיר קינדער.

באַ דעם ווײַב זײַנעם איז די וואולע אָפּן האַלדז געוואָרן אַלץ גרעסער, אָנגעקוואָלן, קליידער האָט זי געטראָגן מיט הויכע שטייענדיקע קאָלנערס. אין שטוב זײַנען אומגעלאָפן פיר קינדער מיט גרויסע קעפּ און קרומע פיסלעך. צו פראַדקעס גרויסן זאַל מיט די טונקעלע ווענט, צו אירע רונדע פּלייצעס און אויסגעצויגענעם ריידן, האָט ער זיך אין די לאַנגע אָוונטן צוגעוווינט, ווי צו זײַן זיכערער שטעלע, צו דעם ווײַבס וואולע, צו די פיר קינ־דער מיט די גרויסע קעפּ און קרומע פיסלעך.

ווי באַהאַלטן אין די קנייטשן פון זײַן בוכהאַלטערישן מויעך איז געלעגן אויסגעוואַרעמט אַ רעכענונג:

— פרידע סערגייעווונע איז נאָך אַ באַטאמט ווײַבל און וועגן מאַן רעדט זי אַלץ ווייניקער.

די ערשטע פינף און צוואַנציק רובל האָט זי געליִען נאָר אָפּ עטלעכע טעג, געליִען און פאַרגעסן אָפּצוגעבן.

אין דרײַ טעג אַרום האָט זי אים באַגעגנט אין ברוי־נעם סאַמעטענעם קלייד, אונטער די אויגן איז געווען עט־וואָס אָונטערגעשמירט און אָפּן שפּיץ נאָז איז ביליקע פּודרע געלעגן געדיכט און ווײַס.

אַן אָוונט און א האַלבע נאַכט איז אַוועק אין טעמפּע וויצן, אין אַלטע פאַר־רעוואָליוציע־אנעקדאָטן, אין ברו־דיקער גיריקייט פון צוויי אומעטיקע לײַבער.

שוין פאר זײַן אוועקגיין, באַ דער טיר איז מען לאנג געשטאנען שווײַגנדיק און ארומגענומענ. פראדקעס דיקער צעפלאָסענער גוף איז מיט זײַן גאנצער שווערקייט געלעגן אף אים אָנגעשפּארט, און דער צעהיצטער קאָפּ האָט לאַנג געזיכט ווערטער, מיט וואָס דעם הײַנטיקן ליבע־אָוונט פארענדיק, געזוכט און צום סאָף געפונען:

— האַ, ליאָווע, מיר הייבן אָן א נײַעם קאָן?!

— יע, פרידע סערגייעוונע, מיר הייבן אָן א נײַעם קאָן מיט א פרישן „דעבעט" און „קרעדיט".

פראדקע האָט קלאָר ניט פארשטאַנען, וואָס ער וויל מיט דעם זאָגן, א מידע אוועק שלאָפן.

דער „פליכער קאָפּ" איז געגאַנגען אהיים מיט פאמעלע־כע פארטראכטע טריט, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט די פאַרגאַנגענע שאָען צעווייען אף דער שוועל פון זײַן איי־גענער שטוב. א זיסע מידקייט האָט גערוט אין די ביינער, אין האַרצן, אין קאָפּ, פארצויגן די באַקאַנטע מוירע און גאסן אין א ווײַטן, ניט־דאָיקן נעפל. יעדער טראָט האָט אָפּגעהילכט מיט גיריקייט פון א פערציקיאָריקן לײַב, וואָס וויל נאָך ניט אַלט ווערן...

וואָס נעעטער ער איז צו זײַן שטוב געקומען, אַלץ בוילעטער, שארפער איז א פאַרגלײַך אין זיין בוכהאַל־טערישן מויעך אויסגעוואקסן:

„מײַנ פאַמיליע־לעבנ איז געגליכנ צו א רעכענונג מיט א־סאַכ ניטגעצאָלטע װעקסלענ, אָנזעצנ, מישפּאָטימ און פאר־שלעפּענישנ.“

פונ יענעמ אָװנט אָנ אדבעט דער „פּליכער קאָפּ“ איבער־שאָענ. די איבערשאָענ גיבנ אימ 50 רובל א כוידעש אכוצ געהאַלט. די 50 רובל גיט ער אַװעק רעגלמעסיק פראד־קענ.

פראדקע זיצט ביז שפּעט אפנ גאנעק. א קעלט טראָגט פונ די צעגראָבענע גריבער, פונ בעטאָנענעמ גרונט. דער בוימ װיגט זיכ, װי א שװארצער זאָקנ מיט פארשפּרײטע הענט. די צװײ שאָמרימ שפּאַנענ אומ שװײַגנדיק און אָנ אופ־הער. געדאנקענ אינ קאָפּ לויפנ דורכ צעריסנ, װי די שטיקלעכ װאָלקנ אפנ הימל. „אָט בויט מענ דאָ מויערנ — א גאנצ אוניװערסיטעט־שטעטל... א נ מײַנ מאנ האָט מענ זע־שאָסנ, און איכ לעב, װי א נעקײװע, פונ „פּליכנ קאָפּ“.

דער „פּליכער קאָפּ“ קומט ניט. שוינ פיר אָװנטנ, װי ער קומט ניט. אינ שטוב װילט זיכ שטארק ניט אריַינגײנ. אינ צװײטער שכײנישער דירע לעבט א צוהערערנ פונ לערער־קורסנ. די װענט זײַנ שטײנערדיקע, נאָר אַ הילצערנע טיר, װאָס בינדט צװײ דירעס, לאָזט דורכ אָפּגעריסענע קלאַנגענ.

אינ אײנעמ אַנ אָװנט איז פונדאָרט געקומענ אַנ אָפּגעריסענע פראַזע:

„מאַרקס האָט געגעלס דיאַלעקטיקע פונ קאָפּ אפ די פיס געשטעלט“.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיכ איר געכאָלעמט, װי מעשונע־

מאָדנע באַשעפּענישן גייען אום אַף די קעפּ איבער די טונקעלע ווענט, פּאַרקריכן צו איר אין בעט און הייבן אָן מיט שטעכיקע לאַנגע פינגער צופּן איינציקע גראָע האָר פון קאָפּ פון שפּיגל שיילט זיך אויס אַ גרויסע האנט און הייבט אָן מיט טרוקענע ריטער שלאָגן די באַשעפּענישן איבער די נאקעטע פּיאַטעס, איבער די פאַריסענע פּיס. די באַשעפּענישן קוליען זיך איבער, בלייבן שטיין אַ ווײַלע אַף די פּיס, שרייען הייזעריק און פאַרשטיקט, ווי געדונגענע קלאָגערקעס אפן בייסוילעם, דערנאָך שטעלן זיי זיך צוריק אַף די קעפּ און פאַרשווינדן.

פין יענער נאַכט אָן האָט זי מוירע זיך צוהערן, וואָס מע רעדט הינטער דער טיר.

ס'פאַלט אָן נאַכט. שטערן ווערן בוילעטער און גרעסער. א לעוואָנע קוקט שאַרף און בייז. די שאָמרים זײַנען מיד געוואָרן ארומצושפּאַנען, געבליבן זיצן פאַרנורעט אין ווינטער-מאַנטלען פּראַדקע טוליעט זיך אײַן אין איר זײַדענעם טוך און גייט אַוועק אין אַ דערבײַיקער קינאָ.

VI

אַפן בעטאָנענעם גרונט, אַפן ערשטן קאָרפּוס האָבן בויער שוין עטלעכע טעג געלייגט די ווענט, פּאַזע דעם הילצערנעם פּאַרקן זײַנען איצט געשטאַנען הויכע קעסט-לעך ציגל, אויסגעזען, ווי גלײַכע שערענגעס סאָלדאַטן. די ציגלנע ווענט זײַנען געוואַקסן שווער און פּאַמעלעך, און איניינעם מיט די ציגלנע ווענט איז אָנגעוואַקסן אַן

אומצופרידנקייט. פריִער האָט זי זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די טיפע גראָבנס, בא די מאַשינעס, באַם שפּאַלטן די מאַצייווס, הײַנט איז זי ארויס אפ דעם אויבערפלאַך, ארויס מיט אָפּגעריסענע טײַנעס:

— מע ווייסט נאָך ביז איצט ניט, ווי מע ארבעט,—פון שטיק, צי פון טאָג?

— זאָל דער טרעסט אַרבעטן פון שטיק, — ניטאָ קיין שטיק־ארבעט.

— וויפל באַקומען די אופזעער פונם בילדונגס־אָפּטייל?

— זאָלן זיי גייען כאַפּן פליגן. מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי.

— זיי פאַרשטייען אזוי אין דער ארבעט, ווי איך אין שנײַדערײַ.

— די פּאָרטפעלן זייערע האָבן גוטע קעפּ. דער טרעסט זיצט אפ קעסט, און די אינזשענערן זײַנען געסט...

לייבקע „מאַמזער”, א דאַרער שוואַרצער באָכער, וואָס האָט יאָרנלאַנג געשפּילט קאָמישע ראָלן אין דראַמאַטישע קרײַזלעך, איז געבליבן שטיין אינמיטן רעדל, די הענט אפ דער לאָפּעטע אָנגעשפּארט און געוואַרט, דער עולעם זאָל זיך פאַנאַנדערלאַכן.

אָבער דער עולעם האָט ניט געלאַכט. דער עולעם איז געווען אָנגעכמורעט און ערנסט, געלייגט שווײַגנדיק די ציגל און געוואַרט — כאַימלייב זאָל זײַן מיינונג זאָגן.
כאַימלייב האָט זיין נידעריקן שטערן מיטן אַרבל אָפּגעווישט און שטרענג אָנגעשריִען אפ לייבקען: — ניטאָ וואָס

פּאַיאַצעווענ! דאָ איז דיר ניט קיינ טעאַטער. די שלימאַזאָלימ פונעמ אָפּטייל דאַרפ מענ הייסנ אָפּטראָגנ די ביינער, זיי נעמענ: אומזיסט געלט... פּאַרנ מאַטעריאַל מוז מענ מאַכנ א דאַכ, עס ווערט איבערגעפּירט דער צעמענט, אונ מיט שלוימקענ וואָלט ניט געשאַדט זיכ דורכריידנ...

— אז מע זעט אימ ניט אינ די אויגנ, שוינ צוויי טעג אַפּנ ביניענ ניט געווענ.

— אונ דאָס קעמערל שלאָפט אויכ, ווי נאָכ א טאָנעס.

— דאַרפ מענ דעמ געבנ עטלעכע בוכטשעס אינ זייט, וועט עס זיכ אופכאַפּנ!.. — האָט כאַימלייב דעמ שמועס פאַרענדיקט אונ אוועק אינ שטאָט.

פונעמ טרעסט, פונ דער בוי-געזעלשאַפט איז כאַימ-לייב געקומענ מיט א פאַריסענעמ קאָפּ, אונ די קליינע אויגנ האָבנ ארויסגעפינקלט א פרייד:

— אהאַ, כעוורע, וואָס האָב איכ אייכ געזאָגט!... א זעקסגאָרנדיקנ מויער וועט די קאַשע ניט אויסהאַלטנ... די אינזשענערנ האָבנ באַשטימט דעמ אנאַטאָמישנ קאָרפּוס בויענ אפּ א שטיינערנעמ גרונט.

— יאָ אויסהאַלטנ, ניט אויסהאַלטנ. דערציי בעסער, וואָס איז מיט די פּאָראַנדקעס אַפּנ ביניענ... ווענ וועט שלוימקע קומענ?...

— וואָס ברענט בא אייכ! — איכ וועל דערציילנ.

כאַימלייב האָט זיכ פּאַמעלעכ אראָפּגעזעצט אפּ א בערגל זאַמד, באַקומענ פונ קעשענע א בייטל טאַבאַק, לאַנג א פּאַ-פּיראָס געדרייט אונ גענומענ לאַנגזאַמ דערציילנ:

— גיי איך אַרײַן צו אים אין קאַבינעט און דערלאַנג אים אַ זאָג:

„הער, שלוימקע, איך האָב פֿײַנט היגטישע שטיק, מע באַוואָלט אונדזערע כאַוויירים, ביז איצט ווייסט מען נאָך ניט, ווי מע אַרבעט — פֿון שטיק, צי פֿון טאָג“.

נעמט דער באָכער מײַנער אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און וויל שרײַבן, זאָג איך אים ווײַטער: „דו קום צו מיר אָפּן בײַנײַען און מאַך אַ טאָלק“.

ווערט ער אײַנקאַעס און וויל פֿאַרענדיקן דעם שמועס, קער איך זיך אויס און זאָג שוין, שטייענדיק בײַ דער טיר: „אויב דו וועסט הײַנט ניט קומען, רופֿ איך אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטער, און דו וועסט האָבן אויסגעריסענע יאָרן“.

— געדאַרפֿט אים זאָגן, אַז מיר וואַרפֿ. די אַרבעט! — אַ ביוראָקראַט געוואָרן.

כאַימלײב האָט דעם רונדן קאָפּ אויסגעדרייט, מיט זײַנע אויגעלעך באַקוקט דעם, וואָס האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, און פֿאַרוווּנדערט געצויגן די אַקסלען:

— אַז אַ מענטש איז אַ נאַר, איז עס אַ געבוירענע זאַך... וועמען מעלדן אַ שטרײַך — שלוימקען? ער איז דאָך מײַן לערנײַנגל געוועז. וויפֿל קלעפּ האָט ער פֿון מיר אופּגעגעסן. געהאַט לעכערדיקע הענט, אָבער אַ קאָפּ — או!... איך געדענק, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט אונדז איצעלע־איר קענט אים ניט, די דײַטשן האָבן אים פֿאַר שווינדל צעשאָסן; אָן דאָרט, אין מויערל לעבט זײַן ווײַבל

פראַדקע. אַן עמעסע נעקייווע געוואָרן... נו, האָט ער אונדז גענומען דרייען אין כעזשבנס... זײַנען מיר ניט פויל און קומען באַנאַכט און צענעמען צוריק די ציגלנע ווענט. דערנאָך זײַנען מיר צען טעג ווי די פייגעלעך געזעסן, און דאָס געלט האָט ער אונדז ערשט ניט אָפּגעצאָלט.

— גענוג, כאַימליב, אַלטע מײַסעס דערציילן, — וואָס איז דער סאָף?

— דער סאָף איז א גוטער. מאָרגן רופן מיר צונויף א פאַרזאַמלונג פון אַלע ארבעטער. שלוימקע וועט זאָגן, ווי מע האַלט אין דער וועלט. נו, און איצט, בעוורע—צו דער ארבעט!

כאַימליב האָט זיך דער ערשטער פונעם בערגל זאַמד אופגעהויבן און אוועקגעשפּאַנט מיט זײַנע גרויסע פיס צו א קופּע שטיינער.

א טאָג איז אָפּגעגאַנגען מיט רעגן. דער הימל איז געוואָרן גראָ און פאַרצויגן. בויער האָבן אָפּ פארשוויצטע אָפּגעבערענטע לײַבער העמדער אָנגעטאָן. כאַימליב האָט אן אַכטפּודיקן שטיין פון א קופּע ארויסגעקײַקלט, אראָפּ־געקײַקלט גרינג און מיט א יונגער געשיקטקייט. די אויגן האָבן שוין לאַנג געבענקט נאָך האַרטן, קרעציקן אוי־בערפלאַך פון שטיין, און אויסגעהונגערטע הענט האָבן דעם האַמער געוואָרפן זײַטיק און געניט. כאַימליב האָט צווישן איין קלאַפּ און א צווייטן א יונגן ציטאָוועץ דערקלערט:

— א שטיין איז ווי א מענטש, מיט איין מאָל וועסטו

אים ניט נעמען, מע דאַרף אים פּאַמעלעך קלאַפּן. די קלעפּ דאַרפֿן פֿריִער זײַן שטילע און ניט קיין שטאַרקע. ווען דער שטיין איז שוין פֿאַרמאַטערט, און די הויט הייבט אָן פּלאַצן, אָט דעמאָלט דאַרף מען דעם האַמער אויפֿהייבן הויך, אָט אַזוי, און דערלאַנגען עטלעכע קלעפּ...

כאַימלייב הייבט אויף הויך דעם האַמער, די קלעפּ פֿאַלן שווערע, הילכיקע, דער האַמער שפּרינגט, ווי מע־שוגע, שפּרינגט און פֿאַלט צוריק. בײַ כאַימלייבן איז דער גוף אָנגעצויגן און דער גאַנצער קויעך איז איבערגעגאָסן אין די הענט. דער קערפּער פֿאַלט אינאיינעם מיטן האַמער, דער שטיין קרעכצט טרוקן, סקריפּענדיק. אַ שטיין־ווינקל איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט, אָבער כאַימלייב בײַט ניט די ריכטונג פֿון די קלעפּ. ער מאַכט אַ לעצטע אָנשטרענגונג, הייבט אויף דעם האַמער הויך איבערן קאָפּ, דער האַמער שנײַדט זיך אײַן אין האַרץ פֿון שטיין. דער שטיין גיט אַ לעצטן, פֿאַרשטיקטן געשריי און צעפֿאַלט אויף העלפֿט.

כאַימלייב שפּאַנט אַוועק מיט די גרויסע פֿיס צו דער קופּע מאַצייוועס.

כאַימלייבס יונגט הייבט זיך אָן הינטערן בייסוילעם־פּלויט, בײַ דער באַן־ליניע. מיט פֿערציק יאָר צוריק האָט ער מיט זײַן טאַטן זאַרעך גאָטליבער געפֿירט שטיינער צו דער ליניע, געפֿירט און פֿאַרדינט זעכציק קאָפּיקעס אַ טאָג פֿאַר זיך און פֿאַרן פֿערדל.

דערלאַנגען זיי איינמאָל אַ שמועס מיט די שטיין־שפּאַלטער.

— וויפל, כעוורע, ארבעט איר אויס א טאָג?

— ווי א טאָג—ענטפערן זיי—אמאָל צוויי, אמאָל דריי רובל.

— און די אַרבעט איז שווער?

— ווי פאר וועמען. אזא יידל, ווי דו, וועט פאַרפּאַס־קודיענען די הויזן, איידער וועט דעם האַמער אופהייבן.

הירזשענען די שטיינשפאַלטער פון דער אייגענער כאָכמע, קוקן מיט כויזעק אף זאָרעכן (זאָרעכ איז אויך געווען א קורצער, דאַרער, און דער גאנצער קויעך איז געלעגן אין די ביינער באַהאַלטן). טוט אויס זאָרעכ דעם אויבערשן בעגעד, נעמט בא איינעם פון די שטיינשפּאַלטער א שווערן האַמער, קלייבט אויס א גרויסן שטיין און הייבט אים אָן געבן עמעסע קלעפּ. דער שטיין איז נאָכן פינפטן קלאַפּ צעפאַלן אף שטיקער. שטיינשפּאַלטער האָבן הירזשענען אופגעהערט, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אף זאָרעכן און געשטומט. אף מאָרגן מאכט צי זיי דער אופזעער (קענטיק, ער האָט צוגעקוקט די גאנצע מייסע): נאַ דיר און דיין בענאַק צוויי האַמערס און שטעלט זיך צו דער ארבעט.

כאַימלייבן איז דאַן געווען זעכצן יאָר. אייט איז אים זעקס און פופציק. פערציק פון זעקס און פופציק שפּאַלט ער שטיינער און לייגט פונדאַמענטן אונטער ציגלנע מויערן.

ער געדענקט די געשיכטע פון יעדן מויער דאָ אין שטאָט, און נאָך מער געדענקט ער די טיפ און ברייט פון די אונטערמויערס, פון די פונדאמענטן.

כאַימלייב איילט זיך ניט אוועקגיין פון ביניען. ער שטייט נאָך לאַנג בא דער קופּע צעשפּאָלטענע שטיינער, רעכנט אויס, וויפל ער האָט פאַר היינטיקן טאָג צעשפּאָלטן. „פינף רובל א טאָג קענען אויסאַרבעטן" — וואַרעמט זיך א געדאַנק אין קאָפּ.

די ציגלנע ווענט אַפן בעטאָנענעם גרונט זיינען פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן, קלעטערן גלייכע, ברוינע פון גראָבן ארויס. באַלד וועט מען שוין זיי פאַרצאָמען און פאַרפלעכטן אין הילצערנע רישטאָוואַניעס.

כאַימלייבן פריִיט עס ניט. כאַימלייב קוקט בייז אַף די שווערע ווענט, וואָס שטייען אזוי זיכער אַפן בעטאָנענעם גרונט, אַף דער „קאַשע", און געדאַנקען אין קאָפּ זיינען אויך שווערע, ליימענע. ער רעדט צו זיך, צו דער קופּע שטיינער:

— דרייסיק יאָר געלייגט שטיינערנע פונדאַמענטן, און איצט נאַ דיר א נייס — טראָמבעווען די קאַשע. אַף וואָסערע צאָרעס דאַרף מען עס!.. ווייניק שטיינער איז דאָ אַף דער וועלט, וואָס?..

ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט פון פּוסטן פּלאַץ וואַרטן אַף אַן ענטפער, אָבער דער פּלאַץ שטומט איצט. אָוונט־טונקלקייט האָט פאַרצויגן די מאַשינעס, די קופּעס אָפּגעלאָשענע וואַפנע. אין דער טונקלקייט פאַרלירן זיי זייער באַטאָגיקער מאַמאָשעסדיקייט, פלעכטן זיך צונויף אין פאַרשאַרפטע געאָמעטרישע ליניעס.

כאַימלייב האָט ליב זייער פאַרשאַרפט, ווינקלדיק אויס־

זעען. ער איז שוין פון יאָרן און צײַט געוווינט צו זײער איבערגעפלאָכטענעם אויסזען, און ברײטע נאָזלעכער אָטעמען אין זיך אַרײַן רײעך פון לײם, וואַפנע און צעמענט.

אַהײם אײַלט ער זיך ניט גײן. אינדער'הײם וואַרט אים קײנער ניט. דאָס ווײַב איז שוין לאַנג געשטאָרבן און קײן קינדער האָט ער ניט געהאַט. שפּאַנט ער ביז שפּעט אַרום איבערן פּוסטן צעגראָבענעם פּלאַץ, באַקוקט, ווי דער צעמענט ליגט אָן א דאַך, ליגט העפקערדיק און איבער־געלאָזן אַפ גאָטס באַראָט.

„און ווי וועט זײַ, אויב באַנאַכט וועט א גאָס טאָן א רעגן".

אין קאָפּ וואַקסן אָן אַסאַך טײַנעס, טײַנעס, וועלכע ער וועט מאָרגן אַרויסזאָגן אַפ דער פאַרזאַמלונג.

אַפן גאַנעק באַם אײַנגעהויקערטן מויערל זיצט הײַנט, ווי אַלע לעצטע אָוונטן, פּראַדקע מײַזל. פונווײַטן זעט זי אויס, ווי א צונויפגעוויקלטע קופּקע שוואַרצקײט. זי דער־קענט כאַיִמלײבן, דערקענט אים נאָכן פּאַמעלעכן גאַנג, נאָך זײַנע גרויסע הענט און פּיס. אַסאַך יאָרן האָט ער בא איר מאַן, בא איצלען דעם פּאָדריאַדטשיק, געאַרבעט. זי שרײַט פונווײַטן:

— כאַיִם לײב, כא.. כא... כא...

צווישן ציגלנע ווענט, אין די צעגראָבענע גריבער פאַלט איר געלעכטער הײזעריק און פאַרשטיקט.

כאַיִמלײב ענטפערט גאָרניט. ער גײט צו נעענטער

צום גאַנעק, באַקוקט פראַדקענ מיט שאַרפע קלײנע אױל־
געלעכ. פאר אימ זיצט אנ אלטע יידענע, אײַנגעװױרעט
אינ א װינטערדיקנ מאַנטל, אָנ א טיכל. די האָר איז ניט
פאַרקעמט אונ אסאַכ גראָע פלעקנ פינקלענ בא איר אינ קאָפּ.
די צורע איז צעקנײטשט אונ ניט געשלאָפנ. א געלע
הױט ליגט אפ איר רונדנ פּאָנעמ, א פּוסטע, אנ איבערי־
קע, װי א פּענכער, פונ װעלכנ מע האָט די גאנצע לופט
אױסגעפּאָמפּעט. אױגנ־שפּעלטלעכ זײַנענ שמאָל אונ אופ־
גערעגט, אונ גרױסע קישעלעכ ליגנ ארומ די אױגנ —
פאַרשטעלנ זײ.

— כא... כא... כא... איר דערקענט מיכ ניט, אלט
געװאָרנ? איסאַקנ האָט מענ דאָכ צעשאָסנ... שױנ לאנג.
איכ בינ הײַנט בא אימ געװענ, בא מײַנ פּליכנ קאָפּ,
ארױסגעטריבנ:

Фрида Сергеевна, я вас больше не знаю!

כאימלײב שלאָפט באַ מיר בא מיר איז זײער א גרױסער
צימער איכ האָב מױרע אלײנ צו שלאָפנ באַנאַכט קריכנ
ארומ מענטשנ אפ די װענט אונ מײַז זײער אסאַכ מײַז
גרױסע פּאַצוקעס װי רעכנט איר כאימלײב פּאַצוקעס
קענענ אופעסנ א מענטשנ איכ שרײַ א גאַנצע נאַכט שרײַ
איכ איכ בינ הײזעריק עמעס באנאַכט פּארלעש איכ ניט
דעמ לאָמפּ קײנער הערט ניט דאָ װױנט דאָכ שױנ קײנער
ניט פארװאָס גיט מענ מיכ ניט קײנ אנדערע דירע א
ביכל דאַרפ מענ האָבנ פונ פאַרײַנ נעכט: האָט בא מיר
גענעכטיקט א שומער אָט דער װאָס היט דאָ די גע־

ביידעס איז ער אנטלאָפן גלייך ווי ס'האָבן זיך באוויזן די מענטשעלעך אף דער וואַנט דעם שפיגל קען איך ניט פארקויפן בעשוים אויפן ניט ווו וועל איך אויסרייסן די גראָע האָר די זיידענע שאַל האָב איך שוין פארקויפט דריי רובל אָפגענומען אין קינאָ קאָסט פערציק קאָפּקעס Фрида Сергеевна я вас не знаю Тоже мужчина старая калоша

כאַימלייב קומט אריין איך וועל ניט שרייען!...'

כאימלייב האָט גאָרניט געענטפערט. כאימלייב איז מיט פאַמעלעכע טריט אוועק צום טויער. פון גאַנעק, פון צונויפגעוויקלטער קופּקע שוואַרצקייט איז אים נאָכגעלאָפן א מעשוגענער געזאַנג, צעמישט מיט אן אָפגעריסן הייזעריק געלעכטער...

VII

א שמאָלער פּאַס לעוואָנע־שיין ברעכט זיך איבער באַם פאַרשטויבטן טריומאָ־שפיגל, ברעכט זיך איבער און קריכט שוין קרום און צעדרייט צום בעט. אין בעט זיצט איצט פראַדקע אן אָנגעטאָנענע אין די געלע שיך און טונקעלע זאָקן, די גראָע האָר צעפלאָנטערט, דאָס פּאָנעם געל און אויסגעמאַטערט. אויגן רויטע, פארלאָפענע קריכן אום מעשוגע אף די ווענט. שוין צוויי טעג, צוויי נעכט, ווי זי ליגט אזוי א צונויפגעדרייטע אין בעט. באטאָג ציילט זי די פלעקן אין די טונקעלע ווענט.

אינאָוונט, ווען טונקלקייט באַפאַלט דעם צימער און

פלעקן ווערן צערונען, בלייַבט פראַדקע אָן ארבעט. זי ליגט מיט אָפענע אויגן און הערט זיך איַין, ווי מייַז פרעסן דעם אלמער, פרעסן אים שפּאָרעוודיק און אויסגערעכנט, ווי אָן ארויסגעגעבענעם פּאַיאָק אין אכצנטן יאָר. באַ פראדקעס בעט שטייט א לאַנגער שטעקן. ווען די מייַז הייבן אָן צו הויך קנאַקן מיט די ציינער און א גריזשערייַ פילט אָן דאָס גאַנצע צימער, הייבט זיך פראַדקע אוף פון ליגן, נעמט דעם שטעקן און הייבט אָן צו קלאַפן אין דיל. אירע קלעפּ הילכן אָפּ אין די פּוסטע צימערן, אין דער טונקלקייט. מייַז דערשרעקן זיך און רייַסן אפּ א ווייַלע איבער זייער עסן.

פראַדקע קוקט, ווי א גרויסע גראָע מויז שפּאַצירט רויק פון איין ווינקל אין צווייטן, דער עק איז א לאַנגער, דינער, שלעפּט זיך נאָך, ווי א זייַדענער שלייף נאָך א כופּע־קלייד....

פון א צווייט ווינקל קריכט ארויס גאָר א יונג מייַזעלע, אזאַ גיכס, רירעוודיקס. עס קוקט זיך ארום דערשראָקן אין א״ע זייַטן, דערזעט די גרויסע מויז מיטן לאנגן דינעם עק און באהאַלט זיך צוריק.

פראדקע האָט מוירע זיך רירן פון אָרט. זי ליגט מיט אָפענע אויגן און שרייַט.

ביז הייזעריקייט שרייַט זי אינדערפינצטער. די מייַז זייַנען שוין געוווינט צו איר פאַרשטיקטן געשריי, צו אירע טעמפּע קלעפּ, גייען זיי אַרום רויק איבערן צימער, פאַרקריכן אַפן טיש, אפ די שטולן, אַפ דער עטאַזשערקע.

פראַדקע שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, טופּעט מיט אירע שווערע געשוואָלענע פיס אָן דיל, קלאַפּט מיטן שטעקן. אין פאַרלאָזענעם מויער; אין טונקעלן צימער זעט זי אויס, ווי אַ מעכאַשייפע, וואָס פאַרטרייבט פון זיך די ניטגוטע. מייז דערשרעקן זיך פאַר איר צעשויבערטן קאָפּ, פאַר די טויבע שווערע קלעפּ אונטער אירע געשוואָלענע פיס, צע־לויפן זיך צוריק אין די ווינקלען.

פראַדקע קריכט ניט צוריק אין בעטל. פראַדקע לויפט ארויס פון צימער אין דרויסן, שפּאַנט אַוועק צום אַלטן בייסוילעם - בוים.

VIII

זעקס הונדערט אַרבעטער.

שטיינשפּאַלטערס, סטאָליערעס, פורמאַנעס, ווענטלייגערס, טעמענטניקעס, זאַמד - גרעבער זיינען געזעסן אַף שמאָלע הילצערנע בענק, געשטאַנען פאַזע די ווענט. א רויך אַף קעפּ פון בויער איז געלעגן א געדיכטער, ביטערער, געגעסן די אויגן.

די געביידע, ווו די בויער האָבן זיך צונויפגעזאמלט, איז געווען א נייע, הילצערנע, זיך געצויגן לאַנג און שמאָל.

באַם טיש איז געשטאַנען שלוימקע, כאַימלייבס טאַלמעד, און גערעדט וועגן ארבעטער־דעמאָקראַטיע און זעלבסט־קריטיק. שלוימקע איז געווען א נידעריקער, ברייטפּלייצי־קער. דער קאָפּ אַ הוילער, אָפּגעגאָלטער. א גאַנץ - לעמפּל

האָט פאַרשפּרייט שוואַכע רייפן שײַן אַרום טיש, דעם רעדנערס קאָפּ האָט פונוויַטנ געבלאַנקט, ווי צינקע־בלעכ, און ווערטער זײַנען דערשטיקט געוואָרן אין די ערשטע רייען — צו די הינטערשטע בענק ניט געקומען.

אפ די הינטערשטע בענק איז געווען טונקל און טומלדיק:

— העכער, מ׳הערט קיין וואָרט ניט!

— העכער!

— העכער!

שלוימקע האָט דעם גלאַטגעגאָלטן קאָפּ מיט א גרויס נאָזטיכל אָפּגעווישט, פּונקט ווי דער קאָפּ וואָלט אויך געהערט צום פאַרשוויצטן פּאָנעם.

— מיר זײַנען מענטשן פאַרנומענע, און אויב מיר האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן און פאַטערן צײַט, איז עס ניט צוליב אויסהערן שיינע מײַסעס. די בויער דאַרפן אָנהייבן ריידן... מיר ווילן וויסן וועגן אונדזערע פעלערן, די אוניווערסיטעט־שטאָט בויט ניט דער פאָלקאָמבילד, ניט דער „ווײַסבוי״, נאָר דער אַרבעטער־קלאַס. יעדער ארבעטער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס דאָ קומט פאַר אַפן ביניען.

כאימליב איז געזעסן אָפּ דער ערשטער באַנק, געזעסן מיט אן אַרויסגערוקטן גרויסן קאָפּ צום טיש און אלץ געווארט, אַז שלוימקע וועט זיך פאַרהאַקן, זיך אָפּשטעלן אינמיטן און ניט וויסן, וואָס ווײַטער צו ריידן. אָבער שלוימקע האָט זיך ניט פאַרהאַקט, געבליבן זיצן א מידער

באַם טיש, געקוקט מיט געוויינלעכע אויגן אַף די אַר־בעטער, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן זייער אַ גרינגע און אַ פּאָשעטע אַרבעט.

כאַימליי האָט צופרידן צו זיך אַליין געשריִען:

„אָט אַ קאַדוילניק, צוויי שאָ מיטן צונג געקלאַפּט, און גאָרנישט, געוואָרן אַן עמעסער מאַגעד!..״

זעקס הונדערט בויער האָבן געשוויגן, געשוויגן שווער און איינגעהאַלטן. אין טונקעלער געביידע, אין אַרבעטער־קיך, האָט זיך איצט געהערט, ווי טראָפּנס רעגן פּאַלן אַפן נייעם שינדלדיקן דאַך, פּאַלן פּאַמעלעך, אָן אַן אויפ־הער. הינטער די פּענצטער, אַפן פּוסטן פּלאַץ האָבן פור־מאַנעס געפירט פורלעך זאַמד פון די אויסגעגראָבענע גריבער. רעדער האָבן איינגעגעסן געסקריפּעט, און קיינער פון די זעקס הונדערט בויער האָבן ניט געוווסט און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע שלעפּט די פורלעך זאַמד פון ביניען צום פּלויט און דערנאָך, אין עטלעכע טעג שפּעטער — צוריק.

— ווער וויל אַ וואָרט?!

אַ שטומשווייגן.

— ווער וויל אַ וואָרט?!

אַ שטומשווייגן.

שלוימקע איז אופגעשטאַנען פון אָרט, באַקוקט די שווייגנדיקע בויער און קורץ דערקלערט:

— הייסט עס, כאַוויירים, אַז אַלץ איז באַ אייך אין בעסטער אָרדענונג, אַלע זיינען צופרידן... קיין טיינעס

איז ניטאָ... קען מען פארמאכן די פארזאמלונג און גיין אהיים...

די שטילקייט האָט געפּלאַצט אין דריי טונקעלע ווינק־ לען:

— ניטאָ קיין אָרדענונג! ווער זאָגט, אז ס'איז גוט.

— די אופזעער פון פאָלקאָמבילד דארף מען אוועק־ זעצן אפן טאָג־סיידער!

— אַ קלוב!

כאימלייב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין טאַקט צו די אויסגעשרייען:

— אָט אזוי, כעוורע, אָט אזוי — דערלאנגט!

דער פּאָרזיצער האָט לאנג געמאטערט אַ קליין גלעקל אין זיין צעשפּאָלטענער האנט און אלעמען איבערגעשריען:

— וואָס שקאָווטשעט איר דאָרט אין די ווינקלען, ווי מייז, קריכט ארויס צום טיש... פּאָליאקאָוו, הייב אָן שניידן.

פּאָליאקאָוו — א יונגער בויער, איינגאנצן צוויי זומערס אין שטאָט, איז פון א ווינקל אַרויס, גענומען זיך רוקן צום טיש. דער קאָפּ איז געגאנגען פּאָרויס, און דער דארער אויסגעצויגענער גוף האָט זיך נאָכגעשלעפּט ניט גערן. אין די ערשטע רייען, אין די סאך באקאנטע און פרעמדע פּנעמער, האָט ער געפונען איינעם, וואָס האָט צו אים געשמייכלט מער, ווי אנדערע, און מיט אים אָנ־ געהויבן היימיש ריידן, ווי מער וואָלט קיינער אין גע־ביידע ניט געווען.

— אומזיסט האָט מען געמאכט א געריכט אפּ יאשקע קאָנדריאַטעוונ... וואָס איז ער שולדיק? אז ס'איז ניטאָ וווהינ זיכ אהינצוטאָנ. די עלטערע ארבעטער גייענ אוועק אהיימ, דריכנענ דאָרט מיט זייערע ווייַבער. אונ וואָס זאָלנ טאָנ די יונגע? — גייט מענ אוועק אינ שענק, אונ אז דער קאָפּ איז שיקער, טוענ די הענט וואָס זיי ווילנ. וואָס, ניט עמעס? איכ בינ געווענ דערבייַ, ווענ זיי האָבנ זיכ צעשלאָגנ. יאשקע איז געווענ טויט שיקער. דערנאָכ האָט זיכ צונויפגעקליבנ א גאנצער זאל אונ גענומענ מישפּעטנ:

„א שאנדע פאר א באוווסטזיניקנ ארבעטער שלאָגנ א כאוועֶר!"

וואָס דענ זאָל ער טאָנ? אינ דאָרפ האָט יאשקע גע־האַט כאוויירימ, מוידנ. אינ די אָוונטנ איז מענ אומגעגאנגענ מיט טענצ אונ געזאַנג, געשפּילט אפּ הארמאָשקע, אונ דאָ וואָס? א קלוב פאר די סעזאָניקעס עפּענענ, אָט וואָס! אונ ניט גלאט מישפּעטנ...

פונ די ערטער האָט מענ איבערגעריסנ:

— דאָס פויערשע בלוט האָט פונ אימ א שפּאר גע־טאָנ?

— זיכ פארבענקט נאָכ מוידנ אונ הארמאָשקע.

— טאנצנ ווילט זיכ אימ!

— ס'רעדט זיכ ווענג ארבעטער־דעמאָקראטיע, ווענג זעלבסט־קריטיק, — אונ אימ גיב פריילעכס...

פּאָליאקאָוו איז אנטשוויגנ געוואָרנ. די אויסגעשרייענ

פון די ערטער האָבן אים צעפּלאָנטערט. ער איז נאָך אַ ווײַלע אַ פאַרלאָרענער געשטאַנען באַם טיש, באַקוקט מיט בייזע אויגן דעם אוילעם און אויסגעשריִען:

— מישפּעטן קענט איר; אַ טראַכט טאָן, פונוואַנען אַ זאַך נעמט זיך — קלעקט ניט קיין קליאָפּקעס אין קאָפּ!..

צום טיש איז צוגעגאַנגען אַן עלטערער אַרבעטער. דער אוילעם איז שטיל און ערנסט געוואָרן.

— פּעדאָראָוויטש, רייד!

פּעדאָראָוויטש האָט זײַן גראָ געשאָרן בערדל עטלע־כע מאָל געגלעט, ווי אַ כאַזן, וואָס פּרוּווט זײַן קאַ־מערטאָן, און זייער געלאַסן אָנגעהויבן ריידן:

— איך וויל זאָגן אָט וואָס:

אַמאָל, אַז מע האָט אָפּגעגעבן בויען אַ מויער אַ פּאָ־דריאַטשיק, האָט מען געמוזט אים קוקן אַף די פינגער... ווײַל פון דרײַ פּרעמדע מויערן איז אויסגעוואַקסן איי־נער — אַן אייגענער. און איצט גלויבט מען אונדז אויך ניט. עצו וומען געהערט דאָס אוניווערסיטעט־שטעטל? — צו דער מעלוכע, צום פּראָלעטאַריאַט. — איז אַף וואָס דאַרף מען די אופּזעער? קומט אויס, אַז איינער האָנט גלויבט ניט דער אַנדערער.

נעכטן גייט צו צו מיר דער אופּזעער און הויבט אָן דרייען אַ קאָפּ:

— מ'דאַרף נאָך זאַמד!

איך בין שוין צוואַנציק יאָר אַף ביניאָנים. אין שלאָף ווייס איך, וויפל מע דאַרף זאַמד האָבן אַף אַ האַלב טונכל

צעמענט. ניין, גיב אים נאָך פאר א גראָשן זאמד... האָב איך אים אָפּגעשיקט צו דער מאמעס־מאמען. דערנאָך מאכט מען א טומל:

— „איך האָב אים באַליידיקט".

אוודע האָב איך אים באַליידיקט. זאָל ער ניט קריכן, ווו ער טויג ניט.

אָט האָט מען געבראכט א פארטיע ברעטער — איז דאָרט א העלפט פארפוילטע. מאך פענצטער און טירן פון פארפוילטע האָלץ, וויפל וועט עס האלטן? הא?...

פעראָדאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגלעט זיין אונטערגעשאָרן גראָ בערדל, ווי ער וואָלט געווען אויס־גערעכנט, וויפל ס'וועלן האלטן די פענצטער און טירן פון פארפוילטן האָלץ.

דער אופזעער פון פאָלקאָמביליד האָט ניט אויסגע־האלטן פון אָרט אופגעשפרונגען און הייזעריק געגו־מען שרייען:

— אין א פארטיע פון פערציק באלקנס קען זיין פיר פארפוילטע. אָבער דער סטאָליער, אויב ער איז אן ערלעכער ארבעטער, האָט קיין רעכט ניט געהאַט מאכן די ראמען פון פארפוילט האָלץ. ער האָט געדארפט, ווי אן ערלעכער ארבעטער, צוגיין און זאָגן:

„דאָס האָלץ איז פארפוילט!"

וואָס האָט ער געטאָן? — ער האָט די ראמען אריי־געשטעלט, אופגעהאנגען א שלעסל און געקומען בעטן געלט...

שטימען האָבן אופגערעגט געשריִען:

— ניט גערדאַרפט צאָלן!

— א גראָשן ניט.

דער אופזעער איז פון די געשרייען זיכערער געוואָרן, דערפילט, אז ער האָט געטראָפן, אז די ארבעטער זײַנען אפ זײַן זײַט, און שוין אָנגעהויבן ריידן גלאַט אפ א רעדנערשן אויפן:

— די קריטיק טיילט זיך אפ צוויי קאַטעגאָריעס. מע זאָגט דאָ, אז מע דארף קיין אופזעער...

די בויער האָבן זיך אָנגעשטרענגט, א ווײַלע געהערט, ווי דער רעדנער דרייט האסטיק און געניט א געדאנק, ציט אים אויס אין די זײַטן און הייבט אים אָן האסטיק ארומטעסען, ער זאָל אויסקומען קלײַנלעכ־דיקער.

„געננוג! — האָט זיך א שטים איינזאם אין א ווינקל אופגעריסן און אזוי איינזאם אָפגעשטאָרבן. נאָר פּלוצים האָבן זיך די ערשטע בענק פאנאנדער־געשריִען, געוואָרפן ווערטער דעם רעדנער גלײַך אין פּאָנעם:

— רייד צום איניען!

— פארוואָס נעמסטו אומזיסט געלט?!

— וואָס טוסטו דאָ?!

— פאר ליידיק ארומגיין?

די געשרייען זײַנען אויסגעוואקסן פון אלע זײַטן, דאָס גלעקל האָט פארלאָרן געקלונגען, און קיינער האָט זײַן דינג געבעט ניט געהערט. דער אופזעער איז

געשטאנענ · א בלייכער, א פארלוירענער. די אויגנ האָבנ אומגעבלאָנדזשעט איבער צורעס, וואָס האָבנ זיכ איצט צונויפגעגאָסנ אינ איינ שטיק. דער אופזעער האָט דער־מאָנט א שטארק קורצזיכטיקנ מענטשנ, בא וועמענ מע האָט פלוצימ די ברילנ צעבראָכנ.

ער האָט נערוועז געזוכט אינ אלע קעשענעס א שטארק־נייטיק פאפיר, א פאפיר, ווו ס׳איז געווענ פאר־שריבנ פונקט נאָכ פונקט, וואָס ער דארפ ריידנ. דאָס פאפיר איז געלעגנ אפנ טיש, אונ ער האָט לאנג געשארט איבער די קעשענעס.

אימ האָט זיכ גענומענ דאכטנ, אז קיינמאָל וועלנ די אויסגעשרייענ ניט שטומ ווערנ אונ ער וועט שוינ שטענ־דיק אונ אלע מאָל דארפנ שטיינ באמ טיש, קוקנ אינ די בייזע צורעס.

— כאוווער קאזאטשוק, דיינ צייט איז געענדיקט!

דער אופזעער פונ פאָלקאָמבילד האָט כיט צעטומלטע אויגנ געקוקט אפ שלוימקענ, ניט פארשטאנענ, וואָס שלוימקע וויל פונ אימ, אלצ געזוכט דאָס פארלוירענע פאפיר אונ פונ אָרט זיכ גיט גערירט.

שלוימקע איז צו אימ צוגעגאַנגענ אונ גוטברודעריש פארטרויט:

— גיי, זעצ זיכ אפ דיינ אָרט, דו וועסט שוינ היינט קיינ כאָכמעס ניט זאָגנ, פאָלג מיר.

בא קאזאטשוקנ אינ קאָפּ איז דורכגעלאָפנ א געדאנק, דורכ־געשניטנ ווי אנ עלעקטרישער טאָק, שארפ אונ ווייטיקדיק:

„פארלאָרן די שטעלע, ניט געוואָרפט היינט קריכן ריידן".

איצט איז אים שוין געווען אלציינס... איצט האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש און, ווי אַמאָל, ווען ער האָט געדינט בא איצעלן דעם פּאָדריאַטשיק, געשריִען:

— שיקורים, באנדיטן! איך האָב אייך אין דר'ערד, אויסוואורפן מאַכט געגעבן. וואַרט, ס'וועט נאָך קומען...

צוויי בויער האָבן אים פון טיש אוועקגעפירט און לאַנג אים איינגערעדט ער זאָל זיך באַרויִקן.

באַם טיש איז שוין געשטאַנען זיאַמקע:

א זעכצניאָריק יינגל.

דאָס שמאָל פּאָנעם איז געווען ריין אויסגעוואַשן. ארום א ווייס העמדל — א שוואַרצער קוטאַזש, אויגן שוואַרצע, קליינע, ווי צעגליטע קוילן, האָבן ארויסגעפינקלט פון דער טונקלקייט. די שטים איז געווען א דינע, געציטערט, ווי דאָס גלעקל פון פּאָרזיצער.

— אונדז באַוואָלטן... מיר זיינען דאָ צוואַנציק יינגלעך, לערנייִנגלעך. מע צאָלט אונדז ניט. דער מייסטער נעמט אָפּ דאָס געלט און צאָלט אונדז אויס אין די ווינקעלעך — וויפל ער וויל. מיר אַרבעטן ניט ערגער פון די ציטאָוועס. די ציטאָוועס באַקומען לויטן טאַריף, און מיר זיינען איבערגעגעבן אָפּן מייסטערס באַראַט.

— פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל! זע, ווי עס רעדט... קען נאָך די לאָפּעטע אין האַנט ניט האַלטן, און דאָס צינגל מאָלט שוין.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך צעשפּאָלטן.

פון איין זייַט—אַלטע בויער: באַוואַקסענע, האָריקע און שווערע, האָבן זיך איצט דערמאַנט אָן זייער יוגנט: א יוגנט א לײמיקע, איבערגעפּלאָכטענע מיט קלעפּ פון מײַסטערס, מיט הונגער, שיקרעס. א בלינדער קאַעס אַף די לערנייִנגלעך, אַף דער האָזעדיקער יוגנט, וואָס שטייט איצט אַזוי זיכער באַם טיש און פאָדערט געלט און רעכט, האָט זיי אײַנגענומען צונויפגעטריבן. זיי זײַנען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע בערד אין א ווי קל, זיך אײַנגעהערט, ווי א טופּעריי פון שטיוול, א פּאַטשעריי פון צעשפּאָלטענע הענט האָבן דעם יינגלס לעצטע ווערטער באַגלייט:

— אָט אַזוי, גיב זיי. די אַלטע מיינען, אַז ס'איז זיי די אַמאָליקע יאָרן—האָט א שטים פון די מיטלסטע בענק אונטערגעהעצקעט.

כאַימלייב איז פון דער קופּקע בערדיקע בויערס אַרויס, אין דער טונקלקייט האָט זײַן קאָפּ אויסגעזען גרעסער, און דער דיקער נידעריקער קירק - רויט, פאַרגאָסן מיט קאַעס.

ער איז לאַנג געשטאַנען באַם טיש, געקוקט מיט זײַנע קליינע אויגלעך אַף די אייגענע הענט, הענט גרויסע, צעשפּאָלטענע, אָט וועט ער א זעץ טאָן מיט איינער פון זיי, וועט א ווינקל־טיש א־אָפּפליִען, זיך צעשיטן, ווי באַטאָג די שטיינערנע מאַציִיוועס.

— שלוימקע, שטיל אײַן די כעוורע. זיך צערעוועט ווי צעבושעוועטע אָקסן.

שלוימקע איז פון אָרט אופגעשטאנען, אָבער דער אוילעם איז שוין אנטשוויגן געוואָרן, געווארט מיט אָנשטרענגונג, וואָס כאימלייב וועט זאָגן. און כאימלייב האָט היינט, ווי אלע מאָל, גענומען דערציילן, ווי ער איז שוין פערציק יאָר אפ ביניאָנים. אָט זאָל שלוימקע זאָגן, וויפל קלעפ ער האָט פון מיר אופגעגעסן. א קלאפ פאר־גייט, און וואָס מע שלאָגט אריין אין קאָפּ, בלייבט. און מיר ווי האָט מען געלערנט די מעלאָכע? — מיט צוקער־בייגעלעך? פערצן שאָ א טאָג געארבעט. און וואָס האָב איך באקומען? — קאדאָכעס, די מאמזיירים קריכן דאָך פון דער הויט פאר גוטסקייט. זעקס שאָ אָפּגעארבעט און פארטיק. און געלט גיט מען זיי. אַלץ וויי ניק. אָט געדענק איך, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אפן ביניען...

כאימלייב האָט זיינע קליינע אויגן פון די אייגענע הענט אָפּגעריסן און פלוצים דערזען, אז דער אוילעם הערט אים ניט, אז דער אוילעם גייט ארום איבער דער גרויסער הילצערנער געביידע, רויכערט, שמועסט, און ארום טיש, אפ די ערשטע בענק זיינען נאָר געבליבן די עלטערע עטלעכע ארבעטער, די „בערד"—ווי מע האָט זיי אפן ביניען גערופן.

כאימלייב האָט זיין מייסע אינמיטן איבערגעריסן און אן אינקאעסד־קער אוועק אפ זיין אָרט.

מער האָט ער צום טיש ניט געקוקט. ער איז געזעסן

א פארשעמטער מיט א געזונקענעם קאָפּ און אַלץ גע-
כאזערט איינע און דיזעלביקע ווערטער:
„קאַליעקעס וואקסן! עמעסע קאַליעקעס".
א רעזאָלוציע האָט מען אָנגענומען מיט הייבן הענט, מיט קלאפּן מיט די פּיס, מיט געשריי, קריגערייַ און טומל. די בויער זיינען פון די בענק אופגעשטאַנען, די ביינער אויסגעגלייַכט, ווי זיי וואָלטן א שווערע ארבעט אָפּגעטאָן.
די בויער זייַנען זיך ניט צעגאנגען. די בויער זייַנען געשטאַנען אין רעדלעך און געוואַרט אף צוויי פּאָעטן: איינער א יִדישער און איינער א ווייַסרוסישער. און די פּאָעטן פון יענער שטאָט, ווי פּאָעטן פון אַלע אנדערע שטעט און לענדער, האָבן זיך געלאָזט ווארטן. געקומען מיט א גרויסער פארשפּעטיקונג. אין דרויסן איז שוין גע-
ווען גוט פינצטער.
א רעגן האָט עטלעכע שאָ נאָכאנאנד געוואַשן ציגל-
נע ווענט. שטיינער, ליים און וואפנע,—זיינען זיי איצט געשטאנענע אופגעבליטע און באפרישטע.
כאָיעמלייב איז געבליבן זיצן אף זייַן אָרט, מיט נייַ-
געריקע אויגן געקוקט אפן פּאָעט, וואָס איז איצט גע-
שטאנען באם טיש און געלייענט זיינע לידער.
דער פּאָעט האָט פארמאָגט א געזונטע יִדישלעכע נאָז, גרויסע שווארצע אויגן, אָ שמאָל פּאַרשאַרפטן קין און שווארצע געגרייַזלטע האָר. די לידער זיינע האָט ער ניט געלייענט, נאָר געזונגען, זיי געזונגען הייזעריק און צע-

צוויגן. כאַימליבן האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען ניט די מעלאָכע.

גאָר אָט האָט דער פּאָעט זײַן ניגון פאַרגעסן, גענומען מאַכן מיט די הענט און וואַרפן האַסטיק ווערטער. אַף כאַימליבן זײַנע ווערטער געפאַלן מיטאַמאָל, גאַנצע הויפנס, ווי פּלוצים וואָלט אַ ציגלנע וואַנט אײַנגעפאַלן, און איינציקע ציגל יאָגן זיך, פאַלן, לויפן אָן אַ וועג און אָן אַן אָפּהאַלט.

כאַימליב האָט ניט געוואוסט, אַז דער באָכער אין פּענסנע, — אַזאַ, דאַכט זיך, דינער, קליינוווּקסיקער זאָל פאַרמאָגן אַזאַ הויכע, מעכטיקע שטים.

און די יוגנט איז געשטאַנען מיט פאַריסענע קעפּ, מיט אָנגעצונדענע אויגן, זיך נאָכגעיאָגט נאָכן גיכן לויף פון יידישן פּאָעט, און געלאַכט, ווען ער האָט געוואָלט, און געוואָרן ערנסט און פאַרטראַכט, ווען ער האָט ווײַטער זײַן אויסגעצויגענעם ניגון געפּונען; ביז ווייטיק, ביז טויבערײַ געפּאַטשט מיט די הענט, פריידיק געשריִען און אים נעמען פון זײַנע לידער צום טיש געוואָרפן, גע־בעטן און איבערגעבעטן:

— נאָך! נאָך!

— לייענט ווײַטער!

— כאַימליבן איז שווער געוואָרן ווײַטער זיצן, איז ער פאַמעלעך און ניטבאַמערקט פון דער הילצערנער געבײַדע אַרויס און אַוועקגעשפּאַנט צום בינייען.

אַפן בייסוילעם־בוים איז געהאַנגען פּראָדקע מײַזל.

איר שווערער פינפפודיקער גוף איז געהאנגען נידע־ריק, גראָבע פיס אין הויכע געלע שיך און טונקעלע זאָקן האָבן זיך געשלעפּט הארט בא דער ערד, און ס'איז שווער געווען צו טרעפן, ווי אזוי זי האָט זיך שטייענדיקערהייט אופגעהאנגען.

אין דער פינצטערער נאכט האָט זיך כאַימלייבן אויס־געדאכט, אז דאָס האָט דער ווינט א צווייַג פון אלטן בייסוילעם־בוים אָפּגעבראָכן, אָפּגעבראָכן און געלאָזן אים הענגען מיטן קאָפּ צו דער ערד געבויגן.

כאַימלייב איז פארבייַגעגאַנגען און אוועקגעשפּאנט ווייַטער צום ביניען.

ביז האלבער נאכט איז ער אומגעקראָכן צווישן די ציגלנע ווענט, צווישן די גראָבנס. קליינע אויגן זייַנען נאָך אַלץ געווען צעשפּאלטן פון קאעס. געדאנקען אין קאָפּ האָבן געקלאפּט, ווי מיט האמערס, אלץ געוואָלט פארשטיין, וואָס האָט הייַנט פּאסירט... פארוואָס האָבן הייַנט די בויער אים ניט געוואָלט הערן?..

ער איז א מידער, א פארמאטערטער געבליבן זיצן אף א קופּע שטיינער. די שטיינער זיינען נאָך געווען פייַכט, אָבער כאַימלייב האָט עס ניט געפילט, ווי אייַנ־געזונקען אין שטיין איז ער געזעסן, די גרויסע פיס און קני פארבויגן, די הענט פארוקט טיף אין די קע־שענעס, דעם קאָפּ ארויסגערוקט, ווי ער וואָלט אים גע־וואָלט פון האלדז אָפּרייַסן.

זייַן לעבן איז אומגעקראָכן אף ווענט פון מויערן,

אײַנגעזונקען געוואָרן אין טיפֿע פֿונדאַמענטן, אין אונ־טערמויערס... פֿונדאָרט איצט אַרויסגעקראָכן מיט קלעפּ, מיט שענק, מיט אַ קראַנק ווײַב, וואָס האָט אים קיינ־מאָל קײַן פֿרייד און קינדער ניט געגעבן. און וואָס מע־רער ער האָט זיך צו זײַן אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט צוגעקוקט, אַלץ בולעטער, קלאָרער איז אַ געדאַנק אין זײַן גרויסן קאָפּ אויסגעוואַקסן:

„די יוגנט וויל ניט אַזוי לעבן, און איך בין אַן אַלטער שוטע, וואָס איך האָב צו איר טענות...

אין קאָפּ בײַ כאַימליבן איז געוואָרן גרינג און פּוסט. מער קײַן געדאַנקען זײַנען ניט געווען. ער איז פֿאַמעלעך פֿון אָרט אופֿגעשטאַנען און אַוועק אַהיים שלאָפֿן.

אַ נײַער טאָג איז געקומען אַ געוויינלעכער: מיט אַרבעט, טומל, געשריי. די ווענט זײַנען שוין געווען צו הויך, מע זאָל קענען מיט אַ מענטשלעכער האַנט דער־לאַנגען. סטאָליערס האָבן פֿלעקענער אין דער ערד אַרײַנגעקלאַפּט, די ציגלען ווענט אין הילצענע רעשטאָ־וואַניעס אָנגעטאָן.

כאַימליב איז לאַנג אומגעגאַנגען איבערן פּוסטן פּלאַץ, אַלץ געזוכט דאָס נעבעכדיקע ייִנגל, דאָס ייִנגל, וואָס האָט אַף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די בויער גערעדט.

כאַימליב האָט אים געפֿונען בײַ דער מאַשין, און פֿרייליך, מיט אופֿגעלעבטע אויגן גערופֿן:

— קום אַהער, מאַזער, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

א ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען שווײַגנדיקע, זיך שטום אָנגעקוקט.

— כאַיִמלייב, רעדט, באַלד ברענגט מען נײַע פור־לעך צעמענט.

כאַיִמלייב האָט זײַן גרויסע האַנט אַף זײַן שמאָלער פּלייצע אַוועקגעלייגט און ערנסט געפרעגט:

— דו ביסט ווען געווען אַף אַ ציגעלניע? ניין. — איז הער: באַ אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ציגעלניע. צוויי פערד מיט פאַרבונדענע אויגן זײַנען אומגעגאַנגען אין אַ ראָד, געקנאָטן די ליים אין גרוב. נו, פאַר־שטייסטו, ווען מע בינדט זיי אָפּ די אויגן, וואָלטן זיי ניט געוואָלט פון פאַרטאָג ביז שפּעט באַנאַכט זיך טאָפּ־טשען אַף איינעם און דעמזעלביקן אָרט. אַ פערד האָט אויך סייכל. אז מע פארבינדט די אויגן, דאַכט זיך זיי, אז זיי פאָרן אַף אַ לאנגן, לאַנגן וועג.

דאָס זעכצניאָריק ייִנגל האט פארוואונדערט אָנגעקוקט כאַיִמלייבן. כאַיִמלייב האָט געקוקט אָן אַ זײַט, דער קאָפּ איז געווען געזונקען, און גרויסע הענט האָבן זיך גע־פּלאָנטערט באַ די זײַטן, זיך ניט געהאט ווו אַהינצוטאָן.

— אַ שויטע בין איך! אַן אַלטער שויטע — האָט ער פּלוצים בייז אַרויסגעפּלאַצט. — אַליין ווי אַ פערד אַ גאַנץ לעבן מיט פאַרבונדענע אויגן אין ראָד אומגעקראָכן און וויל אײַך אַפן זעלביקן וועג שלעפּן. און איר, מאַמזיירים, לאָזט זיך ניט — האָט ער פּלוצים זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט, דעם יאַטל אַ שטויס אין זײַט געגעבן און גענומען אַוועקגיין.

כאַימליבן איז פּלוצים געוואָרן גוט, אין הענט האָבן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ער האָט דעם יאַטל, ווי אַ גרינג זעקל, מיט איין האַנט אויפגעהויבן, אַוועקגעטראָגן צו דער קופּע שטיינער, אַוועקגעזעצט נעבן זיך און געבעטן דערציילן, וואָס האָט עס דער באָכער אין די פּענסנע געזונגען.

פון אייַנגאָרנדיקן, האַלב־אייַנגעפאַלענעם מויערל האָט מען פּראַדקען אַרויסגעטראָגן. דאָס פּאָנעם איז געווען בלאָ און אָנגעשוואָלן, טראָפּנס פאַרטריקנט בלוט איז אַף די ליפּן געלעגן, ווי עמעצער וואָלט איר צושטאַרק אין די ליפּן געביסן.

אַרום אָרן האָבן זיך געפּאָרעט צוויי פרעמדע יידן, יידן שאַמאָסים, וואָס האָבן געננוי ניט געוווּסט, ווער ס'וועט זיי פאַר דער טירכע באַצאָלן. די שאַמאָסים האָבן איר אין אייַלעניש אין אָרן אַרייַנגעשטופּט, און איינער פון זיי האָט איר טויטן קערפּער מיט א וויץ באַגלייט:

— ניט פאַרגינען כעוורעקאַדישע! ניט געקענט שטאַרבן מיט אַ צען יאָר פריער... אַ נאָגעד האָט מאַזל...

דער צווייטער שאַמעס האָט ברייט און צופרידן געלאַכט, די ווייכע שטוביקע זאַכן אַפן וואָגן אונטערן אָרן באַהאַלטן, געייַלט דעם פורמאַן, ער זאָל גיכער פון הויף אַראָפּפאָרן.

כאַימלייב דער אַלטער שטיינשפאַלטער האָט נאָך אינעם זעלביקן טאָג דאָס פּוסטע מויערל געגומען צעברעכן...

אינהאַלט:

די אקאדעמיע פון ביאָגראַפיעס (נאָטיצן) 3

דער סאָף פון א יונגער ליבע 53

אַ טאָטע (נאָוועלע) 83

א פרוי מיט א שראַם אַף דער האַנט (נאָוועלע) 101

די „שוואַרצע” און די „געלע” (נאָוועלע) 121

דער קרייז בלייבט געשלאָסן (שפאַס) 131

צוויי וויאָרסט הינטער כאַרקאָוו 141

ארום דער שטאָט יעוופּאַטאָריע (דערציילונג) 201

אפן געוועזענעם מינסקער בעסוילעם (דערציילונג) 241

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער
ל. מ י ש ק א ו ו ס ק י. טעכאָנ-
פירער ל. — ו ו ע ק ס ל ע ר.
קאָרעקטער—ל. ה י ל ע ר. פאפיר
68x100—$^1/_{32}$—40 קג. 9 דרוק-
בויגנ, אינ 1 פאפיר - בויגנ.
96000 דרוק-צייכנס. אָפּגעגעבנ
אינ זאַצ—5 אָקט. 1934 י. אונ-
טערגעשריבנ צום דרוק דעם
29 - טנ יולי 1935 - טנ יאר